STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00014

# DI VERK FUN YITSHAK LEYBUSH PERETS

Isaac Leib Peretz

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Betty Retter*
*in memory of*
*Dr. Manfred R. Lehmann*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די ווערק פון יצחק לייבוש פרץ. צוועלף בענד.
צוזאַמענגעשטעלט אונטער דער רעדאַקציאָן פון
דוד פינסקי

דריטער באַנד

ארויסגעגעבען פון פארלאג „אידיש“, ניו־יאָרק.
תר״פ — 1920

# י. ל. פרץ

# ערצעהלונגען

ארויסגעגעבען פון פארלאג „אידיש", ניו-יארק.

Copyright 1920
by
JEWISH BOOK AGENCY, INC



# ערצעהלונגען

# שלום בית.

חיים איז א טרעגער.

אז ער געהט דורך דער גאס, איינגעהויקערט אונטער'ן קאסטען סחורה, זעהט מען איהם נישט ארויס; עס דאכט זיך, אז דער קאסטען געהט אליין אויף צוויי פיס... דאס שווערע אטעמען הערט זיך דאך פון ווייטענס!

דאך — אט לעגט ער אפ די לאסט, באקומט זיינע עטליכע גראשען; ער גלייכט זיך אויס, אטעמט שטארק אפ, בינדט אפ די פאלעס, ווישט זיך אפ דעם שוויים פון פנים, געהט גלייך צום ברונען, טוט א פאר שלינג וואסער און לויפט אין א הויף אריין.

ער שטעלט זיך לעבען א וואנט, הויבט אויף דעם ריזען־קאפ אזוי, אז דער שפיץ באָרד מיט דער נאז, מיט'ן דאשעק פונ'ם הי־טעל, קומען אוים אויף איין שטח.

ער רופט:

— חנה!

פון אונטער'ן דאך עפענט זיך א קליין פענסטערל, און א קליין ווייבעריש קעפעל אין א ווייסען ציפיק ענטפערט:

— חיים?!

דאס פאר־פאלק קוקט זיך גאנץ צופרידען אן; די שכנים זא־גען: זיי קעטשקען זיך. חיים ווארפט ארויף זיין פארדינסט, איינגעוויקעלט אין א שטיקעל פאפיר. חנה כאפט עס אין דער לופט; עס איז איהר נישט דאס ערשטע מאל.

— א בריה נפלאה! — מאכט חיים, און האט גאר קיין חשק נישט אוועקצוגעהן.

— געה, געה, חיים! — שמייכעלט זי, — איך קאן מיך נישט ריהרען פון קראנקען קינד... איך האב צוגעשטעלט דאס וויגעל צום

קוימען... מיט דער האנט שוים איך און מיט'ן פוס וויג איך...

— וואס מאכט עס, נעבעך?

— בעסער!

— געלויבט איז גאט! און הענע?

— ביי דער געהטאריין!

— יוסל?

— אין חדר.

חיים לאזט צוריק אראפ די בארד, געהט אוועק און חנה קוקט איהם נאך, ביז ער ווערט איהר פארשוואונדען.

דאנערשטאג און פרייטאג דויערט עס לענגער.

— וויפיעל האסט דו דא אינ'ם פאפירל? — פרעגט חנה.

— צוויי און צוואנציג גראשען.

— איך האב מורא, עס איז ווייניג!

— וואס דארפסט דו דען, חנה?

— פאר א זעקסער שמירעכטס פאר'ן קינד, פאר עטליכע גראשען ליכט. חלה האב איך שוין... פלייש אויך, אנדערטהאלבען פונט... נו — בראנפען אויף קידוש!... היינט דארף מען נאך עטליכע דרעננלעך!

— דרעננלעך וועל איך דיר שוין שאפען, עס מוז זיין אויפ'ן מארק.

— דארף איך נאך...

און זי רעכענט אוים, וואס זי דארף נאך אלץ אויף שבת. סוף כל סוף בלייבט: אז מ'קען קען קידוש מאכען איבער חלה, און אז אהן אסך זאכען איז זיך גאנץ לייכט צו באגעהן.

דער עיקר איז — בענש-ליכט, אויך די זאלב פאר'ן קינד!

און פונדעסטוועגען, אז גאט העלפט, די קינדער זענען געזונט, די מעשענע לייכטער — נישט פארזעצט, בפרט, אויב עס איז דא נאך א קוגעל — האט דאס פאר-פאלק גאר א פרעהליכען שבת!

**ווארים חנה איז א בריה נפלאה צום קוגעל!**

שטענדיג פעהלט איהר עפעס: דא מעהל, דא אייער, דא פעטס, און צום סוף קומט ארוים א פעטער, א זיסער, א מחיה'דיגער קוגעל; ער צוגעהט פשוט אין אלע אברים!

— דאָס קאָכט דער מלאך, — זאָגט חנה, און שמייכעלט פאַר נחת.

— יאָ, אַ מלאך, אודאי אַ מלאך! — לאַכט חיים, — דו מיינסט, אַז דו ביסט אַ קליינער מלאך, אַז דו האַלסט אויס פון מיר און פון די קינדער... וויפיעל מאָל טוען זיי דיר אָן צרות, איך ווער אַמאָל בייז... נו, איך הער עפּעס אַ קללה פון דיר, ווי אַנדערע ביי די ווייבער? און באַשר, דו האָסט אַסך נחת פון מיר? דו און די קינדער געהען נאַקעט און באָרוועס... צו וואָס טויג איך? נישט צו קידוש, נישט צו הבדלה, איך קאָן אפילו נישט רעכט קיין זמירות זינגען...

— ביסט פאָרט אַ גוטער טאַטע, און אַ גוטער מאַן! — האַלט זיך חנה ביים איהריגען, — אַזאַ יאָהר אויף מיר, און אויף כל ישראל... איך זאָל מיך נאָר עלטערען מיט דיר, רבונו של עולם!

און דאָס פּאָר־פאָלק קוקט זיך אין די אויגען אַריין אַזוי גוט, אַזוי וואַרעם, און אַזוי מיט׳ן גאַנצען האַרץ, אַז עס דאַכט זיך, זיי זענען ערשט פון אונטער דער חופּה אַפּיר...

עס ווערט נאָך פרעהליכער ביים טיש...

נאָר נאָכ׳ן שלאָף, געהט חיים אין קליינעם שולכעל אַריין הערען תורה.

דאָרט לערענט אַ מלמד מיט׳ן פּראָסטען עולם „אלשיך“. עס איז היים, די פּנימ׳ער זענען נאָך פאַרשלאָפען; איינער כאַפּט נאָך אַ דרימעל, דער צווייטער לאָזט אַרויס אַ הויכען געניץ; נאָר ראַפּטום, ווען עס קומט צום רעכטען אָרט, מען שמועסט פון י ע נ ע ר וועלט, פון גיהנום, וואו מען שמייסט די רשעים מיט אייזערנע ריטער; פון ליכטיגען גן־עדן, וואו די צדיקים זיצען אין גאָלדענע קרוינען און לערנען תורה — דאַמאָלט ווערען אַלע אויפ־געלעבט; די מיילער — אָפען, די פּנימ׳ער — רויט... מען הערט זיך איין אָהן אַן אָטעם, וואָס עס וועט זיין אויף יענער וועלט!

חיים שטעהט געוועהנליך ביים אויוון. ער האָט טרערען אין די אויגען, עס ציטערען איהם הענט און פיס; ער איז אינגאַנצען אויף יענער וועלט!

ער ליידט צוזאַמען מיט די רשעים; באָדט זיך אין הייסער סמאָלע; ער ווערט געוואָרפען כף הקלע, קלייבט שפּענער אין וויס־טע וועלדער... אַלץ לעבט ער דורך, און עס באַדעקט איהם דער קאַל־

טער שוויים... פאר דאס האט ער שפעטער נחת געהאט מיט אלע צדיקים: דער ליכטיגער גן־עדן, די מלאכים, דער לויתן, דער שור־הבר, און אלע גוטע זאכען, שטעלען זיך איהם פאר אזוי לעבעדיג און אזוי בולט, אז ווען דער מלמד ענדיגט, גיט א קוש און פאר־מאכט דעם ספר, כאפט ער זיך אויף ווי פון א חלום, טאקע ווי פון יענער וועלט.

— אך, — כאפט ער שווער דעם אטעם, וואס ער האט איינ־געהאלטען די גאנצע צייט, — רבונו של עולם! כאטש א שטיקעל, כאטש א פיצעל, כאטש א בראקעניו עולם הבא... פאר מיר, פאר מיין ווייב, און פאר אלע מיינע קינדערלעך!

און דאמאלט ווערט ער טרויעריג; ער פרעגט זיך: „אימ־שטיינס געזאגט, פון וואס, פאר וואס?...“

איינמאל איז ער נאכ׳ן לערנען צוגעגאנגען צום מלמד:

— רבי, זאגט ער, און זיין קול ציטערט, — גיט מיר אן עצה, איך זאל זוכה זיין צו האבען עולם הבא!

— לערען, מיין קינד, תורה! — הערט ער א תשובה.

— איך קאן נישט!

— לערען משניות... עין־יעקב, כאטש פרק...

— איך קאן נישט!

— זאג תהלים!

— איך האב קיין צייט נישט!

— דאווען ערנסט!

— איך פארשטעה נישט, וואס איך דאווען.

דער מלמד קוקט איהם אן מיט רחמנות.

— וואס ביסט דו? — פרעגט ער.

— א טרעגער.

— נו, זיי משמש תלמידי חכמים.

— וואס הייסט?

— טראג, למשל, אלע פארנאכט אין בית המדרש אריין א פאר קאנען וואסער, די לומדים זאלען האבען צו טרינקען...

חיים ווערט דערפרעהט.

— רבי, — האט ער ווייטער געפרעגט, — און מיין ווייב?

— אז דער מאן זיצט אויף א שטול אין גן־עדן, איז דאס ווייב זיין פוסבענקעלע.

אז חיים איז אהיים געקומען הבדלה מאכען, איז חנה געזעי־סען און געזאגט „גאט פון אברהם”. אז ער האט זי דערזעהן, האט איהם עפּעס אנגעכאפּט ביים הארץ.

— ניין, חנה, — פאלט ער צו איהר צו, — איך וויל נישט, דו זאלסט זיין מיין פּוסבענקעלע... איך וועל מיך אראפּבויגען צו דיר, איך וועל דיך אויפהויבען און זעצען דיך לעבען מיר. מיר וועלען צוזאמען זיצען אויף איין שטול, ווי אצינד... עס איז אונז אזוי גוט צוזאמען... הערסט, חנה, דו מוזט זיצען מיט מיר אויף איין שטול... דער רבונו של עולם וועט מוזען באשטעהן!

# אין קעלער־שטוב.

א גרויסע קעלער־שטוב, פול מיט בעטען!

פריידע די האלאדריגיכע שלאפט שוין לאנג אויף איהר קאס־טען, אין איהר ווינקעלע צווישען אויווען און וואנט. זי האט זיך היינט פריה געלעגט, ווייל עס איז מארגען יריד אין א נאהנטען שטעדטעל, דארף מען אויפשטעהן פריה און ארויספאהרען מיט דער מאזש. זי שלאפט דאך אומרוהיג — זי וועט האבען צרות צרורות מיט'ן געלעגנהייט: זי האט באדונגען דעם בעל־עגלה, ער זאל זי אויפנעמען מיט א קליינעם פעסעל, און נאך פאר'ן איינשלאפען האט זי א ישוב געהאט, אז עס איז גלייכער מיטצונעמען דאס גרוי־סע פאס. זי האט זיך לאנג אומרוהיג געווארפען אויפ'ן געלע־גער: „א בייז מויל א אידענע האט — האט זי אויף זיך אליין זיך געבייזערט — ארויסגעבאפט זיך: „ס'קליינע פעסעל"! נאך וואס? נאך וועז? דעם בעל־עגלה'ס דאגה? ער וועט דארפען מפיים זיין די פערד מיט נאך אביסעל האבער?" אזוי ווארטשענ־דיג אויף דער מאוס'ער צונג, וואס אז אשה האט, איז זי קוים איינ־געשלאפען. פון אונטער'ן איבערבעט שטארט ארויס א רויט קאַ־פענטיכעל, וואס פאלט איהר אראפ אויפ'י פנים, ווי א רעמעל ארום דער שפיציגער, בלוויליכער נאז. זי אטעמט שווער. זי מוז האל־טען די ביינינגע הענט אויפ'ן אלטען הארץ; גאט ווייסט, וואס עס חלומ'ט איהר! אפשר ווארפט זי דער בעל־עגלה אוועק, און זי בלייבט א האלב יאהר אהן פרנסה!

דער ווינקעל קעגענאיבער געהערט צו יוסל וואסער־טרעגער. דאס ווייב מיט צוויי קינדער שלאפען אין איין בעט און ער מיט'ן על־טערען חדר־אינגעל — אין צווייטען. פון די בעטען רייסט זיך אויך אלע מאל ארויס א זיפץ, דא איז מען אויך איינגעשלאפען מיט עגמת־נפש. דאס חדר־אינגעל האט געוויינט „רבי־געלט"! און

די עלטערע טאכטער איז געבליבען אהז אז ארט. זי האט געהאט א וואוילע שטעל, ביי א פאר־פאלק אהן קינדער, דאחף פלוצלונג די בעל־הבית'טע שטארבען! זי איז אהיים געקומען; זי וועט דאך נישט בלייבען אליין מיט'ן אלמן! עס קומט איהר א פאר רובל שכירות; מען וואלט געקאנט דערפון כאטש רבי־געלט באצאהלען; טען'עם אבער דער אלמן „לא פקדני" — דאס ווייב האט איהם נישט אנגעזאגט און ער אליין ווייסט נישט; ער האט זיך קיינמאל נישט געמישט אין ווייבערישע זאכען. איידער מען איז איינגעשלאפען, האט מען זיך אפילו אביסעל געקריגט: די מוטער האט געראטען, מען זאל דעם אלמן רופען צו א דין־תורה; די טאכטער וויל בעסער שרייבען א פראשעניע, אדער צום „מיראוואי", אדער צום „נאטשעלניק". יונה ווילביידע עצות נישט הערען: דער אלמן וועט זיך נוקם זיין און אפרעדען איהם אלע בעלי־בתים.
„ער דארף נאר — זאגט יונה — געבען א פיפץ, בין איך אויס קאפעלויש־מאכער... עס האט דען א שיעור, וויפיעל וואסער־טרעגער עס געהען היינט ארום שלינג־און־שלאנג, זייט מען האט די וואסער־לייטונג געמאכט?"

ארויף צוציהער שנארכט בערעל טרעגער איינער אליין ווי א „כראביע" אין בעט. ביידע קינדער שלאפען אין צווייטען; דאס ווייב איז א קעכין און האט היינט א חתונה. דאך — שלאפט מען אויך נישט רוהיג. בערלען בלאנדזשעט ארום שוין א צייט עפעס א וועהטאג צווישען די ביינער. אויך דער עלטערער זוהן זיפצט אלע מאל פון שלאף; ער ארבייט ביי קאלך־לעשען און האט זיך א פיסעל אפגעבריהט.

נאך ווייטער שלאפט ווי א „כראבינע", איינע אליין אין א בעט, צירעל די זיצעריין; אין צווייטען שלאפען אלע דריי קינדער. איהר מאן איז א נאכט־וועכטער. כעלות, אז ער וועט קומען, וועט זי ארויסגעהן מיט ברויט און פרישע בייגעל.

מיר האלטען שוין ביים דריטען ווינקעל. עס שטעהט נאך א בעט — א שמאל אייזערן בעטעל. אן אומגעזונט־געריוטעלטער פרויען־קאפ שלאגט זיך אפ פון א קנויל־אלטווארג, וואס דינט איהם אלס קישען. די יונג־פארברענטע ליפען עפענען זיך אפט, ארויסצולאזען א שווערען זיפץ. „א שווערע פרנסה" האט איהר מאן. „ער האט קיין מזל נישט." מיט חירוף־נפש האט ער יענע וואך ארויס־

געשלעפט א קופּערנעם קעסעל און באַגראָבען אין זאַמד הינטער דער שטאָדט — האָט מען איהם געפונען! ווער ווייסט, מיט וואָס ער וועט היינט אהיים קומען? אפשר זיצט ער שוין גאַר... און דאָ האָט מען דריי וואָכען קיין טעפּעל וואַרעם וואַסער נישט צוגע־שטעלט... פון דער דירה טרייבט מען...

„א שווערע פרנסה... אהן מזל!“ זיפצען די פאַרבּרענטע ליפּען. און מען מוז זיך נאָך פאַר שכנים היטען. מען פרעגט אלץ: וואָס טוט דיין מאַן? וואָס קומט ער אזוי שפּעט אהיים?...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איבּער אלע בעטען ציטערט א טונקעלע שיין פון מיטען שטוב; פון איבּער די שפּאַנישע ווענטלעך, וואָס זענען די גרענעצען פון א יונג פּאָר־פּאַלקס ממשלה. טריינע׳ס „ד׳ אמות“. די יונגע בעל־הבית׳טע שלאָפט נאָך נישט; ערשט צוויי חדשים נאָך דער חתונה — וואַרט זי אויפ׳ן מאַן, וואָס דאַרף קומען פון בית־המדרש. ביי איהר ברענט עס דער קאַגאַניעץ, וואָס וואַרפט העל־ווייסע פלעקען אויפ׳ן שוואַרצען סופיט און שיקט אַרויס, דורך די לעכער פון שפּאַנישען ווענטעל, די עטליבע אָרעמע שטראַלען, וואָס טאַנצען איבער די אָרעמע בעטען מיט די אָפּגעאַרבייטע, מידע פּנים׳ער.

אין טריינע׳ס ממשלה איז ליכטיגער און ריינער. — צווישען ביידע בעטען אויף א ווייסען טישעל ליגט א קרבן־מנחה סדור צווישען צוויי קליינע מעשענע לייכטערלעך — איהר דרשה־געשאַנק! אויף דער וואַנט הענגען חתונה־מלבושים, א טלית־זאַק מיט אַן אויסגענעהטען מגן־דוד. פאַר דאָס איז קיין בענקעל אין דער ממשלה נישטאָ. זי זיצט אויף א בעט, פאַרדריכט א נעץ פאַר די ציבעלעס, וואָס ליגען לעבען איהר צוזוואַרפען אויפ׳ן ליילעך. דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט ליגט אויפ׳ן צווייטען בעט — אונטער׳ן בעט־געוואַנט איז באַהאַלטען דאָס יאַיבעל אויף וועטשערע.

עס עפענט זיך שטיל די טיר. טריינע ווערט רויטליבער, זי פאַרלירט די נעץ פון דער האַנט און שפּרינגט אויף פון בעט. זי בלייבט דאָך שטעהן, — עס פּאַסט נישט פאַר שכנים; טאָמער כאַפּט זיך ווער אויף, וועט מען חוכא־טלולא פון איהר מאַכען! צרות האָט זי פון די שכנים! פון פריידע׳לען, דער עיקר... זי קאָן נישט פאַרשטעהן, ווי אזוי מען שילט נישט א מאַן באַלד צומאָר־גענס נאָך דער חופּה! „וואַרט—זאָגט זי—די „אַלטע מכשפה!“—

דו וועסט שוין זעהן! וואס פאר א מזל דו וועסט ביי איהם האָבען... וויַיז איהם נאָר א פינגער!"

פריידעל לאָזט איהר קיין פרייע מינוט נישט. א מאַן — זאָגט זי — אז מען פיהרט איהם נישט אַרום ביים נאָז, איז ער ערגער ווי א וואָלף; ציהט ער די קליי פון די ביינער אַרויס, דאָס בלוט זויגט ער אויס פון די אָדערען! שוין צעהן יאָהר—זאָגט פריידעל—זיצט זי אָהן א מאַן, און קאָן נאָך אַלץ צו די כחות נישט קומען! און פריידעל איז א קלוגע אידענע. א מלומדת! „וואָס עס קומט איהם — זאָגט זי — על פי דין, וואַרף איהם ווי א הונט א ביין, און ווייטער — וואַרע! נ אָ ר פון דערווייטענס און — נ אָ ר געפלוכט!"

טריינע האָט צייט דאָס אַלץ זיך צו דערמאָנען, וויַיל עס דויערט. איידער יוסעלע גנב'עט זיך דורך אויף די נעגעל צווישען די שכנים; יעדער טריט זיינער שלאָגט איהר אָפּ אין האַרץ, נאָר אַנטקעגען געהן — פאַר קיין שום געלט נישט. אָט פאַלט ער שיעור! אָט איז ער שוין ביי די וועַנטלעך. — זי אָטעמט אָפּ.

— גוט־נ'אָוונט! — מאַכט ער שטיל מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען.

— גוט־יאָהר! — ענטפערט זי נאָך שטילער.

— ווילסט עסען? — פרעגט זי.

— און דו?

— מאַ..

ער איז אַרויס הינטער די וועַנטלעך און איז צוריקגעקומען מיט אָפּגעוואַשענע הענט; זי דערלאַנגט איהם א האַנטוך. אויפ'ן עק פון טישעל שטעהט שוין גרייט א „מוציא" מיט זאַלץ און דאָס אָפּירגענומענע יאיכעל.

ער זיצט אויף זיין בעט, אויפ'ן גאַנצען בעט־געוואַנט; זי אויף איהרען מיט די ציבעלעס. זיי עסען גאַנץ לאַנגזאַם און רעדען דערביי מיט די אויגען — ווי ערשט נאָך א חתונה, און מיט די מיילער — פון פרנסה.

— נו, ווי האָלסט דו?

— אָט, — זיפצט ער אָפּ, — דריי תלמידים האָב איך שוין!

— בלייבט טאַקע מלמדות? — פרעגט זי טרויעריג.

— מאַ! ענטפערט ער.

— געלויבט איז גאָט דערפאַר, — טרייסט זי זיך און איהם צוזאַמען.

— געלויבט איז גאָט — זאָגט ער איהר נאָך — נאָר דאָס איז ערשט הונדערט און צוואַנציג רובל!

ער זיפצט.

— נו, וואָס זיפצסט דו?

— רעכען! — ענטפערט ער, — אַ רובל אַ וואָך דירה־געלט, איז זעקס און צוואַנציג רובל אַ זמן; שולדיג בין איך נאָך... חתונה־הוצאות...

— ווי הייסט? — פרעגט זי פאַרוואונדערט.

ער שמייכעלט:

— דו מיינסט טאַקע, נאַרעלע, אַז דער טאַטע האָט געקאָנט מעהר ווי צוזאָגען?

— נו, הכלל? — האַקט זי איהם איבער.

— דאָס הייסט — פיהרט ער ווייטער דעם חשבון — אַ רובל צוועלף, איז שוין אַכט און דרייסיג, וואָס בלייבט אויף עסען?

זי רעכענט:

— צוויי און אַכציג, דאַכט זיך?

— אויף זעקס און צוואַנציג וואָכען!

— נו, וואָס איז — מאַכט זי — א י ב ע ר דריי רובל אַ וואָך!

— און וואו איז, — פרעגט ער טרויעריג, — האָלץ... ליכט... שבת ויום טוב?

— עט, גאָט פאַרלאָזט נישט — טרייסט זי — איך קאָן אויך עפּעס טון: אָט, האָב איך איינגעקויפט ציבעלעס! אייער זענען וואָלוועל, וועל איך אויך איינקויפען, במשך אַ פּאָר וואָכען וועט עפּעס כאַפּען אויפ'ן שאַק!

— און רעכען נאָר איבער — פיהרט זי ווייטער — וואָס קאָסט האָלץ און ליכט? אַ גאָרנישט! אפשר אַ רובל אַ וואָך... בלייבט אַלץ...

— און שבת! און יום־טוב! וואָס רעדסט דו, קינד?

און דאָס וואָרט „קינד“ איז אַרויס אַזוי ווייך, אַזוי גוט־האַרציג, אַז זי צושמייכעלט זיך.

— נו, בענש נאַר, בענש — מאַכט זי — לעג אַפּ די חשבונות אויף מאָרגען... שוין צייט צו שלאָפען.

זי פאַרשעמט זיך דאָך, לאָזט אַראָפּ די ברעמען און גלייך זי פאַרענטפערט זיך:

— דו קומסט אַזוי שפּעט... — זאָגט זי מיט אַ האַלב געמאַכטען געגעץ.

ער בויגט זיך צו איהר צו איבער'ן טישעל:

— נאַריש קינד — פליסטערען זיינע ליפּען — איך קום דאָך אומישנע שפּעט, מיר זאָלען קאָנען צוזאַמען עסען... פאַרשטעהסט ! אַזוי פּאַסט דאָך נישט... ווייסט דאָך, אַ מלמד!

— נו, בענש נאַר, בענש! — ראָט זי דאָס איהרינע מיט פעסטער געשלאָסענע אויגען.

ער מאַכט די זייניגע אויך צו. ער וויל ערנסט בענשען. די אויגען רייסען זיך איהם דאָך אַלע ווײַלע אויף... ער דריקט פעסטער אַראָפּ די ברעמען, עס בלייבט דאָך אַ שפּאַלט, דורך וועלכען ער זעהט זי, עפּעס וואונדער־פאַרביג באַלויכטען. אז ער קאָן פון איהר דעם בליק נישט אַפּרייסען.

„זי איז מיד,“ קריגט ער רחמנות.

ער זעהט, ווי זי רוקט זיך העכער אַרויף אויפ'ן בעט, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָן דער וואַנט. „זי וועט אַזוי איינשלאָפען,“ קלערט ער.

„פאַרוואָס נעמט זי נישט קיין קישען?“ ערגערט איהם. אויסרעדען קאָן ער נישט, מאַכט ער: — מ... מ...!

זי הערט דאָך נישט, ער יאָגט צו דאָס בענשען, ענדיגט, שטעלט זיך אויף, און בלייבט שטעהן, נישט ווייסענדיג וואָס צו טון.

ער רופט: — מריינע! — נאָר אַזוי שטיל, אַז עס קאָן זי נישט וועקען. ער רוקט זיך צו צו איהר בעט און בויגט זיך איבער איהר. איהר פנים שמייכעלט אַזוי זיס... עס מוז זיך איהר עפּעס גוטס חלום'ען... און ווי שעהן זי שמייכעלט... אַן עברה זי וועקען! דאָך וועט איהר דאָס קעפּעל ווּעה טון... אַי, האָט זי האַר געהאַט — ער האָט זיי אויף די תנאים געזעהן — שוואַרצע, לאַנגע... היינט גאָל... דער ציפּיק איז אַ געשטיקטער, אַ דינער, מיט לעכלעך... אפילו אַ חנ'עוודיגער... ער שמייכעלט אויך מיט!

מען מוז זי דאך וועקען! ער בויגט זיך צו נאך נעהנטער, דער־פיהלט איהר אטעם, ציהט איהם גיריג אין זיך אריין... זי ציהט איהם צו ווי א מאגנעט... און, נישט ווילענדיג, ריהרט ער אן איה־רע ליפען מיט די זייניגע.

— איך שלאף גארנישט, — מאכט זי ראפטום און עפענט א פאר שעלמיש־לאכענדיגע אויגען. זיווארפט איהם איהרע הענט ארום אקסעל און ציהט איהם צו צו זיך.

— נישט קשה — רוימט זי איהם אין אויער אריין, אזוי זיס, אזוי גוט — נישט קשה... גאט, דער גוטער, וועט העלפען... דאס האט ער דאך אונז צוזאמענגעבראכט... ער וועט נישט פארלא־זען! עס וועט זיין — אי האלץ... אי ליכט... עס וועט זיין פרנסה... עס וועט גוט זיין... גאר גוט זיין... ס'וואר, יוסעלע? ס'וואר!

ער ענטפערט נישט, ער ציטערט אינגאנצען.

זי שטופט איהם אביסעל אפ פון זיך.

— קוק אויף מיר, יוסל — פאלט איהר איין צו פארלאנגען.

יוסל וויל פאלגען, און קאן נישט.

— בטלן, — מאכט זי צו איהם ווייך, — נאך נישט צוגע־וואוינט, הא?

ער וויל באהאלטען זיין קאפ אויף איהר ברוסט, זי לאזט נישט.

— וואס שעמסט דו דיך, בטלן! קושען מעגסט דו, און קוקען נישט?

ער וויל בעסער קושען; זי לאזט נישט.

— קוק אויף מיר, איך בעט דיך!

יוסל עפענט די אויגען מיט כח; זיי פאלען דאך באלד צו־ריק צו.

— איך בעט דיך, — מאכט זי נאך ווייכער, נאך זיידענער.

ער קוקט. אצינד לאזט זי אראפ די ברעמען.

— זאג נאר, — מאכט זי — זאג מיר דעם אמת, איך בעט דיך... איך בין עפעס א שעהן ווייבעל?

— יא! — רוימט ער איהר איין, און זי דערפיהלט נאך הייר־סער זיין אטעם.

— ווער האט דיר געזאגט?!

— איך זעה דאך! א מלכה ביסט דו, א מלכה!

— און זאג נאר, יוסל — פרעגט זי ווייטער, — דו וועסט שוין שטענדיג אזוי... שטענדיג אזוי זיין?
— ווי אזוי מיינסט דו, טריינע?
— איך מיין — ציטערט איהר שטימע — קענען מיר אזוי גוט...
— ווי דען?
— אזוי הארציג?
— ווי דען?
— שטענדיג?
— שטענדיג! — איז ער מבטיח.
— וועסט מיט מיר עסען שטענדיג צוזאמען?
— זיכער... בלי נדר, — ענטפערט ער.
— און... וועסט אויף מיר קיין מאל נישט שרייען?...
— ק י י נ מ א ל... בלי מסקנא!
— קיינמאל נישט אנטון קיין צרות?...
— צרות? איך? דיר?... ווי הייסט? פארוואס?
— איך ווייס? פריידע זאגט —
— וואו — די מכשפה!
ער רוקט זיך ווייטער צו. זי שטויסט איהם אפ צוריק.
— יוסעלע?
— וואס?
— זאג, ווי הייס איך?
— טריינע!
— פע — פארציהט זי די קליינע ליפעלעך —
— טריינעשי — פארבעסערט זיך יוסל.
עס געפעלט איהר אלץ נישט.
— טרייניניו...
— ניין!
— נו — טריינע־לעבען, טריינע־קרוין, טריינע־הארץ... שוין גוט אזוי?
— יא! — ענטפערט זי גליקליך. — נאר...
— וואס נאר, לעבען מיינס, נחת מיינס?
— נאר, הער, יוסל... און... — שטאמעלט זי.
— און וואס?

— און אז עס וועט, חס ושלום, פעהלען אמאל פרנסה... אז איך וועל וועניג פארדינען... וועסט דו אפשר... אפשר שרייען...

טרערען קומען איהר אין די אויגען אריין.

— חס ושלום! חס ושלום!

ער רייסט אוים דעם קאפ פון איהרע הענט, און פאלט צו צו די נאך אפענע ליפען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— א רעכטע שעהנע, ריינע כפרה, צו זייער קאפ, צו זייערע הענט און פיס — הערט זיך א קול פון הינטער די ווענטלעך — קוש־וואך גאר ביי זיי! קיין אויג לאזט מען נישט צומאכען...

דאס איז פריידעלס הייזעריג־שפיציג־גיפטיגער קול.

## „אַז מען זאָגט ,משוגע' — גלויב!"

איהר פרעגט אויף משה יוסעלעס? וועגען א שדוך פרעגט איהר? אדרבה! ווענען דען זאלט איהר פרעגען. אז נישט מיר? מיין חבר געוועזען. ווי דען! איך האב אפילו זעהר גוט זיין פא־טער, דעם דיין, געקענט; לסוף ימיו ביי אונז דיין געוועזען. אודאי ער זאל מיר עס מוחל זיין, א מתנגד געוועזען. נאר אן אייזערנער מוח! אזוינער מ ע ג זיין א מתנגד, אז א מענש איז אליין ביים צ א פ ע ן!

אוים קבלה האט ער אפילו חוזק געמאכט. נאר איך גלויב איהם זעהר! א פארצייטיגער איד, האט ער אונז, יונגע לייט, גע־וואלט אפסטראשען!

צו קיין גוטען איד איז ער טאקע נישט געפאהרען. נאר ער איז אליין געווען א גוטער איד.

זיין זיצען און לערנען! מיט א נאסען האנטוך ארומגעווי־קעלט דעם קאפ (אניט, זאגט ער, וועט איהם דער מוח פלאצען). מיט איין פוס אונטער זיך... און פון אונטער די לאנגע, בייזע ברע־מען האט זיך טאקע ממש פייער געשיט! וואס קלערט איהר. אויב משה ר' יוסעלעס איז א מיוחס? איינגעטונקט אין יחוס! נאר גלאט, ער אליין איז קיין לייט נישט! עס טוט מיר דאס הארץ וועה, נאר וואס אמת איז אמת — א פלוט איז ער, אין מוח פעהלט עפעס!

איינגעלוויז אויך אן אייזערנער מוח געוועזען; זונטאג האט ער שוין געקאנט דעם שעור אויסוועניג! באלד זונטאג!

נאר משוגע! זיינע תנועות, זיינע העויות, און אויך אזוינע לאנגע ברעמען, און ברענענדיגע אויגען, ווי דער פאטער, עליו השלום. נאר דער פאטער איז געוועזען מיושב און ער — משוגע.

א יונג מאכט זיך א מאַדע צו קוקען אין הימעל אריין! עס געהט, למשל, דורך — א וואָלקען, זעהט ער אין'ם א געשטאָרבענעם פעטער, א כהן גרול, א צאַפּ... וואָס איהר ווילט נאָר אַליין, זעהט ער אין דער כמאַרע! איז דער הימעל לויטער, זאָגט ער, אז עס איז א ראש־השנה'דיגער פּרוכת!

ווינטער פלעגט ער אַפּליגען גאַנצע טעג אין פענסטער און ארויסקוקען אויפ'ן שניי. ברילֿיאַנטען, זאָגט ער, זעהט ער אין שניי! ווי, עס איז דען נאָכצודערצעהלען? איך ווער איך לאַנג נישט ברייען, נאָר די מעשה איז אזוי געווען:

מיר האָבען ביידע אין איין וואָד חתונה געהאַט; איך בין גע־פאָהרען צום שווער קעסט עסען, און ער האָט זיך געזוכט א מעמד.

ביים שווער, ווי דער שטייגער איז, האָב איך גאָר אָן משה'־לען פאַרגעסען; אין שטעדטעל דאָרט איז געווען א מחלוקת, האָב איך מיך שטאַרק אריינגעלאָזט...

דערנאָך האָב איך מ י י נ ע צרות געהאַט! א קינד איז מיר, לא עליכם, געשטאָרבען, און מיט איהר האָב איך אויך נישט גוט געלעבט; אהין — אהער, מיר האָבען זיך גע'גט, און מען הויבט מיר אָן צו רעדען שדוכים פון דער היים!

איך לאָז איבער דאָרט די קינדער; זי ו ו י ל נישט. האָב'מיר א דין תורה; דער רב פּסק'ט, זי זאָל זיי האַלטען ביז צו דריי יאָהר; קום איך אהיים, געה אין בית המדרש אריין און טרעף משה'לען:

„וואָס מאַכסט דו גוטס?“

— אזוי... — ענטפערט ער.

„האָסט שוין עפּעס קליינוואַרג?“

— ניין, — מאַכט ער.

„פאַרוואָס?“

— איך וויים, פאַרוואָס?

„און וואָס טוסט דו דערצו?“

— גאָרנישט!

איהר הערט א תשובה!

„פאָהרסט ערגעץ?“

— מיין טאַטע איז אויך נישט געפאָהרען.

איהר הערט אַן עסק! אז דער טאַטע איז נישט געפאָהרען.

פאהרט ער אויך נישט! ווי הייסט? „איך האב, זאגט ער, א צואה!“. איך גלויב נישט מיינע אייגענע אויערען! אז עס געהט וועגען קינדער, פאהרען ק ר י ס ט ע ן צום רבי'ן!

ביי מיינעם, זאל לעבען, האב איך געזעהן איבער דער צייט. איך זאל קיין גוזמא נישט זאגען, איבער צוואנציג געגאלטע בערד... איינער האט דעם רבי'ן אנידערגעלעגט פופציג זילבערנע טאלער! עס האט איהם אפילו געהאלפען ווי א טויטען באנקעס! ווארים טאקע, העלף אזוינעם, וואס איז איינגעטונקט אין עבודה־זרה; נאר — ער האט זיינס געטאן! און דער — גארנישט! מען זאגט, עס פאהרט נישט א גראבער יונג, א טרעגער, א שוסטער — אבער ער, משה'לע?! וואס איז, ער ווייסט נישט, אז גאט, ברוך הוא, איז אמאל אומישנע גוזר, דער צדיק זאל האבען וואס מבטל צו זיין? ווארים אז נישט, טאקע, וואס פאר א וועלט וואלט זיך געפיהרט? אלץ על פין דין... שטענדיג גלייך ווי א ווירע? נאר, געה, טענ'ע מיט'ן! —

דערווייל האט זיך מיר דער קאפ פארדרעהט; איך בין גע־שטאנען אין אסך שדוכים אויפ'ן ארט, און געמאכט האט זיך, אז איך האב חתונה געהאט פון דער פרעמד...

וואס קלערט איהר? מען האט מיך אפגענארט, אז עס איז מיר א חרפה און א בושה געוועזען איסצוזאגען; אהין און אהער, איך קום צו פאהרען — מיין משה'לע איז שוין אן אלמן צום מזל! און דא הויבט זיך אן א נייער שגעון! ער לאזט זיך קיין שדוך נישט רעדען...

על פי דין מעג מען רעדען א שדוך אין דער שבעה, וויל ער טון לפנים משורת הדין! דערנאך וויל ער איבערווארטען שלשים; דערנאך איז איהם די ספירה נישט מזל'דיג; דערנאך פאלט איהם איין צו ווארטען א גאנץ יאהר! און נאך דעם אלעם, אז איך האב שוין קוים דערלעבט און דאס יאהר איז אריבער, זאגט ער ערשט, אז ער איילט זיך נישט! אז אנדערער זעהסט, אז דו קאנסט זיך באגעהן אהן א ווייב, מהיכא תיתי, האב חתונה, נעם א פאר גילדען נדן און פאהר ערגעץ אוועק און ווער א פרוש!

ניין, דאס וויל ער נישט, דאס דארף ער נישט — ער האט געלט צייט! ער וויל זיך פשוט מישב זיין!

וואס קלערט איהר, ער האט אפגעלעבט א פאר יאהר טאקע,

:נישט פאר איך געדאכט, ווי א כלב אין דרויסען! ווארים טאקע באמת, וואס איז ווערט א מענש אהן א שטיקעל אידענע? אהן אביסעל ווארעמס, אהן א געקאכטע קארטאפעל? מיט הערינג האט ער זיך געשפייזט; געזעסען און געקנעלט און געגעסען הערינג! א שעהן לעבען!

אט, קוקט מיך אן, וואס פאר א פנים איך האב! און ווי לאנג איז, אז מיין דרים ווייב איז נפטר געווארען? אפשר א האלב יאהר!

נו? תהו ובהו אין אלע ווינקעלעך: אהן א העמד אויף שבת, די מחיה אין שענק איז אין דער ערד! קיין גאנצע פאר פלודערען נישט! און ער זיצט און קנעלט, און גארנישט!

איהר קאנט פארשטעהן א לעבען? אין דערפריה א ציבעלע מיט ברויט, מיטאג א שטיקעל הערינג, ביינאכט די רעשט פונ'ם הערינג, וואשען — וואשט מען זיך מיט א קווארט ביים פלומפ אויפ'ן הויף, מען ווישט זיך אפ אן די פאלעס, און מען קייט הע־רינג מיט ברויט! וואס קלערט איהר, א שעהן פנים האט ער גע־האט, צו גרונט איז ער געגאנגען! קיין אויגען האט מען נישט גע־זעהן, נאר צוויי שווארצע לעכער אין קאפ! איינגעבויגען — כפול שמונה, און א הולך, אז גאט זאל זיך מרחם זיין!

ער האט זיך ארומגעדרעהט ווי א שאטען, ווי א מת, רחמנא לצלן, און האט דעם גאנצען קאפ פארלוירען; איינמאל, שבת, לויפט ער אין בית המדרש אריין מיט טלית און תפלין אונטער'ן ארעם! א מענש געהט דורך דער גאס, זעהט שטריימלעך, אט־לאסע קאפאטעס, פארמאכטע געוועלבער און גארנישט, ער לויפט מיט טלית ותפלין!

— משה'לע! — שרייט מען איהם נאך — ער הערט נישט!

און דא איז שבת, מען טאר קיין גרויסען שפרייז נישט מאכען. און גלאט — מען צולעגט זיך פאר געלעכטער! א מערכה, וואס א שניידער־יונג האט איהם נאכגעווארפען א שטיין, געטראפען אין פלייצע אריין און ער איז אומגעפאלען...

און א וואונדערליכע זאך: כל זמן ער לערענט, לערענט ער, איז ער כאחד האדם, נישט צו דערקענען; ער דערהיצט זיך, רעדט, חזר'ט איבער — און דערביי איז ער פארט משוגע. מען האט דערזעהן, אז ער איז אזוי פארטיפט אין לערנען, אז ער פארגעסט

אמאל א קינד א קלאפ צו געבען; דעם קאנטשיג האט ער שוין לאנג ערגעץ פארוואָרפען! און, וואס קלערט איהר, די קינדער האבען א גן־עדן אין חדר!

מען וואלט איהם צוגענומען דאס מעמד. לערענט ער אבער אזוי וואויל, אז די קינדער קענען אהן א קניפ, אהן א ריהר; אזא כח האט ער שוין געהאט. פאר דאס, קוים פארמאכט ער די גמרא, ווערט ער אוים מענש, נישט צו גאט, נישט צו לייט. ער פארגעסט צו עסען, צו שלאפען, צו דאווגען אפילו; א מערכה, וואס ער האט א מזל געהאט צו די קינדער, דאס לעבען האבען זיי איהם ליעב געהאט, זיי האבען זיך פאר׳ן מקריב געוועזען! אלץ דערמאנט און דערלאנגט.

„רבי, וואשט אייך" — זאגט איהם א תלמיד, וואשט ער זיך. „רבי, עסט!" דאס נישט: „עסען — זאגט ער — וועט ער נישט; ער וויל ווארטען, ער האט פיינט אליין צו עסען!" טאמער ווייסט איהר, אויף וועמען ער וויל ווארטען? ער ווארט און זיצט אזוי מיט׳ן עק פון הערינג אין דער האנט און שאקעלט זיך און קוקט אין דער טיר אריין, גלייך אליהו הנביא דארף אריינקומען.

פלוצלונג דערמאנט ער זיך, אפנים, אז אליהו הנביא קומט נאר צום סדר, הויבט ער אן צו עסען און צו וויינען צוזאמען. „וואס וויינט איהר, רבי?" פרעגען איהם די דערשראקענע קינדער — ענטפערט ער נישט. דרעהט זיך איבער צו דער וואנט, און די קינדער הערען, אז ער וויינט! טיילמאל געהט ער צו צו דער קליידער־שאנק, וואס איז איהם פון ווירטשאפט געבליבען, עפענט זי אויף, שטעלט זיך אנידער און קוקט, און קוקט, גלייך ער וואלט דא דער גרויסער גביר געוועזען, און שטעהט און קלערט, וואס פאר א קאפאטע ער זאל אנטון, אן אטלאסענע אדער א זיידענע; מיט אדער אהן סטראקעס! און דא, שווער איך אייך בנאמנות, איז אין שאנק, אויסער איהרע עטליכע שמאטעס, וואס קיינער האט צומאל נישט געוואלט אפקויפען, קיין לעק נישט געוועזען!

אין שטעדטעל, באמת, האט יעדערער זיינס אין זין, יעדערער האט מיט זיך צו טון. איך האב יא אויפ׳ן רחמנות געהאט, ביז איך פונקט דאמאלט צום ערשטען מאל אן אלמן געווארען!

איך האב אייך שוין דערמאנט, אז מיט׳ן צווייטען ווייב האב

איך מיך גאָר אָפּגענאַרט, אבער גאָר איינגאַנצען! זי האָט, לא עליכם, געקרענקט און געקרענקט ביז זי איז, נישט פאַר אייך גע־דאַכט, געשטאָרבען. און איך האָב ווייטער געמוזט זיך אַרומקוקען וועגען אַ שדוך און חתונה האָבען. וואָרים, באמת! האָב איך שוין געהאַט ווי מען זאָגט „מיינע, איהרע און אונזערע" קינדער. און וואָס קאָן אַ מאַנספּערשוין טון מיט קינדער, אדרבא, וואָס? זויגען וועל איך זיי? איינשלעפען? וואַשען און קאָרמען? עס איז מיר אודאי ביטער געוועזען ווי די גאַל, און האָב צו משה'לען קיין צייט נישט געהאַט! נאָר קיין שלימזל, ברוך השם, בין איך נישט, איך האָב געזעהן ווי צו טון און האָב חתונה געהאַט צום דריטען מאָל, טאַקע מיט דעם דריטען ווייב, וואָס איז, לא עליכם, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום איך געדאַכט, ערשט נישט לאַנג געשטאָרבען. זי איז אפילו אַ בריה אַן אידענע געוועזען, צו דער שענק ווי געוואָונשען, און דוקא נישט געקינדעלט!

וואָס טוט גאָט? פּאַרקיהלט זי זיך — אינמיטען זומער, אין חודש תמוז! — אין מקוה... קריגט אַ לונגען־אַנצינדונג, קאַסט אָפּ אַ מטמון מיט געלד, און שטאַרבט אַוועק! הכלל, וואו האַלט איך? יאָ, מיט'ן דריטען ווייב האָב איך דאַמאָלט חתונה געהאַט און קוים האָט זי איבערגענומען די שענק, און איך האָב געזעהן, אַז איך האָב מיך אויף וועמען צו פאַרלאָזען, האָב איך מיך באַלד גענומען משה'־לען פאַרזאָרגען!

„דו מוזט חתונה האָבען" — זאָג איך — „דיין טויט וועט זיין און חתונה האָבען מוזט דו!"

ער הערט מיך ווי'ן רב! אַזוי, טראַכט איך, וואָרט! איך האָב אָפּגעשטעלט מיט די בעלי־בתים, מען האָט איהם מכלומר'שט דאָס חדר צוגומען! איינמאָל פאַר אַלע מאָל — אַ מלמד מוז האָבען אַ ווייב! מיין משה'ל — גאָרנישט; אָהן תלמידים איז אָהן תלמידים!

ער געהט זיך אַרום הינטער דער שטאָדט שפּאַצירען, וואַל־גערט זיך אַרום אויפ'ן לאַנקע ביים טייך... נישט זיין זאַך! ווערט ער הונגעריג, קומט ער אין שטאָדט אריין און באַפּט ערגעץ אַ שטיקעל ברויט, וואַשט זיך, עסט און בענשט, און געהט אַוועק. איך מיין שוין, אַז עס וועט דערפון גאָרנישט זיין, נאָר צום דריטען טאָג, משה'לע איז דאָ אין בית המדרש! ער וויל שוין חתונה האָבען! אפשר מיינט איהר, ער איז צום שכל געקומען? ער האָט

א ישוב געהאט, אז א מענש אהן א ווייב איז קיי און שפיי? חס ושלום! נאכ'ן קנעלען בענקט ער! די קינדער פעהלען איהם!

נו, לאז זיין פון קאזאק, אבי צום לעבען! ער גיט האנט־תקיעת־כף, אז ער וועט חתונה האבען. מיך מאכט מען פאר אן עומר, איך זאל איהם אויסזוכען א שדוך, און ער קריגט צוריק די תלמידים!

און וואס קלערט איהר, אז איך האב גענומען די זאד אין דער האנט אריין, האט אודאי געברענט אונטער די פינגער! נאר איך קאן נישט זאגען — א גאט־זאך איז עס אויך געוועזען! פונקט מאכט זיך איהם א וואוילער שדוך! פריהער האט מען איהם אפילו מיר אננעשלאגען, נאר א שדכן, א ימח שמו'ניק, האט מיר דעם קאפ פארדרעהט. שטעלט אייך פאר, א אידענע, א שמאליז־גרוב, אנגעזאפט מיט עשירות: א בעל הלואה'ניצע, אן אלמנה. אויף משכנות פלעגט זי לייהען, און א בריה נפלאה געוועזען; אויפ'ן קאפ דאס גאנצע געשעפט געפיהרט, און קיין איינציג מאל אויף איהר היזק, אויף דער האר זיך נישט טועה געוועזען. און זי האט'ן דוקא געוואלט, אזא מזל האט ער שוין נעהאט! איך קלער איהם צוזאמענצומאכען אויף מלבושים, כאטש א שטריימעל קויפען... א טלית קטן; שיקט זי זאגען, אז זי וויל נישט, זי גיט א פינפאונצוואנציגער, און מען האט איהם מלביש ומנעיל געוועזען כיד המלך... פון אלעם גוטען: א שטריימעל, שיך און זאקען, צוויי טליתים קטנים, צוויי צי דריי פאר פלודערען... מען האט קיין שהיות נישט געמאכט, באלד א חופה געשטעלט און מיין משה'לע שיינט אונטער דער חופה ווי א שררה. נאר וואס דאס משוגע'נע פנים רוהט נישט א רגע, גלייך ער וואלט וועהען געהאט, די ליפען ציטערען ווי ביים אפשפרעכען אן עיז־הרע, און די אויגען ברענען עפעס נישט היימליך... אמת משוגע! נאר באלד האט זיך גאר געמאכט א נייער שגעון!

ערשטענס וויל נישט די אידענע, ער זאל קנעלען. זי פארדינט אפשר צעהן רובל א וואד, וואס טויג עס איהר? וואס דארף זי עס? זיץ און לערען און שמעלץ זיך איז מילך און פוטער! וויל ער נישט! ער מוז קנעלען, ער איז שוין געוואוינט צו די קינדער. ער קאן אהן זיי נישט לעבען! וועסט האבען דיינע אייגענע קינדער! ניין, דערווייל מוז ער האבען א מעמד.

נו, א שעהנע כפרה, האלט זיך ביי דעם מעמד; ווערט ער אבער אויפס נײַ פארטראכט, הערט ממש אויף צו רעדען, אויסער ביים לערנען מיט די קינדער... און אזוי האט ער נישט מעהר ווי צוויי ווערטער אין מויל: ס'איז נישט דאס! וואס „נישט דאס", ווער „נישט דאס", ווייסט מען נישט.

די אידענע, נעבעך, האט זיך דאס לעבען געשטרעקט, טאקע מקריב געוועזען פאר'ן; געקאכט און דערלאנגט דאס שענסטע און דאס בעסטע, און ער הויבט אלע מאל אויף די אויגען, כאפט א שווערען אטעם און זיפצט: נישט דאס! ס'איז גארנישט דאס!

ער פארזיצט זיך אמאל ביינאכט אין בית המדרש, נישט ער דאווענט, נישט ער לערנט, נאר גלאט, ער זיצט אזוי איבער'ן שטענדער אדער שפרייזט ארום פון איין וואנט צו דער צווייטער. דער לעצטער, וואס געהט ארויס, קריגט אויפ'ן רחמנות, רופט איהם מיט: „משה, געהסט?" ער ענטפערט נישט. „פארוואס געהסט דו נישט אהיים?" ער שוויגט. מען כאפט איהם אז ביים אקסעל און שאקעלט מיט'ן, כאפט ער זיך אויף ווי פון דער הינער־פלעט און זאגט: „ס'איז גארנישט דאס!".

שלעכט! דאס ווייבעל, נעבעך, האט מיר דעם קאפ פאר־ווײנט. ווארים טאקע, איך האב דאך זי ארייננגעפיהרט, איך בין דאך דער ערב־קבלן געוועזען...

און עס שניידט מיר טאקע ביים הארץ; א אידענע נעבעך, אזוי פיעל הוצאות געמאכט, אזוי פיעל געלד אפגעקאסט און איינ־געהאנדעלט זיך א „גארנישט דאס!" מילא, וואס קאן איך העל־פען? איך גיב איהר אן עצה, זי זאל איהם פארנארען צום רבי'ן... מען מאכט א פלאן אויף ראש־השנה, ווארים טאקע, ראש־השנה איז גרעסער דער עולם, — טאקע א וועלט קומט אויף ראש־השנה! — האב מיר א קימא לן, אז דער כח פון צדיק איז אויך גרעסער. נאר פאר ראש־השנה טרעפט זיך אזא מעשה: איינמאל, אוונט־צייט, זאגט איהם דאס ווייבעל פאר דער וועטשערע, ער זאל ארויסגעהן פארמאכען די לאדען. ווארים טאקע, זי וויל נישט עסען צוזאמען ביי אפענע פענסטער; זי נעמט די שרויף אין דער האנט אריין, ער געהט ארויס, אויפ'ן וועג זיפצט ער: „ס'איז נישט דאס!" ער שפארט אונטער דעם לאדען, זי פארשרויפט, נאר קומען — קומט ער שוין נישט אריין; ער איז נעלם געווארען.

וואס קלערט איהר, עס האט זיך געטאן אין שטעדטעל! מען האט גערעכענט: א משוגע'נער, איז ער זיך אין דער קעלט גע־נאנגען באדען און איז דערטרונקען געווארען. אדער ער איז אזוי ארויסגעגאנגען הינטער דער שטאדט און האט פארבלאנדזשעט. א דאגה אויף א משוגע'נעם! מען האט געדונגען פויערען, געזוכט אין טייך, אין דער געגענד, קיין זכר פון א מענש: אויף אנטלויפען איז נישט צו רעכענען, ווארים טאקע עס טרעפט זיך, א מענש אנטלויפט פון א ווייב, מהיכא תיתי, נישט איינער אנטלויפט, נאר — א מענש, עסט אפ וועטשערע, נעמט מיט א קאפאטע! ווער לאזט עס שטעהן א שיסעל קליסקעלעך מיט ביבערלעך און לויפט אוועק אין אן אלטער, וואכעדיגער תבונה?! און עס איז א הארצ־רייסענדיג רחמנות אויף דער עגונה נעבעך! עס האט זי וועניג געקאסט? א לייטישע חתונה, מלבושים, רח"ש... און פארוואס? פאר ווען? פיער וואכען געלעבט מיט א מאן! און וואס פאר א לעבען! אומשטיינס געזאגט — א לעבען! מען קאן נישט זא־גען, ער האט איהר אפילו קיין שלעכט ווארט נישט גערעדט, נאר קיין גוטס אויך נישט, אליין די משוגע'נע ווערטער: „ס'איז נישט דאס!". עס איז איהר, נעבעך, אזוי אויך טאג אויף טאג דער מאמעס מילך איינגעפאלען, דארף זי נאך ווערען אן עגונה!

וואס טוט מען? מען שרייבט צו רביים; עס העלפט נישט! האט מען געפרעגט א שאלה, צי מען מעג שרייבען אויפ'ן „מגיד"... איינער האט יא געהייסען, דער צווייטער נ י ש ט געהייסען; מילא, מתיר צו זיין אן עגונה, האט מען יא געשריבען, נאר לעבען זאל ער אזוי, דער „מגיד", ווי ער ווייסט עפעס! און פון וואנען זאל ער וויסען? אז די רביים האבען נישט געוואוסט!

גארנישט, ווי אין וואסער אריין!

דאכט זיך, שוין פארפאלען? ניין! פאלט פלוצלונג ווי פון הימעל אראפ א שליח מיוחד מיט א גט! אפשר מיינט איהר פון ווייט? ניין, דוקא פון פינף ווערסט הינטער דער שטאדט, פון פיטשעוויקי!

נו, האט גאר געקאנט עמיצען איינפאלען, אז א משוגע'נער וועט אנטלויפען אינגאנצען אויף פינף ווערסט? עס איז גאר קיי־נעם אויף דער מחשבה נישט געקומען, אזוי נאהנט צו זוכען! ביים גט שיקט ער איהר נאך צו א חרם־קוויטעל אויף צוויי הונדערט

גילדען פאר איהרע הוצאות. אויסצאהלען, שרייבט ער, וועט ער א גילדען א וואך, און איז איהר משעבד דערויף אלע זיינע נכסים! דעם ערשטען גילדען האט איהר דער שליח געבראכט!

אין א פאר וואכען ארום איז ער אליין געקומען און האט זיך ווייטער אויסגעזוכט א מלמדות.

— משוגענער, — פרעג איך איהם, — נאך וואס ביסט דו געקומען, האסט נישט געקאנט דארטען קנעלען?

— איך האב געבענקט! — זאגט ער.

— צו וועמען?

— צום היגען בית עלמין! — זאגט ער. און ער זאגט עס אזוי ערנסט, אז א גרויל געהט דורך די ביינער! איהר האט געהערט, א מענש זאל בענקען צום בית הקברות? ער בענקט! און ער זאגט קיין שקר נישט!

נאך מעריב געהט ער נאכט אויף נאכט ארוים הינטער דער שטאדט און דרעהט זיך ארום בית עלמין! א כהן איז ער, ארייננעהן טאר ער נישט, דרעהט ער זיך ארום צוים און קוקט פון ווייטען אויף די מצבות!

וואס פאר א שווארץ יאהר, קלער איך, איז דאס? צי איז עס נישט אמאל א סגולה אויף קינדער? צי איז ער נישט א מקובל געווארען? אפשר גאר א כשוף־מאכער.

וואס זאל איך אייך זאגען, עס זענען מיר שוין געקומען הוריות אין קאפ אריין. א קשיא אויף א מעשה! אדער ער איז א באהאלטענער צדיק, אדער ער האט פארקויפט די נשמה אין גיהנום אריין. ווייס איך? קליינערהייט האב איך געהערט, אז אויב מען ציהט א ליכט מיט חלב פון א נפל'ע אויף א פאדעם פון א ציצה, ווערט מען א רואה ואינו נראה. און גלויבט מיר, ווען איך ווייס נישט, אז ער איז א כהן, וואלט איך זיכער געמיינט, אז ער האט זיך מתחבר געווען מיט א חברה גנבים און זוכט א נפל'ע הינטער'ן צוים! גנב'ענען, פארשטעהט זיך, וועט משה ר' יוסע־לע'ס נישט, אבער ליכט צושטעלען, אפשר יא... א דאגה — וואס טוט נישט א איד צוליעב פרנסה?!

עס איז אבער נישט! ער קוקט שוין וואכענלאנג און קוקט, און גארנישט: מען הערט נישט, און מען זעהט נישט! און געה פארשטעה?

פארשטעהט איהר שוין, וואס מען מיינט „שגעון?“, אז מען זאגט „משוגע“ — גלויב!

אזוי, אזוי, רב קרוב, משה'ל איז מיין חבר. איך האב'ן ליעב דאס לעבען... נאר משוגע, נעבעך, איז ער... חתונה מאכען איז איהם שווער, זעהר שווער... מילא, איך זאג אייך נישט „ניין“... איהר ווילט דאך אודאי עפעס פארדינען, טוט, ווי איהר פאר־שטעהט...

זעהט איהר, אויב איהר האט פון מיינעטוועגען א שדוך...

# דער פעטער שכנא און די מוהמע יאכנע.

(אַן אויסגעפלוידערטע מעשה, נאָר פאַר דאָס אַן אמת'ע מעשה).

מיין פעטער האָט געהייסען שכנא און די מוהמע יאכנע.

צי איז דאָס געוועזען אנגעגרייט אומישנע פון דער השגחה פרטית, איך זאָל מיך נישט דאַרפען קוועלען, ביים אויסזוכען א גראַם צו זייערע נעמען, אויב איך וועל זיי וועלען באַזינגען? אָדער עס איז אַזוי געוואָרען על פי מקרה? דאָס וויים איך נישט! אמת, דאָס מוז מען זאָגען: די השגחה פרטית זאָל מיך אין זין האָבען, און שטענדיג מיך פאַרזאָרגען מיט גראַמען, וואָלט איך קיינמאָל קיין פּראָזע נישט געשריבען; שטענדיג גראַם — שטראַם... עס וואָלט דערפון קיין „לעטניק" נישט ארויסגעקומען, דער עולם וויל דוקא נישט קיין גראַמען, נאָר פּראָזע און דוקא פּשוט „כדבר איש אל רעהו", דאָס הייסט: עס זאָל נישט זיין וואָס צו פאַרשטעהן... ווייל לעזען האָט מען ליעב, דאָס האָט מען שוין בירושה... נאָר עפּעס וויסען איז נישט כדאי... פונדעסטוועגען — כבוד איז כבוד!

נאָר לאָמיר צוריק געהן צום פעטער שכנא און דער מוהמע יאכנע.

נישט מיט די נעמען אליין זענען זיי געווען ווי געפּאַסט! זיי האָבען געהאַט אפילו איין וואוקס, איין דיק, גלייכע נעז מיט אויגען!

איך בין אייך אפילו נישט מחויב צו זאָגען, פון וואַנען איך וויים עס. א שרייבער האָט דאָס רעכט צו וויסען אלץ, אפילו, וואָס עמיץ האָט אונטער'ן נאָגעל, בפרט אין מח און הארץ... דער מנהג איז זאַגאר, אז ער דערצעהלט אפילו דאָס, וואָס מען טאָר גאָרנישט אויסזאָגען.. זענען אבער אויף דער וועלט פאַראַן אזוי פיעל נאָ-

רישע און שלעכטע פּראָוועס, אַזוי פיעל אידיאָטישע, קראַטישע מנהגים, אַז עס איז אַ חרפּה און אַ בושה, אַז אַרענטליכער מענש זאָל זיך פאַררופען אויף אַ פּראָוועס אָדער פאַרטיידיגען זיך מיט אַ מנהג.

דעריבער מוז איך אייך זאָגען, אַז זיי זענען ביידע צוזאַמען געשטאַנען ביי מיין חופּה! און, ווייל איך האָב חתונה געהאַט צו דרייצעהן יאָהר, און, ווייל איך האָב דעם חזן מיט דעם רב מיט טאַטע־מאַמע געקענט, די כלה איז געווען פאַרשלייערט און קיין אינגלער זענען ביי דער חופּה נישט געווען, ווייל עס איז געווע־זען אַ גרויסע רעוויע הינטער דער שטאָדט — האָב איך מיך פאַר־קוקט אויפ'ן פעטער שכנא מיט דער מוהמע יאַכנע, וואָס זענען מיר געשטאַנען פּונקט געגענאיבער, — און דערזעהן, אַז זיי האָבען ביי־דע פּונקט גלייכע אויגען, קליינע, לויפענדיגע, גלייך זיי וואָלטען שטענדיג געזוכט אַן אָרט, צו באַהאַלטען זיך פאַר פּחד אָדער בושה. עס האָט מיר אַזוי קאָמיש אויסגעזעהן, אַז איך האָב מיך אונטער דער חופּה צולאַכט, און דער טאַטע, עליו השלום, האָט אַרויפגע־לעגט אַ פינגער אויפ'ן נאָז, נאָר וועלכען עס פלעגט שטענדיג קו־מען אַן אויער־דרעהעניש אָדער עפּעס ערגערס...

מיין מערכה איז געווען, וואָס דער מסדר קדושין האָט אָנ־געהויבען זיין שפּרוך.

ביי דער גילדענער יויך איז מיר איינגעפאַלען, אַז איך האָב אַ גרייטען אָנהויב צו אַ שיר:

מיין פעטער שכנא,
מיין מוהמע יאַכנע.

און איך קאָן אַזאַ שיר אָוועקשיקען אין דער וואַרשעווער צייַ־טונג אַריין, פון וועלכער איך האָב בסוד סודות געוואוסט.
איך וואָלט עס בעסער געשריבען אויף לשון הקודש:

דודי שכנא,
דודתי יאַחנא.

נאָר דאַמאָלט זענען נאָך די „הנצנים“ נישט געווען...

אז זיי האבעןביידע אקוראט איין גרויס, בין איך אויף זי־כער געוואר געווארען ערשט דעם צווייטען טאג.

מעשה שהיה כך היה: ביים טאטען איז דירה איז זעהר ענג געוועזען. איך האב, ברוך השם, געהאט א זיידען, טאטע־מאמע און זיבען שוועסטער און ברידער; און געבליבען בין איך דאך ביים טאטען אויף קעסט! מיין טאטע האט געהאט זיין אייגענע הויז! מיט צעהן רובל אייגענס און צוויי הונדערט און נייינציג רובל גע־בארגטע אויף וואכער, האט ער אפגעקויפט ביי א מיעשטשאן א שטוב מיט א חזיר־שטעלכעל. פון שטוב איז געבליבען שטוב; פון חזיר־שטעלכעל האט מען געמאכט א האלץ־קאמער. אז מען האט מיך אויס נאר נישט ארויסגעגעבען, האט מען געהאט א קורצען ישוב, אז דאס אלץ קאן פראנק און פריי ליגען אויפ'ן הויף, בפרט אז נישט שטענדיג איז האלץ געוועזען — מעהרסטענטיילס דרענגלעך און טיילמאל — גארנישט... סיי ווי סיי וועט עס ניט געפרוירען ווערען, און טריקענע איז באק־אויוועז איז לייכט. און, אז אויב מען וועט נאר ארויסנעמען דאס האלץ, קאנען שטעהן אין קעמערל צוויי בעטען, מען וועט קאנען דורכ־געהן אויך. און צוויי בעטען איז לכל הדעות גענוג פאר א פאר־פאלק.

דעם פלאן האט אויפגעגעבען דער שדכן; ווארים דער טאטע האט זיך איינגעשפארט, „יענער" זאל אפגעבען פריהער די קעסט, דערווייל וועט ער אויסצאהלען די צוויי הונדערט און צוואנציג רובל חוב פאר'ן הייזעל און וועט זיין בכח צוצושטעלען א שטיבעל.

און גלאט, ווי האלט מען קינדער, וואו עס זענען חזרים גע־שטאנען?

דער מאמען האט עס וועניגער געארט.

— בא — האט זי געזאגט — זעהסט דו שוין! דריי יאהר קעסט איבערקומען! אויך אן עסק!

און עס איז אזוי געבליבען.

דעם צווייטען טאג האט מיין אשתי חוה'לע באין אופן נישט געוואלט ארויסקריכען פון חזיר־שטעלכעל אויף דער ליכטיגער שיין. ארויסגעהענדיג דאוונען, האב איך אן אויג געווארפען אויף איהר בעט, געזעהן די קאלדרע מיט די קישען, נאר אהן א פיצעל פנים. און געגלוסט האט זיך מיר שטארק צו זעהן, ווי מיין אשתי

חוה'לע זעהט אוים, כאטש נאך נעכטען ביי דער גילדענער יויד איז עס מיר נישט איינגעפאלען; מיר איז די גרויסע רעוויע געלע־גען אין קאפ. רופען זי, האט זיך מיר עפעס נישט געלעגט אויף דער צונג: „חוה" איז צו פיעל פאן־בראט, „ווייב" איז צו גראב... יעדערער דארף וויסען? וואס?

דעם אמת זאגענדיג, געפעלט מיר נישט עד היום דער מנהג ביי די דייטשען, מאן און ווייב זאלען שטענדיג שפאצירען צוזא־מען און דוקא אונטער די הענט, עס זאל חס ושלום קיינער קיין טעות נישט האבען, יעדערער זאל וויסען כהויה, ווער מיט ווע־מען — וויים איך דארט! און זיי לאכען נאך פון אונזער כיור אין בית־המדרש, וואס מען וואשט זיך די הענט בריש גלי...

נאר איך פאהר שוין אראפ אין א זייט; איך האב זי חשק צו רופען, און וויים נישט, ווי אזוי. „הער נאר — זי!" האט מיר אויך פון האלז נישט געוואלט ארוים; אזוי רעדט מען צו א דינסט, נישט צו א ווייב.

איך בין געשטאנען און געשטאנען און געקלערט, ביז דער טאטע האט אריינגעשריען: געהסט?

איך האב געכאפט א ציטער און בין ארוים מיט גארנישט.

לויט דעם ענגול, וואס די קאלדרע האט בולט געמאכט אין דער הויך, האב איך דאך פארשטאנען, אז מיין אשתי חוה'לע האט זיך איינגעצויגען ווי א קנויל, איבערגעדעקט זיך און ליגט מיט'ן פנים אין קישען אריין.

עס פאלט מיר איין אויפ'ן וועג אין בית־המדרש אריין, אז זי מוז בענקען אהיים; באלד נאך דער וועטשערע זענען מיין שווער און שוויגער און איהר טאטע־מאמע אוועקגעפאהרען.

ער איז געוועזען א שמש אין א נאהנטען שטעדטעל און צו־מארגענס איז דארט פונקט געווען א גבירה'שע חתונה; זי האט געהאט א שטעלעכעל מיט בענדלעך און קנעפלעך. און „קוים דרעהט זי אוועק דעם קאפ, שטעלען זי די שניר בדיל הדל..."

ביים אוועקפאהרען האט זיך מיין אשתי חוה'לע צואויינט אויף א קול. דער פאטער, דער רגזן, האט א געשריי געטאן: סמארק! די מוטער האט איהר צוגעזאגט צו שיקען א מתנה, דאכט זיך מיר — א פאר איילען שליסעלבורגער געדרוקטען ציץ...

און מען האט זי קוים איינגענומען.

אצינד בענקט זי אודאי — טראכט איך — אהיים; און האב אויף איהר שטארק רחמנות.

דאס רחמנות האט מיך ביים גאנצען דאווענען נישט אפגעלאזט. איך האב געוואלט ווי אם געשווינדסטען אהיים לויפען, זעהן צי אשתי חוה'לע וויינט שוין נישט; איך האב אבער געמוזט ווארטען אויף'ן טאטען.

אין דער טיר האט אונז די מאמע באגעגענט מיט א ירגזון:

— א שעהנע פריצה האט „עטץ" מיר איינגעהאנדעלט! ווי געפעלט זי דיר? זי וויל דאך נישט ארויס פון בעט! אט מוז איך איהר צוטראגען קאווע אין בעט אריין!

מיין מאמע האט ליעב געהאט „אמת" ווי דאס לעבען. „נאר דעם ,אמת'!" פלעגט זי פון מיר פארלאנגען, אז איך בין אהיים געקומען מיט א צודראפעטען פנים אדער א צוריסענעם היטעל... צום טאטען פלעגט זי אבער האבען אייביג פאלשע פרעטענסיעס. ווארים משדך זיין זיך מיט ר' יאקעלע-יענטע-ברייגעס (אזוי האט מיין שוועהר געהייסען) האט זי דער עיקר געוואלט. דער טאטע האט נאך געהאלטען ביי א ישוב און זי האט געהייסען „צושלאגען". „אז עק זאל זיין!" האט זי געוואלט... און א באשטענדיגע שוואכקייט האט זי געהאט צו זאגען „קאווע" אויף ציקאריע.

איך, נאטירליך, בין נישט אריינגעגאנגען אהין, דער טאטע אויך נישט. כאטש אשתי חוה'לע האט נישט געוואלט די קאווע טרינקען. שפעטער זענען געקומען דער פעטער שכנא און די מוהמע יאכנע, און, אז מען האט זיי דערצעהלט, אז די „שנור וויל נישט אויפשטעהן", זענען זייביידע גלייך אריין אהין. און — ווייל די טיר איז געוועזען א נידעריגע, ווי עס פאסט פאר א חזיר-שטעלכעל — האבען זיי זיך ביידע אנגעשלאגען מיט די נעז אז דער אויבערשטער לייסט. און איך האב אליין געזעהן מיט מיינע אויגען, אז ביידע האבען באקומען די צייכען אקוראט אויף איין ארט, — אויף'ן שפיץ נאז...

האט איהר דעם בעסטען באוויז, אז מיין פעטער שכנא און מיין מוהמע יאכנע האבען געהאט איין גרוים.

אזוי זענען זיי זיך אויך עהנליך געוועזען, ווי שוועסטער און ברודער!

מען דערצעהלט אזא מעשה:

מיין מוהמע יאכנע קומט ארוים פון האצעפלאץ און האט נאר אהער חתונה געהאט צום פעטער. ווען דאס איז געוועזען, ווייס איך נישט, נאר די מעשה איז אן אמת.

דאמאלט איז ביי אונז געוועזען א בורמישטש א צורר יהודים. וואס האט זיך איינגעשפארט, אז מען זאל נישט חתונה מאכען אהן אקטען. מען זאל וועלען מאכען אקטען, וואלט מען שוין געמוזט ווארטען ביז זעכצעהן־אכטצעהן יאהר, ווי דער דין איז, און א איד, וואס קינדעלט און קינדעלט, זאל וועלען ווארטען מיט׳ן בכור ביז אכטצעהן יאהר, וואלט ער שוין קיין נחת אינ׳ם מוזשיניקעל נישט דערלעבט! נאך א ברית דארף מען זיך נישט אפרוהען, אבער נאך חתונה מאכען א קינד, מוז מען שוין ווארטען א שעהנע פאר יאהר. איידער מען קומט צוריק צו די כחות אויף א נייע חתונה...

קורץ פון דער זאך — דער ימח־שמו׳ניק האט דאך האס נישט געוואוסט, פלעגט ער שיקען רופען די חתנים און כלות, פרעגען, מכלומר׳שט, אויף פעסער און אינאיינוועגס חוקר ודורש זיין, צי עס איז נישט געוועזען א שטילע חופה. איהר פארשטעהט אן עסק?

מן הסתם איז ער נישט געוואר געווארען.

די חתונה־געהאטע קינדער האבען געקוועטשט מיט די דארע פלייצעלעך אויף: „איני יודע". און צוריק געשמועסט, ווער האט פארשטאנען פויליש? און אז דער „פאליציי", וואס האט געקענט אידיש, האט איבערגעפרעגט, האט מען איהם געענטפערט: ווער? ווען? וואס? הא! ווייס איך!

און גארנישט.

נאר דאס איז רעכט — א חתן... שיקען די כלה צום בור־מישטש איז דאך נישט קיין שטיינער! פלעגט מען נעמען איינג־לעך, באהאלטען די פאה׳לעך אונטער די אויערלעך, אנטון איז קליידלעך און אהין שיקען אויפ׳ן ארט פון די כלות! פאר „לא תלבש אשה שמלת גבר" האט מען קיין מורא נישט געהאט, וויייל עס איז דאך נישט, חס ושלום, לשם עבירה.

איינמאל האט מען שיער נישט געפלאצט פאר געלעכטער: עפעס א כלה איז אזוי געפעלען געווארען דעם בורמישטש, אז ער האט זיך, מחילה, צושפרייט די וואנסעס און דערלאנגט איהר א קוש אין שטערן אריין און געשענקט נאך א קארמעלקע!

אז עס איז געקומען דער גורל אויף דער מוהמען, איז געבלי־בען, אז דער חתן אליין זאל זיך פארשטעלען פאר דער כלה. אז דער בורמיישטיש וועט איהם נישט דערקענען, איז מען זיכער גע־ווען, ווייל מיין פעטער שכנא פלעגט זיך נישט ווייזען אין גאס אריין מיט אלע אינגלעך צוגלייך; ער איז געוועזען, לא עליכם, נישט קיין געזונטער און איז שטענדיג געזעסען און געלערענט. פון וואנען זאל ער איהם קענען?

דער בורמישטש האט איהם לאנג נישט געהאלטען. ער האט איהם — „געלויבט איז זיין ליעבער נאמען!" — תוך כדי דבור גע־הייסען ארויסווארפען: „וואו, דאס פאסקודסטווא"... „טאקע זכות אבות — פלעגט די באָבע זאגען — איז געשעהן, ווארים דער פע־טער שכנא איז נישט איבעריג קלוג און ווער ווייסט, וואס ער וואלט אויסגעפלאפעלט!"

אז ער איז צוריק אהיים געגאנגען, האבען אלע געשריען אין גאס, אז ער איז „די כלה אויס'ן אויג!" טאקע — „כהויה". אין שטוב, איידער ער האט צייט געהאט זיך איבערצוטון, האט דער מחותן — א פארטראכטער איד געוועזען! — א טעות געהאט און דערלאנגט איהם א מתנת יד: „יאכנע! פארוואס ווישט דו דיר נישט אפ די נאז?!"

דערנאך האט זיך געטראפען אזא מעשה:

אז עס איז ארויסגעקומען די גזרה פון די בערד, האט די ערש־טע קויל געטראפען מיין פעטער שכנא. ער איז געגאנגען אין מאַ־גיסטראט אריין צאהלען א פאראטעק, האט מען איהם געכאפט און צורעכט געמאכט בארד און פאות. אז ער איז אראפ אין גאס אריין, איז געווארען א געשריי פה אחד, אז יאכנע איז משוגע געווארען, און האט זיך פארשטעלט פאר'ן פעטער שכנא!

ער האט פאר שרעק און בושה צוזאמען געמאכט פלטה אויס דער שטאדט ארויס.

אינגלעך און ווייבער יאגען איהם נאך: ער אויפ'ן פעלד, זיי אויפ'ן פעלד; ער אין וואלד אריין, זיי אין וואלד אריין, ביז ער איז זיי פארלוירען געווארען צווישען די בוימער.

אז זיי זענען צוריק אין שטאדט אריין, און געטראפען די אמת'ע מוהמע יאכנע — וואס קלערט איהר? — מען האט איהר

אינמיטען גאָס אָפּגעריסען די קאָפּלע. ווען נישט די פּאָליציי, וואָס איז איהר געקומען צו הילף, וואָלט פון איהר קיין שריד ופּלים נישט געבליבען.

ביידע זענען קראַנק געוואָרען פאַר שרעק און בושה. און אז מענער און ווייבער זענען געקומען מבקר חולה זיין, האָבען זיי נישט געוואוסט, צו וועלכען בעט צוצוגעהן, אונטער די איבערבעטען, האָט מען נישט דערקענט, וואו עס ליגט שבנא און וואו יאכנע.

נאָר דאָס אַלײן זענען אַלטע זאַכען... היינט איז זיי שוין לייכט צו דערקענען: דער פעטער שבנא האָט א באָרד ביז אין גאָרטעל, און כאָטש די מוהמע יאכנע וויל איהם נאָכמאַכען אין עס שפּראָצען איהר עטליכע הערלעך פון דער גאָמבע, קאָן זי זיך גאָרנישט פאַרגלייכען מיט זיין בעזים, מיט וועלכען מען האָט געקאָנט אויסקעהרען א בית המדרש.

הכלל — זיי זענען זיך זעהר עהנליך געוועזען. אויב דער בורמישטש מיט זיין גוי'שען געשמאַק האָט געזאָגט אויף איהם פּאַסקודסטוואָ, וואָלט ער דאָס אייגענע געזאָגט אויף איהר. פאַר מיר ווייטער, זענען זיי ביידע שעהן געוועזען; נאָר דאָס געהט אייך נישט אָן. איך וועל דעריבער נאָר רעדען פון זייער עהנליכקייט. איהר מוזט וויסען, אז זיי האָבען געהאַט אפילו א גלייכען קול! אז זיי זענען אַריין צו דער כלה, האָב איך געהערט צוויי גלייכע גראָבע קולות און איין וויינענדיגען קול, וואָס האָט זיך ערשט שפּעטער אָנגערופען.

— חוה'לע! — האָב איך געהערט — וואָס איז דאָס פאַר א שטיינער?

— חוה'לע! טוסט אָן עגמת נפש שוועך און שוויגער!

— קינד און קייט וועט אויס דיר לאָכען!

— ווי הייסט? פאַרוואָס?

— ווער טוט אזוי!

— געפּט וועלען קומען!

— צאַצקע מיינע, נחת מיינס, העך עלטערע קרובים, זיי וויליז נאָר דיין גוטס!

— ביסט דאָך שוין נישט קיין קינד!... א מענש!

אזוי האָבען ביידע געשיט מיט שאלות, עצות און געבעטען און

איך האָב קיין איינציג מאָל נישט דערקענט, ווער עס רעדט: דער פעטער שכנא צי די מוהמע יאכנע!

דערנאָך ערשט האָט זיך אָנגערופן אַ ווייַנענדיגער דינער קול, אַביסעל אַ געדעמפּטער פון אונטער דער קאָלדרע:

— איך שעם מיך!

נאָר דאָס געהערט אויך נישט צו דער זאַך.

און אַ לעבן צווישען זיי איז געווען ווי אונטער דער זון. האָט די מוהמע יאכנע געזאָגט: באָם, האָט ער „ליתר תוקף ועוז" געזאָגט: „בים־באָם!" האָט דער פעטער שכנא געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף „יאָ". האָט די מוהמע יאכנע געזאָגט: „אודאי יאָ! ווי דען?"

אויף ברית'ן און חתונות פלעגן זיי זיך איבערוואַרפן מיט די אויגען פון איין טיש צום צווייטען, און גאַנץ אָפט עצות געבען:

— שכנא, כאַפּ אַ מיטעל־שטיקעל!

— יאכנע, ווילסט אַביסעל כריין?

ביי מיין עלטערענס ברית, אַז די מוהמע יאכנע איז נישט געווען בקו הבריאה, האָט דער פעטער שכנא געגעסען אָהן אַפּעטיט, און האָט אהיים געטראָגען דער מוהמע יאכנע'ן אַ האַלב שאָק מאַקאַראָנען.

ביים צווייטען האָט זיך געטראָפען פאַרקערט: דער פעטער שכנא איז געוועזען ניט אינגאַנצען, און זי האָט אהיים געטראָגען אַ קעפּעל פון אַ צוויי־פונטיגען העכטעל...

און איינס איז פאַר'ן אַנדערען געוועזען די לעצטע אינסטאַנץ. דער פעטער שכנא, אַז מען האָט איהם שוין גאָר איבערגעשפּאַרט, אַז ער האָט שוין קיין וואָרט אין מויל נישט געהאַט, פלעגט דאָך בלייבען ביי דעם זייניגען; „מיין יאכנע זאָגט אָבער אַזוי!" איז געוועזען זיין לעצטע תשובה, געגען דעם העלפט שוין קיין שכל און קיין יושר.

די מוהמע יאכנע ווייטער, פלעגט אָנהויבען יעדען זאַץ: „מיין שכנא זאָגט"... אָדער — „שכנא מיינער קלערט" און וואָס איהר שכנא האָט געזאָגט און געקלערט, אויף דעם איז געוועזען מויערען צו שטעלען...

מיט איין וואָרט — עס איז געוועזען אַ לעבען ווי אונטער דער זון. איך פלעג אָפּשיקען מיין אשתי חוה'לע צו דער מוהמע יאכנע

אויף דער לערען, זי זאל זעהן, ווי אזוי מען דארף באהאנדלען א מאן; זי וויטער פלעגט מיך אפשיקען צום פעטער שכנא, זעהן ווי א מאן באהאנדעלט א ווייב.

כל־זמן דער פעטער שכנא און די מוהמע יאכנע זענען געזונט געוועזען, פלעגען זיי אפט אריינקומען און שלום מאכען צווישען מיר און אשתי חוה׳לע. דערנאך, אז זיי זענען שוואך און עלטער געווארען, פלעגען מיר אלע מאל אהין געהן דין־תורה׳ם האבען, און דאס האט אונטערגעהאלטען אונזער שלום־בית!...

א והא ראיה, א פאר יאהר נאך זייער פטירה (אין איין וואך זענען זיי געשטארבען!) האט אונזער „שלום־בית" איינמאל פאר אלעמאל געפלאצט...

איך האב מיך מיט אשתי חוה׳לע געג׳גט; זי האט צוגענומען צוויי און איך צוויי קינדער... זי האט התונה געהאט, איך האב חתונה געהאט; מיר וואוינען אין פארשידענע שטעדט... עס געהט אונז ביידע נישט ווי אמבעסטען... נאר דאס איז נישט אייער געשעפט.

דער עיקר איז, אז דער פעטער שכנא מיט דער מוהמע יאכנע ליגען זיך בארוהט אין קבר.

און — הערט א מעשה — ביידע מצבות האבען זיך אויס־געדרעהט און צוגעבויגען איינס צו דער צווייטער.

פון צווישען די קברים איז ארויסגעוואקסען א בוים, און האט די מצבות מיט די צווייגען ארומגענומען, ארומגעוויקעלט, גלייך ער וואלט זיי געוואלט פעסטער צוזאמענשליסען...

און מיט דער צייט זענען אפגעריבען געווארען ביידע מצבות. שוין נישט צום איבערלעזען.

דער פנקס פון חברה־קדישה איז פארברענט געווארען ביי דער דריטער שרפה, און קיינער געדענקט נישט, ווער עס ליגט רעכטס און ווער לינקס, דער פעטער שכנא, צי די מוהמע יאכנע? —

איך און מיין געוועזענע אשתי חוה׳לע, וועלען מיר נישט לי־גען אויף איין בית־הקברות... נאר דאס איז שוין ווייטער נישט אייער דאגה...

# מענדעל ברײנעס.

מענדעל ברײנעס (קײן פאמיליען־נאמען איז נאך דאמאלט נישט געװעזען) איז געװען א יושב אהל, דאס הײסט: א שטיק שעהנער איד; קײן גרויסער למדן נישט, נאר — תהלים פאר'ן דאװנען, עין־יעקב נאכ'ן דאװנען, און בײנאכט — א פרק משניות. ער פלעגט גאנץ אפט אהײם נעמען אן אורח, יעדען פריה־מארגען ארײנװארפען אין מאיר בעל הנס, האלטען מפטיר יונה, האבען א גרוים חלק אין דער קאנסארציע פון פתיחות, און דערצו פלעגט ער גלאט זײן א מתעסק במצות: א מגיד איז געקומען, מען דארף ארומגעהן צוזאמענגעמען פאר ארעמע לײט, אויף מצות, אויף האלץ און קארטאפעל; מען דארף ערובין, עמיצען אן אהל שטעלען וכדומה— טוט ר' מענדעל ברײנעס אן די ברײטע תבונה, נעמט דעם גראבען שטעקען מיט דער מעשענער גאלקע און געהט מיט'ן רב, מיט'ן דאזשארצע אדער אזוי מיט א שעהנעם בעל־הבית. ער האלט זיך פאר א מצוה אלײן צו טראגען די פושקע, כאטש הינטען געהט נאך דער שמש.

װינטער האט ער קײן מינוט צײט נישט געהאט: תהלים זאגען, דאװנען, עין־יעקב לערנען, אנבײסען, א נדבה מאכען, מנחה־מעריב, א פרק משניות און װעטשערע — און קריאת־שמע לײענען. שלאפען, חצות, װײטער שלאפען... עס איז איהם פון טאג קײנמאל קײן רעשט נישט געבליבען. פאר דאס זומער־צײט פלעגט איהם בלײבען א נאך־װארמעס, א גרויסער נאך־װארמעס. ער פלעגט איהם א ו י ך פארברענגען אין בית־המדרש, נאר רעדען שױן פון װעלט־זאכען, פון נײע המצאות, פון פאליטיק...

מענדעל ברײנעס איז נישט קלוג געװעזען. אין חדר פלעגט מען איהם רופען מענדעל שוטה; אז ער האט חתונה געהאט, אין די

אפיניע ווייבער געווארען און ער פלעגט שוין הייסען: „מענדעל תם“. ערשט דערנאך, אז ער איז אראפ פון קעסט, געווארען א בעל־הבית פאר זיך, און בריינע, זיין ווייב, האט זיך געמאכט א שפייז־געוועלב און געלייזט „שטיקער גאלד“ — האט מען איהם נעקרוינט אויף „מענדעל בריינעס“. און ווייל מענדעל בריינעס איז קיינעם אין וועג אריין נישט געגאנגען, קיינעם א שלעכט ווארט נישט געזאגט, און בית־המדרש און קהל האט געהאט פון איהם, האט קיינער נישט דערמאנט וואס אמאל איז געוועזען, האט קיינער הויך נישט געלאכט, אז ער פלעגט צווישען אלע פינף ווערטער זא־גען: אבער וואר איך בין קיין נאר נישט? א־יא, איך בין קלוג?

— אמת, איך בין קיין נאר נישט! — זאגט אמאל ר׳ מענ־דעלע,—און פונדעסטוועגען פארשטעה איך נישט, ווי אזוי מען אר־בייט אויס אזא דין און געלעבערט שטרוי אין די שעניקעס אריין! איך האב אומישנע ארויסגעשלעפט אודאי פיערציג שטרוי, איינס נאכ׳ן אנדערען, אלע זענען הויל, — אלע חלולים, חלולים. איך האב געוואלט פרענען מיין בריינען, זי איז שוין אבער געווען אין געוועלב.

און איידער עמיץ האט צייט געהאט צו לאכען, האט ער זיך שוין אליין געענטפערט:

— דאס שטרוי מוזען אודאי די פויערען ברענגען פון ענג־לאנד!

פון ענגלאנד האט מענדעל בריינעס א סך געהערט און גע־האלטען טאקע עולם ומלאה.

עס איז געוועזען נאך דער סעוואסטאפאלער קריג; דער גאנ־צער בית־המדרש האט נאך געקלונגען מיט ענגלישע המצאות. די מעשות האבען דערצעהלט אויסגעדינטע זעלנער, וואס האבען עס אליין געזעהן מיט אייגענע אויגען.

טאקע גבורות הבורא, דערצעהלט נאך א בית־המדרש בעל־הבית: למשל, א הארמאט! וואס טויג, רבותים, א הארמאט? די הארמאט שיסט אוים א קויל; נו, וואס איז? דארף מען דאך ערשט פועל׳ן, אז דער שונא זאל וועלען שטעהן אונטער׳ן חלול! און דער שונא איז דוקא גאר קיין נאר נישט, ער לאזט זיך נישט אנרעדען צו אזוינע זאכען. אמאל נארט ער גאר אפ; ער שטעהט, דו שיסט און ער גנב׳עט זיך אוועק! עס האט געהאלטען ביי כלו כל הקיצין!

די ממזרים, די ענגלענדער, האבען דאך אבער געהערט די מעשה פון צפרדע של מצרים, האבען זיי זי נאך געמאכט! זיי האבען ממציא געווען אזא גרויסע הארמאט, וואס שיסט ארויס פון זיך, נישט קוילען, נאר גאנצע הארמאטען, און יעדע פון די הארמאטען, אז זי פאלט אראפ, גיט זי א טראסק אין דער ערד, צופלאצט, און עס שפרינגען פון איהר ארויס צעהן נייע הארמאטען, און די הארמאטען ערשט שיסען מיט קוילען!! נו, געה היט דיך פאר דעם! אצינד קאנט איהר פארשטעהן, וואס פאר א מין שחיטה דאס האט אנגעמאכט!

און איהר מיינט כשוף? חלילה, א פראסטע ספרונזשינע!

און אז מען האט געפרעגט: פאר וואס נאך דער קריג האט זיך מלכות־רוסיא נישט נאכגעמאכט אזוינע הארמאטען, האט מען געוואוסט צו ענטפערען, אז באלד נאך דער מלחמה זענען זיך די מלכיות'ן צוזאמענגעגאנגען, און, כדי מען זאל נישט חרוב מאכען די וועלט, האט מען געמאכט מיט „ז י י ע ר ב ח ר ם", אז מען זאל שוין מעהר נישט שיסען, נישט מיט פלאכטעס קאבעדיגען הירזש און נישט מיט אזוינע הארמאטען.

פון דאמאלט אן האט מענדעל בריינעס געהאלטען עולם ומלאה פון ענגלאנד, און וואס ער האט עפעס געזעהן, און זיין שכל האט נישט געקאנט משיג זיין, איז אלץ געווען פון ענגלאנד. אז דער זייגער קומט פון ענגלאנד, פון דעם איז נישט געוועזען וואס צו קלערען, נאר די ערשטע ספרונזשינע האט אויך געמוזט מאכען אן ענגלישער שמיד! און ער האט גערעדט מיט גרויס התלהבות פון ענגלאנד, פון איהרע חכמים, פון איהרע קאוואלעס:

— זיי מוזען דארט זיין שעהנע חכמים!

מענדעל בריינעס וואלט געוואלט לעבען אין ענגלאנד, נאר שטארבען, איבער הונדערט און צוואנציג יאהר, אין ארץ ישראל. ערשטענס, פאר פרומקייט; צווייטענס, גלאט, האט ער בטבע זעהר ליעב געהאט מנוחה, און ווען ער פלעגט זיך דערמאנען אין גלגול מחילות, האט ער אויף דריי טאג פארלוירען דעם אפעטיט. און ווייל ער האט פארט נישט אויפגעהערט צו עסען, האט ער געהאט זעקס טאג בויך־וועהטאג! מחיה האט ער זיך געווען, אז ער איז גע־וואר געווארען פון א זיכערען מענש, אז ארץ ישראל איז ווייטער ווי ענגלאנד.

— גוט, טראכט ער, און קלערט שוין פון דאמאלט אן אויפ'ן רעכטען אמת צ: פאהרען קיין ארץ ישראל, ווארים „דער וועג מוז דאך געהן דורך ענגלאנד!"...

ער וואלט שוין לאנג פארקויפט דאס געוועלבעל מיט'ן כלי־בית און געפאהרען, ווען נישט ביינע.

ביינע האט גאנץ עהרליך געהאלטען איהר מענדעלען. זי האט זיך געוואונשען צו זיין זיין פוס־בענקעלע אין גן־עדן; זי האט איהם געקעבעלט און געשטאפט, געארבייט ווי אן עזעל, מפרנס צו זיין, צו שוכען און צו קליידען מענדעלען מיט די פיער קינדער: דריי מיידלעך און איין אינגעל. איהר גאנצער עולם הזה איז גע־וועזען, אז זי האט געזעהן פון געוועלב ארויס איהר מענדעלען געהן מיט דער צדקה־פושקע אין דער לינקער און מיט'ן שטעקען מיט דער מעשענער סקיפקע אין דער רעכטער האנט! זי האט פארקויפט בחצי חנם איהר שטאדט אין עזרת נשים, ווייל די פענסטער געהען אין שול אריין, און באצאהלט „ממון קרח" פאר א שטאדט לעבען בית־המדרש פענסטער. זי זאל זעהן ווי מענדעלע איז עולה לתורה און מאכט די זיסע ברכה. עס האט איהר געקוואלען דאס הארץ, ווען מענדעלע האט אונטערגעזאגט דעם חזן, „האשה ביינע בת מורנו"... און מנדר געוועזן פאר איהר געזונט ח"י פעמים ח"י; זי איז געוועזן גליקליך, אז זי פלעגט שבת און יום־טוב געהן מיט איהם דאוונען צוזאמען; און אז זיי האבען זיך צושיידט ביי די צווייערליי טרעפ, פלעגט זי בלייבען שטעהן אויפ'ן ערשטען שטאפעל און אי־בערדרעהען זיך און זעהן ווי איהר מענדעלע הויבט די פיסלעך אויף די מענערישע טרעפ. נאכ'ן דאוונען האט זי איהם אפגעווארט ביי דער שוועל, און אז זי האט איהם דערזעהן, און זי האט דער־הערט זיין „גוט שבת", איז זי רויט געווארען, גלייך ווי זי וואלט ערשט פון אונטער דער חופה אפיר. פונדעסטוועגען האט זי גע־וואוסט, אז מענדעלע איז נישט קלוג אין די „וועלט־נארישקייטען". אז ער איז נאר א חכם אין די קליינע אותיות, א מוח אין בית־המדרש, אבער אזוי, אין עולם הזה זאכען, גאר לא!... דאס איז שוין איהר זאך!

— ניין, מענדעלע, — זאגט זי איהם געלאסען, — מען פאהרט נישט אזוי, מען פארקויפט נישט קיין סחורה! אפשר שפעטער, אז

מיר וועלן חתונה מאכן אלע קינדער, אפגעבען קעסט, דערלעבען כאטש אן אייניקעל, און אפשר אן אוראייניקעל. דאמאלט, זעהסטו, מהיכא תיתי, איבערגעבען די קינדער די מחיה...

און מענדעל האט געוואוסט, אז ברײנע איז אין וועלט־זאכען א „ווילדע חכמה". און האט געוואוסט! ווארים נאך ירושלים און ענגלאנד, איז איהם ברײנע געווען פארבאקען אין דארע.

ער האט דערוויייל נישט אלע קינדער חתונה געמאכט, און ער קומט אײנמאל אהיים זעהר טרויעריג:

— זעהסט דו, ברײנע, — מאכט ער, א פאוועסטקע צום בית־דין של מעלה! — ער ווײזט איהר א גרויע האר אין דער בארד.

ברײנע טרײסט איהם:

— רעד נישט קיין נארישקײטען, מענדעלע, דו ביסט נישט קלאר אין אזעלכע זאכען... מײן טאטע, עליו השלום, איז גרוי געווארען צו פופציג יאהר, און דיר צו לענגערע יאהר...

— א ו נ ז צו לענגערע יאהר, — פארבעסערט מענדעל.

— און אונז צו לענגערע יאהר, האט ער נאך געלעבט אודאי א יאהר דרײסיג!

— היינט אבער שוואכע דורות, נישט די פארצייטיגע כוחות!

— זאגט מענדעלע און לאזט אראפ די אויגען.

ברײנע האט איהם אויסגערעדט דאס עגמת נפש און איהם אנגעהויבען בעסער צו קעכלען: נעמט ביים קצב נאך א האלב פונט פלײש צום ווארמעס...

— אי, ברײנטשע, — זאגט דער קצב, — איהר האט אודאי מחותנים צום טיש, זאל אײך זײן צו מזל!

— נײן, — ענטפערט ברײנע, — היינטיגע שוואכע דורות...

און ביים עסען לעגט זי אלע מאל צו מענדעלען נאך א שטי־קעל, נאך א פיצעל... „עס דאס, דאס איז א מחיה", און האט, קו־קענדיג אויף מענדעלען אין זינען געהאט: זאל איהם זײן צו גע־זונט... היינטיגע שוואכע דורות!...

זי האט מיקלאמפערשט „געכאפט א זעמעל אין געוועלב, גע־וואשען זיך ביי דער שכנה." אמאל — האט איהר א קרובה גע־קאכט א נייע מאדע קילישע און איהר געבראכט א פאר לעפעל צו פארזוכען; אמאל איז זי געוועזען אויף א ברית, כאטש זי האט

פארגעסען, ווי די יולדת הייסט. — אבי זי איז נישט הונגעריג גע־וועזן ביים עסען און נאך געבעטען זיך:

— עס, מענדעלע, עס. וואס גלייכסט דו דיך צו מיר? תורה תתיש כח!

— מתיש כח, מיינסט דו, ברײנע.

— זאל זיין מתיש כח... אדער ווי אין פרק שטעהט: אם אין תורה אין קמח, אז מען לערענט, מוז מען עסען!

מענדעל שמייכעלט אויפ'ן נייעם גרייז.

— אבער איך, וואס טו איך? איך געה א גאנצען טאג לע־דיג, אדער זיץ איבער'ן פייער־טאפ. קומט אריין א קונה, מעסט איך אפ א קווארט באבעלעך, צי קאשע, צי מעהל, נישט — נישט! דעריבער דארף איך ווענינער עסען.

מענדעל גלויבט אין דער געבאפטער זעמעל, אין דער קי־לישע, אינ'ם ברית, כאטש ער האט תחנון געזאגט. א קשיא אויף א מעשה, אודאי ביי א מנין... ער דארף טאקע — גלויבט ער — מעהר עסען, א קאטאוועס — יעדען טאג צוויי יום תהלים, א פרק משניות, עטליכע בלאט עין יעקב, היינט־זשע — דאוונען, פושקע טראגען, שטעקען שלעפען, ער ווייסט?...

און ער איז שטארק צופרידען, וואס זיין כשר'ע ברײנע האט אזא רוהיג לעבען, וואס זי זיצט לעדיג אין געוועלבעל איבער'ן פייער־טאפ, פארלעגט די הענט און ווארט אויפ'ן קונה, קומט ער — קומט ער, נישט — נישט! זעהר גלייך! זאל זי כאטש נישט אזוי פיעל ארבייטען ווי ער, זאל זי זיך כאטש אויסרוהען די ביינער. און מענדעלע שטאפט אין זיך אריין וואס אמאל מעהר, אבי ער זאל האבען כח מאריך ימים צו זיין. ער זאל דערלעבען צו זעהן ענגלאנד און צו שטארבען דערנאך אין ירושלים.

אחוץ פון ברײנען האט מענדעלע נאך נחת פון קינדער: אז עלטערען זוהן האט ער התונה געמאכט אין דער פרעמד; ער עסט שוין קעסט ביים שווער! געלויבט איז גאט, זייט ער האט חתונה געהאט, איז נאך פון איהם קיין בריף נישט געווען, א סימן, עס געהט איהם גוט, אז ער איז בקו הבריאה. ווער עס קומט צו פאה־רען, ברענגט א גרוס... נאך איהם געהט א חתן־בחור — א חדר־אינ־געל. ברײנע באשטעלט מלמדים, צאהלט שכר־למוד, זעהט, ער זאל לערנען מיט זיינם גלייכען. ער פאר דאס פארהערט איהם

אלע שבת... נאר פאר'ן עסען האט מענדעלע פ י י נ ט צו פאר־הערען. נאכ'ן עסען איז בעסער, מעהר רחבות. דעריבער דריי־מעלט ער טאקע באלד איין, און כאפט זיך ערשט אויף ביים מלמד'ס לחיים. גיט דעם זוהן א קניפ אין בעקעל און שויין.

ער האט נאך דריי טעכטער, יונגע קינדער, צייכען מיידלער, נאר וואוילע קינדער אלע. דרך־ארץ'דיגע קינדער, שטילע קינדער. שטענדיג ריינע, אפגעוואשענע, א מחיה!... ער זעהט אפילו נישט, ווען מען וואשט זיי, ווען מען קעמט זיי, ווען בריינע לאטעט און פארריכט! ער קאן כמעט נישט פארשטעהן, ווי אזוי דאס ווערט קלוג און פיין געבוירען!...

— טאקע מ י י נ ע קינדער! טראכט ער זיך מיט גאוה, אין מ י ר אריין געראטען! ער דאנקט און לויבט זיין ליעבען נאמען דערפאר, וואס בריינע האט אזא רוהיג לעבען, נישט ווי אנדערע מאמעס; וואס די קינדער דרעהען איהר נישט אפ דעם קאפ! און ווי די קינדער פאלגען! ער הייסט זיך, למשל, ברענגען א טרונק וואסער, בריינע האט א טבע אליין, וואס ער זאגט, איבער־צוזאגען, און קוים חזר'ט זי איבער: ברענגט דעם טאטען וואסער, לויפט דאס קינד שוין און ברענגט; א מחיה אזוינע קינדער! ער קומט אין שטוב אריין און בריינע זאגט נאר: דער טאטע געהט— איז שוין שטיל!

געלויבט איז גאט, מען רעדט שוין דעם צ ו ו י י ט ע ן זוהן א שדוך, און א גוטען שדוך. בריינע וויל טאקע פאהרען אנקוקען די כלה. חגאות צייט וועט זי עס טון, אזוי האט זי איהם גע־זאגט. און ווייל ער איז געוואר געווארען, אז צום מחותן פאהרט מען נ י ש ט דורך ענגלאנד, איז ער א י ה ר מוחל דעם כבוד, זאל זי זיך אביסעל איבערפאהרען. פארוואס נישט? זי פאהרט איינגאנצען פיער מאל אין יאהר נאך סחורה, אויך קומט זי צוריק מיד און מאט פון לויפען, באקוקען, דינגען... זאל זי א י י ן מ א ל כאטש פאהרען און קומען מיט נחת, זאל די וועלט זעהן, וואס פאר א ווייב ער האט! ער אליין וועט זיך ווייזען אויף די תנאים! אפילו ביי דער חופה איז אויך גענוג! דעם ע ר ש ט ע ן זוהנ'ס כלה האט זי אויך אנגעקוקט; זי איז שוין מזל'דיג צו אזעלכע זאכען... ער וועט זיך נאך גענוג אנפאהרען...

עס זענען ווייטער אוועקגעגאנגען א פּאָר יאָהר. אז נאָט בענשט, בענשט ער מיט אלעס, אַפילו מיט מנוחה — דער צווייטער זוהן האָט אויך חתונה געהאַט, און גוט חתונה געהאַט, ער עסט שוין אויך קעסט.

מענדעלע האָט אפילו גאַנץ ווענינ געוואוסט ווער און וואָס; עס איז איהם איבערגעגאנגען כמעט ווי אין א חלום. ער האָט אפילו קיין איינציגען טאָג קיין יום תהלים נישט פאַרפעהלט... עס האָט איהם דער קאָפּ נישט וועה געטאָן, אויסער אין דערפריה, נאָך דער גרויסער נאַכט, פון וועניגער שלאָפען!

און מענדעלע פרעהט זיך. — נאָך איינגאַנצען דריי מיידלעך חתונה צו מאַכען, (ביי ברייגען געהט עס געשווינד), און דערנאָך: שוין! איבערגעבען די מחיה, דינגען א ברייטען וואָגען, מען זאָל זיך קאָנען אויסציהען, אַנפּאַקען מיט ענגליש שטרוי און וויאָ!

נאָר עפּעס פיהלט ער, אז די פיס זענען איהם נישט בקו הבריאה, אז פון א קורצער צייט איז איהם דער אָטעם שווער. נאָר ברײנע לאָזט איהם נישט צו קיין עגמת נפש, זי טרייסט איהם און קעכעלט איהם אלע מאָל מעהר; זי איז איהם מבטיח, אז ער וועט נאָך אלע דערלעבען!

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

איינמאָל זיצט ער אין בית־המדרש ביים עין יעקב און דער־הערט א געשריי; עס דאַכט זיך איהם — זיין טאָכטער; נייִן, ווי קומט זי אויפ'ן שול־הויף? און א כלה־מיידעל ווײנט נישט... עפּעס לויפט מען אויף די טרעפּ, מען שרייט: טאַטע! טאַטע! פאָרט איהר קול; עס איז אבער דאָך נישט מעגליך!

ער וויל איבערקלערען, נעמט ארויס א שמעק טאַבאַק, נאָך איידער ער האָט איהם אריינגעזעצט אין די נאָזלעכער, האָט איהם שוין די טאָכטער געריסען ביי די לאַצען:

— ט א ט ע! די מאַמע איז אוועקגעפאַלען, געוואַלד!

און איידער ר' מענדעלע איז צו זיך געקומען און אהיים גע־לאָפען, איז שוין ברײנע געלעגען טויט!

אין איין טאָג איז מענדעלע באמת גרייז־גרוי געוואָרען. דער אָטעם טאַקע שווער און די פיס טאַקע געשוואָלען... ער האָט זיך

נישט גערעכט, אז בּריינע זאָל איהם נישט איבּערלעבּען... בּיי אַזאַ מאַן, בּיי אַזוינע קינדער, בּיי אַזאַ וואוילטאָג!...

און בּריינע, אַזוי ווי מען האָט זי נישט אַרויסגעזעהן בּיים לע־בּען, האָט מען זי קוים אָנגעזעהן אויף דער מטה... אַזאַ דאַרעניש!...

# די אלמנה.

די גרויע ריהרעוודיגע נעבעל קלייבען זיך צוזאמען אויף א שווארצען וואלקען. עס איז הוישנע. עס וועט פאלען א שטארקער רעגען; ער שיקט זיך שוין אנזאגען דורך עטליכע דיקע טראפפען... דאס שטיבעל שטעהט אונטער'ן בארג, דאס שטרויענע דעכעל איז פול מיט לעכער; עס האט נישט ווער עס צו פאררייכטען.

די וואלקען האבען פארשטעלט די זון. די רעשט ליכט פאר־שטעלט דער בארג; אין שטיבעל איז כמעט פינסטער. עס איז פאר־נאכט, באלד וועט די נאכט צופאלען... אין עק, אויף'ן קוימען, שטעהט א לעדיג לעמפעל מיט אן אפגעבראכענעם גלעזעל אהן נאפט... עס האט נישט וועמ צו געהן נאפט קויפען.

אין שטיבעל איז שווילער ווי אין דרויסען...

דער קוימען איז נישט לעדיג: עטליכע ערדענע, האלב צו־בראכענע טעפלעך, אביסעל אש... א שטיקעל אפגעשליפענער ציי־געל, אייזערנע פיסלעך, — נאר אהן א פונק פייער. פאר דער טיר ליגט נאר א פוילע ליפע האלץ, עס האט נישט ווער זי צוצוהאקען.

דער בעל־הבית פון שטיבעל איז קראנק געוועזען א גאנץ גע־הענדיג יאהר און וואס א טאג איז קלענער געווארען דאס אפגע־שפארטע קניפעל...

ער האט געזאמעלט פון א קינדס וועגען: „צוזאמענגעקליבען א רובל הונדערט, אוועקגעגעבען אויף פראצענט“... האט גאט בא־שערט א מיידעלע, „זאל זיין נדן פאר איהר!“.

איז אבער געקומען די קרענק!

פון קניפעל האט אלע מאל מעהר געפעהלט געלט און דעם קראנקען — כוחות און בלוט... עס האבען ארויסגעוואנדערט די כלים פון שטוב; די לעצטע איז ארויסגעגאנגען די נעה־מאשין...

מיט'ן לעצטען דריטער פון קניפעל איז ארוים אויך די נשמה פון גוף...

דאס ברודיגע שטיקעל ליינוואנט פונ'ם קניפעל הענגט אצינד איבער א גלאז וואסער ביים נשמה־ליכטעל.

ביי דער טיר שטעהט א קליין אייזערנע קעסטעל... דאס איז דער געוועזענער דינסטס. זי איז ערשט ארויסגעגאנגען זיך זוכען א ארט.

אין לעדיגען שטיבעל איז כמעט פינסטער...

אויף דער פאדלאגע שימערט אביסעל צוואווארפען שטרוי... אויף די פיער ווענט שטארען ארוים פארשידענע נעגעל.

אויף זיי האט געהאנגען א שפיגעלע (היינט דארף מען עס נישט... די אלמנה וואלט זיך פאר איהר פנים דערשראקען...), א חנוכה־לעמפעל (פאר וועמעס וועגען?), עס האבען געהאנגען קליי־דער... יעדער האט זיך פאר זיין טויט אפגעכאפט זיינס!

אין ווינקעל שטעהט א וויגעל; אין וויגעל ליגט א קינד. עס שלאפט.

אויף דער ערד לעבען וויגעל זיצט די פרישע אלמנה. די דארע הענט פארבראכען, דער שווערער קאפ אנגעשפארט אויפ'ן וויגעל... די אויסגעוויינטע אויגען קוקען שטארק אויפ'ן סופית.

עס דאכט זיך, זי לעבט נישט, זי פיהלט נישט, זי קלערט נישט... איהר הארץ קלאפט נישט, זי האט קיין דופק נישט...

דאך אין מוח וואלגערט זיך ארום א מחשבה; קיין אנדערע טרייבט זי נישט ארוים, ריהרט זי זיך נישט —

— „הענע — האט ער אמאל געזאגט — דערלאנג מיר דאס שערעל!“ ער האט עס נישט געדארפט, ער האט דערביי עפעס קליגעריש געשמייכעלט... וואס האט ער געוואלט? איך זאל צו־געהן צו איהם? איך האב געשיילט קארטאפלעס... צי האב איך איהם דערלאנגט דאס שערעל? ניין; עס איז עמיץ דערווייל אריינ־געקומען... ווער?

זי קאן זיך נישט דערמאנען און קלערט אלץ: ווער?

דאס קינד דערווייל שלאפט און שמייכעלט אין חלום.

# דער משולח.

ער געהט, און דער ווינט צויאגט די פאלעס און די ווייסע באָרד.

אלעמאל כאפט ער זיך אז מיט דער רעכטער האנט איז דער לינקער זייט! עס גיט איהם אלעמאל דארט א שטאָר. ער וויל זיך דאך נישט מודה זיין; ער וויל זיך דוקא איינרעדען, אז ער טאפט נאר ביי דער בוזעם־טאש.

— איך זאל נאר דעם קאנטראקט מיט דעם געלט נישט פאר־לירען! אט פאר דעם מכלומר׳שט ציטערט ער.

— און אפילו עס שטעכט, איז אויך א נארישקייט! איך האב נאך, געלויבט איז גאט, גענוג כח אויף אזא שליחות. אנדערע איז מיינע יאהרען וועלען שוין קיין וויארסט נישט אפגעהן. נאר איך, געלויבט איז זיין ליעבער נאמען, דארף נאך נישט צו קיין מענשען און פארדין מיר אליין מיין ברויט... געלויבט איז גאט, מען גע־טרויט מיר געלט!

— ווען איך האב מיין אייגענס — טראכט ער ווייטער — וואס מען געטרויעט מיר, וואלט איך אין שליחות צו זיבעציג יאהר נישט געגאנגען; וויל אבער דער רבונו של עולם אזוי, איז אזוי גוט!

עס הויבען אן צו פאלען גראבע פלאכעס שניי; ער ווישט זיך אלעמאל דאס פנים.

— איך האב נאך — טראכט ער — איינגאנצען א האלבע מייל, אווא! אויך מיר א גאנג! אסך נעהנטער ווי ווייטער! ער דרעהט זיך איבער — מען זעהט שוין אפילו נישט דעם שטעדטי־שען זייגער, נישט דעם קלויסטער, נישט די קאזארמע. „נו, שמריה, פאהר!“.

און שמריה פאהרט אין דעם נאסען שניי; די אלטע פיס קאַ־פען זיך אריין און ארויס. — „געלויבט איז גאָט, עס איז קיין גרויסער ווינט נישט!".

גרויס, האָט אפּנים, ביי איהם געהייסען א שטורעם־ווינט; דער ווינט איז געוועזען גענוג שטארק און געיאָגט גלייך אין פּנים אריין, אז עס האָט איהם אלע מאָל אָטעם פארפעהלט; ער האָט איהם ארויסגעגנארט אלע טרערען פון די אלטע אויגען, וואָס האָבען איהם געשטאָכען ווי שפּילקעס. נאָר אויף די אויגען ליידט ער תמיד.

פאר'ן ערשטען געלט, פאלט איהם איין, קויפט ער זיך ווענס־ברילען. — אזוינע גרויסע, קיילעכדיגע; זיי זאָלען די גאנצע אויגען פארשטעלען.

גאָט זאָל וועלען — טראַכט ער — וואָלט איך צו דעם אויך געקומען! עס זאָל נאָר זיין אלע טאָג א שליחות, און וויים, גאָר וויים! געהן, ב"ה, קאָן איך, וואָלט איך מיר שוין אָפּגעשפּאָרט אויף א פּאָר ברילען...

ער דארף אפילו א שטיקעל פּעלצעל אויך. עס וואָלט איהם לייכטער געוועזען אויף דער ברוסט... ער רעכענט איבער, אז דערווייל האָט ער נאָך א ווארעמע קאַפּאָטע!

— זי זאָל זיך נאָר נישט רייסען, וואָלט זי גאָר וואויל גע־וועזען. ער שמייכעלט מיט פארגעניגען. דאָס, — טראַכט ער — איז נישט קיין היינטיגע קאַפּאָטע, קיין קיי און שפּיי, קיין שפּינ־וועבס! נאָר פּארצייטישער לאַסטיג; דאָס, וועט מיך איבערלע־בען! און אהן א שפּאָלט, דאָס איז אויך א מעלה; זי צופליהט זיך נישט אזוי ווי א היינטיגע סחורה, און פון פארענט פארלעגט זי זיך אויף אן אייל!...

— א פּעלצעל — טראַכט ער ווייטער — איז אייגענטליך בעסער. א פּעלצעל איז ווארעם, גוט ווארעם. נאָר אלץ פריהער ברילען. א פּעלצעל איז נאָר גוט ווינטער און ברילען דארף מען תמיד. ווארים זומער, אז עס מאַכט זיך א ווינט און יאָגט דעם שטויב גלייך אין די אויגען אריין, איז ערגער ווי ווינטער!

און עס בלייבט, אז פריהער זענען ברילען, דערנאָך ערשט א פּעלצעל! דער אויבערשטער זאָל נאָר העלפען, ער זאָל אפּנע־מען דעם ווייץ... א פּיער גילדען וועט ער אודאי כאַפּען...

און ער שלאָפֿעט ווייטער. און דער נאָסער שניי פּאַטשט איהם אין פּנים אַריין, דער ווינט ווערט אַלעמאָל שטאַרקער און איז זייט שטעכט אַלעמאָל מעהר.

— דער ווינט זאָל זיך נאָר ווערען איבערדרעהען! נאָר מן הסתם — טראַכט ער — איז אַזוי גלייבער, צוריקצואוועגס וועל איך מעהר מיד זיין, וועל איך איהם דאַמאָלט האָבען פֿון הינטען! א, דאַמאָלט וועט זיך עס נאָר אַנדערש געהן! אַלץ פֿאַרזאָרגט! גרינג אויפֿ'ן האַרץ!

ער האָט זיך געמוזט אָפּשטעלען א רגע און דעם אָטעם כאַפּען. דאָס שרעקט איהם אַביסעל איבער:

— וואָס איז אַזוינס מיט מיר געשעהן? וועניג פֿרעסט און ווינטען האָב איך אויסגעהאַלטען אַלס קאַנטאָניסט? — פֿרעגט ער זיך טרויעריג און האַלב דערשראָקען.

און ער דערמאָנט זיך זיין סלוזשבע אַלס ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט. פֿינף און צוואַנציג יאָהר ריינע סלוזשבע אונטער דער ביקס, חוץ די קינדערשע יאָהרען אַלס קאַנטאָניסט. ער איז זיין גע־נוג אַנגעגאַנגען אין זיין לעבען, געמאַרשירט איבער בערג און טאָל, אין שניי און פֿרעסט און אַלערליי זאַווערוכעס. און װעלכע שנייען, וועלכע פֿרעסט! די בוימער פּלעגען פּלאַצען, פֿייגעלער פֿלעגען טויט אַראָפּפֿאַלען אויף דער ערד — און דער רוסישער סאָלדאַט איז גע־גאַנגען פֿריש, לעבעדיג, און נאָך דערצו א ליעדעלע געזונגען, א טרעפּאַק, א קאַמאַרינסקי און מיט די פֿיס צוגעקלאַפּט!

דער געדאַנק, אַז ער האָט גאַנצע פֿינף און דרייסיג יאָהר אויסגעהאַלטען די פֿאַרצייטיגע סלוזשבע, אויסגעשטאַנען אַלע צרות, אַלע שנייען, אַלע ווינטען, אַלע שלעק, הונגער, דורשט און נויטען, און א געזונטער אַהיים געקומען — דער געדאַנק מאַכט איהם גרויס! ער הויבט אויף דעם קאָפּ מיט גדלות און געהט מיט נייעם כח.

— האַ, האַ, וואָס איז גאָר ביי מיר אַזאַ פֿרעסטעל? אין רוסלאַנד, דאַכט זיך, איז געווען עפּעס אַנדערש!

ער געהט, דער ווינט ווערט אַביסעל שטילער, עס ווערט אַלע־מאָל טונקעלער, עס פֿאַלט צו די נאַכט.

„אויך מיר א טאָג — טראַכט ער — א טל ומטר'ל!... און ער הויבט זיך אָן מעהר צו יאָגען, עס זאָל איהם נישט די נאַכט באַ־

פאלען. נישט אומזיסט געהט ער שבת אין שולכעל לערנען תורה. ער ווייסט: מען דארף ארויסגעהן און צוריק קומען בכי טוב!

ער פיהלט אביסעל הונגער, און א טבע האט ער, אז ווען ער ווערט הונגעריג, ווערט ער לוסטיג! ער ווייסט, אז אפעטיט איז א גוטע זאך; זיינע סוחרים, וואס שיקען איהם אין שליחות, ווייסען תמיד נאר אויף דעם, וואס זיי זענען קיינמאל נישט הונגעריג! ער האט, ב"ה, אפעטיט! אויסער, אז ער איז נישט בקו הבריאה־זוי. למשל, נעכטען; ער איז קראנק געוועזען, האט זיך איהם געדאכט, אז דאס ברויט איז זויער.

— געה, וואו איז עס זויער געווען; זעלנעריש ברויט! אמאל אפשר יא, אבער היינט באקט פאניע אזא ברויט, אז די אידישע בעקערס מעגען זיך באהאלטען. און געקויפט האט ער א פריש ברויט! עס איז געווען א מחיה צו שניידען. ער איז אבער נישט געוועזען בקו הבריאה, עפעס האט איהם א קעלט געיאגט דורך די ביינער.

— נאר געלויבט איז דער, וואס ער איז נישט ווערט זיין נאמען צו געדענקען, עס טרעפט זיך איהם זעלטען!

אצינד האט ער אויך אפעטיט, ער האט אפילו אין קעשענע ברויט מיט א שטיקעל קעז... דאס שטיקעל קעז האט איהם דעם סוחר'ס ווייב נעגעבען, לעבען זאל זי און געזונט זיין! זי איז טאקע א בעל צדקה, זי האט א אידיש הארץ.

— זי זאל נאר נישט אזוי קללה'ן — טראכט ער — וואלט זי געוועזען גאר א וואוילע אידענע!... ער דערמאנט זיך אין זיין געשטארבען ווייב.

— גאר מיין שפרינצע ניעפריטשקעם! זי האט אויך געהאט א גוט הארץ, און אזא טבע צו קללה'ן. וואס פאר א קינד איך האב אוועקגעשיקט אין דער וועלט אריין, האט זי געוויינט ווי א ביי־בער, כאטש אין דער היים האט זי זיי געשאלטען מיט טויטע קללות! ווער שמועסט — דערמאנט ער זיך — אז איינס איז גע־שטארבען! זי האט זיך געווארפען גאנצע טעג ווי א שלאנג אויף דער ערד, געהאקט זיך מיט די פויסטען אין קאפ אריין.

איינמאל האט זי גאר געוואלט ווארפען א שטיין אין הימעל אריין!

— אט, זעהסט דו — טראכט ער — גאט מאכט זיך אסך

פון א נארישער אידענע!... זי לאזט אבער נישט ארויסנעמען די מטה מיט'ן מת! זי פאטשט אויס די ווייבער, דער חברה נושאים רייסט זי אויס די בערד!

א שעהנע גבורה האט געשטעקט אין דער שפרינצען! עס האט זיך געדאכט א פליג, און אזא כח, אזא כח!...

— פארט, זי זאל עס מיר מוחל זיין, א גוטע געוועזען! זי האט אפילו מ י ך אויך נישט פיינט געהאט, כאטש זי האט מיר קיינמאל קיין גוט ווארט נישט געגעבען!

געשריגען האט זי: א גט, א גט! אז נישט וועט זי אזוי אנט־לויפען! נאר וואו האט זי געוואלט א גט!

ער דערמאנט זיך עפעס און שמייכעלט...

די מעשה איז שוין לאנג, לאנג... דענסטמאל איז נאך געוועזען די קאנסומציע און ער איז געוועזען א נאכט־וועכטער, און ארומ־געגאנגען גאנצע נעכט מיט'ן אייזערנעם שטעקעלע, מען זאל נישט אריינ'גנב'נען בראנפען!

סלוזשבע האט ער געקאנט, ביי פאניען איז א גוט חדר, ער האט גוטע מלמדים געהאט!... פארטאג, ווינטער איז עס געוועזען, עס קומט איהם אפבייטען דער טאג־וועכטער, חיים יונה — איז שוין אויפ'ן עולם אמת — און ער געהט אהיים געפרוירען, פארשטארט!

ער קלאפט אין דער טיר און זי שרייט איהם ארוים פון בעט:

— געה אין דער ערד אריין! איך האב געמיינט דיין נאמען וועט אהיים קומען.

אהא! זי איז בייז נאך פון נעכטען בייטאג! ער קאן זיך אפילו נישט דערמאנען, וואס נעכטען איז אזוינס געווען. נאר ז י י ן האט דאך עפעס געמוזט.

— פארמאך דאס מויל און עפען! — שרייט ער.

— דעם קאפ וועל איך דיר עפענען! — הערט זיך א קלארע תשובה.

— לאז מיך אריין! — שרייט ער.

— אין דר'ערד אריין געה! — ענטפערט זי.

און ער האט זיך מישב געווען און איז געגאנגען אין בית־המדרש אריין. ער האט זיך געלעגט שלאפען הינטער'ן אויווען. צום שלים־מזל איז געוועזען א סוואנד, ער איז פארגארעט געווא־רען, און מען האט איהם אהיים געטראגען א טויטען...

א קליינינקייט האט דאמאלס שפּרינצע איבערגעארבייט! ער האט שפּעטער גאנץ גוט געהערט, וואס זי האט איבערגעארבייט.

מען זאגט איהר: עס איז גארנישט, א סוואנד.

ניין! זי וויל נאר א דאקטאר; זי האט בדעה צו חלש'ן, צו ווארפען זיך אין וואסער אריין, און שרייט נאר: מיין מאן! מיין מאן, מיין תכשיט!

ער נעמט צוזאמען אלע כחות, זעצט זיך אויף און פרעגט זי געלאסען:

— שפּרינצע, ווילסט א גט?

— נעם איין... זי האט דאך נישט געענדיגט די קללה און ארויסגעלאזט א געוויין...

— שמריה, ווי מיינסט דו, גאט וועט מיך נישט שטראפען פאר מיינע קללות, פאר מיין רשעות?...

קוים איז ער אבער געזונט געווארען — צוריק די אייגענע שפּרינצע: א מויל אויף רעדער, א צונג אויף שרויפען, און אייזען שטארק, זי קראצט ווי א קאץ, הא, הא! א שאד שפּרינצע! זי האט אפילו קיין נחת פון די קינדער נישט דערלעבט.

עס מוז זיין גוט געהן אויף דער וועלט; אלע בעלי מלאכות. די מלאכה לאזט נישט שטארבען פאר הונגער! כח האבען זיי, איז מיר אריין געראטען; אי וואס, זיי שרייבען נישט, וואס איז? אליין קאנען זיי נישט, און געה בעט ערשט אן אנדערען, יענער זאל שרייבען! און וואס פאר א טעם האט אזא בריף? ווי איבער־געשווענקטע יויך! און גלאט מיט דער צייט... יונגע קינדער פאר־געסען... עס מוז זיי דאך גאר גוט זיין...

נאר שפּרינצע נעבעך ליגט אין דער ערד! א שאד שפּרינצע!

— אזוי ווי קאנסומציע האט אויפגעהערט, איז זי געווארען אוים מענש! טאקע, איידער איך האב מיך געוואוינט צום שליחות. צו זאגען דעם פריץ: יאשניע פאניע, נישט וואשע וויסאקא בלא־גאראדיע, איידער מען האט מיר געטרויט קאנטראקטען מיט געלט — האט געפעהלט דאס שטיקעל ברויט...

מילא איך, זעהסט דו, א מאנספערשוין, א געוועזענער קאנ־טאניסט. עסט מען נישט א טאג! איהר אבער איז עס געגאנגען, אימשטיינס געזאגט, אינ'ם גאנצען לעבען! א נארישע אידענע, זי פארלירט באלד די כחות, זי האט שוין אפילו נישט געקאנט [illegible]־

טען, דער גאנצער שייגעץ איז איהר פון קאפּ ארויס, און נאר גע־וויינט...

עס איז מיר נמאס ומאוס געווארען פאר'ן לעבען... עפּעס האט זי גאר מורא געקריגען פאר מיר! זי האט גאר מורא געהאט צו עסען, מיר זאל נישט פעהלען. אז איך זעה, אז ז י האט מורא, בין א י ך ביי קוראזש. א י ך שריי, איך שילט! למשל: פארוואס געהסט דו נישט פרעסען?! איך פאל אמאל אין א רציחה אריין און וויל זי פשוט שלאגען. נאר גענג שלאג א וויינענ־דיגע אידענע, אז זי זיצט פארלעגט די הענט און ריהרט זיך נישט! איך לויף צו מיט א קולאק, שפּיי אין איהם נאך אן, און זי ענט־פערט מיר: „עס פריהער דו אפּ, איך וועל נאכדעם עסען!" און איך האב געמוזט פריהער אפּבייסען פונ'ם ברויט, און איהר אי־בערלאזען די רעשט...

אמאל נארט זי מיך ארויס אין גאס אריין: איך וועל שוין עסען, געה נאר אין גאס אריין; געה, אפשר ווערסט דו עפּעס פאר־דינען, און מכלומר'שט שמייכעלט זי דערביי, און גלעט מיך אמאל!

און אז איך געה און קום צוריק, טרעף איך כמעט דאס אייגענע ברויט! זי רעדט מיר איין, אז זי קאן נישט עסען קיין טרוקענס, זי דארף נאר א גריץ!

ער בויגט אראפּ דעם קאפּ, גלייך עס וואלט איהם געדריקט א שווערע לאסט און די טרויעריגע געדאנקען יאגען:

— און וואס פאר א יללות זי האט געמאכט, אז איך האב געוואלט מיין שבת'דיגע קאפּאטע, אט די וואס איך טראג — פאר־זעצען! מעשים האט זי געארבייט און געלאפען און פארזעצט איה־רע מעשענע בענש־לייכטער, און ביז אין טויט אריין שוין געבענשט אין קארטאפעל!... פאר'ן טויט האט זי מיר מודה געווען, אז זי האט קיינמאל נישט געוואלט קיין גט, אז זי האט נאר א בייז מויל געהאט.

— די צונג, די צונג, — האט זי געשריען. — רבונו של עולם, זיי מיר מוחל די צונג!—און איז טאקע געשטארבען אין איין פחד, מען זאל זי אויף יענער וועלט נישט הענגען אויף דער צונג!

— גאט, — מאכט זי צו מיר, — ועט קיין רחמנות אויף מיר נישט האבען; איך האב צופיעל געזינדיגט! נאר אז דו וועסט

קומען, נישט באלד, חס ושלום! איבער הונדערט און צוואנציג יאהר, אז דו וועסט קומען, געדענק, כאפ מיך אראפ פון תליה! זאג דעם בית דין של מעלה, אז דו האסט מיר מוחל געוועזען!

זי האט באלד פארלוירען די געדאנקען, אלץ געהערט די קינדער! עס האט זיך איהר געדאכט, אז זיי זענען דא אין שטוב, א. זי רעדט מיט זיי, און האט זיי אויך געבעטען מחילה.

א נארישע אידענע, ווער וואלט איהר נישט מוחל געווען.

ווי אלט איז זי געוועזען אינגאנצען? אפשר א יאהר פופציג! אזוי פריה געשטארבען! א קלייניגקייט, אז א מענש נעמט זיך אליין צו דאס לעבען, אז וואס מען טראגט ארויס פון שטוב צו פארזעצען, טראגט מען ארויס האלב געזונט, שטיקער פלייש!...

טאג אויף טאג איז זי גרינער און געלער, קלענער און דארער געווארען.

זי האט געזאגט, אז זי פיהלט, ווי דער מארד טריקענט איהר אין די ביינער... זי האט געוואוסט, אז זי וועט שטארבען!...

ווי האט זי ליעב געהאט די שטוב מיט אלע זאכען! וואס מען האט ארויסגעגעבען, א בענקעל, א בלעכענע עסע, איך ווייס וואס, האט זי עס באגאסען מיט ביטערע טרערען! זי האט זיך מיט יעדער זאך געזעגענט ווי א מאמע מיט א קינד!... מישטיינס געזאגט, ארומגעכאפט און כמעט געקושט... „אהא! מאכט זי, ווען איך וועל שטארבען, וועסט דו שוין נישט זיין אין שטוב!“

א מעשה, א נקבה איז פארט א נאר! א רגע איז זי א קאזאק אין ספודניצע, און א ליאדע וואס — ערגער ווי א קינד! זעהסט דו שוין, ביים שטארבען איז אודאי א חלוק צי מיט א בענקעל צי אהן א בענקעל!...

— פע! — האקט ער זיך אליין איבער די געדאנקען. — וואס מיר קומט אלץ אין קאפ אריין, דורך די פוסטע זאכען נעה איך וואלגע.

— נו, זעלנערישע פיס, טראגט ווייטער! — קאמאנדירט ער מיט זיך.

ער קוקט זיך אום — ארום און ארום שניי; אויבען — א גרויער הימעל מיט שווארצע שמאטעס געלאטעט; — גאר מיין אונטערשטע קאפאטע! — טראכט ער — שינעט מיט לאטטיקענע לאטעס! רבונו של עולם, דיר פעהלט אויך קרעדיט אין געוועלב?

דערווייל נעמט א פראסט. די באָרד און די וואָנסעס זענען אייז, אין גוף איז אפילו נישט קשה, דער קאָפּ איז גאר ווארעם. אויפ'ן שטערן פיהלט ער טראָפּען שוויים: נאָר די פיס ווערען וואָס אמאָל קעלטער און שוואכער.

שוין נישט ווייט, ער האָט דאָך חשק זיך אפּצורוהען און ער שעמט זיך פאר זיך אליין. דאָס ערשטע מאָל דאַרף ער זיך אפּ־רוהען ביי א שליחות פון צוויי מייל וועג. ער וויל זיך נישט מודה זיין, אז ער איז אן אכציגער און עס איז שוין צייט דערויף.

ניין, ער מוז געהן... נאָר געהן... כל זמן מען געהט, געהט מען. עס טראָגט זיך; קוים גיט מען נאָך דעם יצר הרע און מען רוהט זיך אפּ, ווערט מען שוין א לייט!

מען קאָן זיך גלאט פארקיהלען, שרעקט ער זיך אליין איבער.

— און וויל זיך אלץ אויסרעדען דעם שטאַרקען חשק צום אפּרוהען.

— נישט ווייט שוין צום דאָרף. דאָרט וועל איך אויך צייט האבען!

— דאָס, טראַכט ער — וועל איך יא טון: איך וועל נישט געהן גלייך צום פּריץ... ביים פּריץ מוז מען ווארטען א שעה אין דרויסען... נאָר גלייך צום איד.

— כאָטש גוט, — טראַכט ער, — וואָס איך האָב נישט קיין מורא פאר דעם פּריצ'ס הונט; פונדעסטוועגען, ביינאכט, אז מען לאָזט אָפּ דעם בורען, איז פארט א סכנה; איך האָב מיט אפילו מיין וועטשערע, און בורי האָט ליעב קען. פארט בעסער פריהער אויסרוהען די ביינער! איך וועל מיר פריהער אריינגעהן צום איד. אנווארעמען זיך, וואַשען זיך, עפּעס עסען...

און עס קומט איהם וואָסער אין מויל אריין; ער האָט פון אין דער פריה אָן נישט געגעסען; נאָר דאָס איז א קלייניגקייט. איהם אַרט נישט, וואָס ער איז הונגעריג; ער האָט הנאה דערפון: אז מען איז הונגעריג, איז א סימן, אז מען לעבט! נאָר די פיס!...

ער האָט נאָך אינגאנצען א צוויי וויאָרסט. ער זעהט שוין ארום דעם פּריצ'ס גרויסע שאפע... נאָר די פיס זעהען נישט, זיי ווילען זיך דוקא אפּרוהען!

— און ווידער פארקעהרט, — טראַכט ער זיך, — וואָס איז, אז איך וועל מיך אביסעל אפּרוהען? א מינוט, א האַלבע מינוט!

אפשר יאָ? לאָז מיך נאָר פּרואווען! אזוי לאַנג פאַלגען מיך די בּיס, וועל איך זיי אויך אַמאָל פאָלגען!

און שמריה זעצט זיך אין דער זייט אויף אַ בּערגעל שניי. אַצינד הערט ער ערשט, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט אין איהם ווי אַ האַ־מער, און עס שטעכט, און דער קאָפּ שוויצט...

ער דערשרעקט זיך.. צי ווערט ער נישט קראַנק? ער האָט ביי זיך פרעמדר געלט! ער קאָן בּלייבּען, חס ושלום, חלשות... און ער טרייסט זיך: געליובט איז גאָט, וואָס קיינער געהט נישט! און אפילו עמיץ זאָל געהן, וועט איהם אויך נישט איינפאַלען, אַז איך האָב געלט ביי מיר... מישטיינס געזאָגט, ווען מ'געטרויט געלט!... נאָר אַ קאָפּ זיצען, דערנאָך וואָלי!

נאָר די בּרעמען פאַלען איהם צו ווי בּליי.

— נייז, הויב דיך אויף, שמריה, ווסטאַוואַי! — קאָמאַנדירט ער מיט זיך.

קאָמאַנדירען קאָן ער נאָך, אָבער אויספיהרען נישט. ער קאָן זיך נישט ריהרען. איהם דאַכט זיך דאָך, אַז ער געהט, אַז ער געהט אַלעמאָל שטאַרקער! אַט זעהט ער שוין אַלע הייזלעך... דאָ וואוינט אַנטעק, דאָרט בּאַזילי; ער קען זיי אַלע, ער דינגט ביי זיי פוהרען... צום איך איז נאָך ווייט, נאָר גלייכער צום איך... מ'טרעפט דאָרט אַמאָל מזומן... און איהם דאַכט זיך, אַז ער געהט צום אידס הייזעל; נאָר עס רוקט זיך אָפּ אַלע מאָל ווייטער, ווייטער... מן הסתם דאַרף אַזוי זיין... עס בּרענט דאָך אַ פרעהליך פייערל אויפ'ן קוימען, דאָס גאַנצע פענסטערל איז לוסטיג און רויט, די גראָבּע מירל שוימט אודאי אַ גרויסען טאָפּ קאַרטאָפּעל, און זי איז איהם שטענדיג מכבד מיט אַ קאַרטאָפעל; אַ פאַרגע־ניגען אַ הייסע קאַרטאָפעל! און ער רוקט זיך ווייטער. אַזוי דאַכט זיך איהם, כאָטש ער זיצט אויף איין אָרט.

דער פראָסט האָט אַביסעל געלאָזט. עס הויבּען אָן פאַלען בּרייטע, דיקע פלאָכעס שניי.

איהם איז, אפנים, אויך וואַרעמער געוואָרען אין דער שניי־קאַפּאָטע. און עס דאַכט זיך איהם, אַז ער איז שוין ביים איד אין שטוב. מירל זייערט די קאַרטאָפעל. ער הערט, ווי דאָס וואַסער גיסט זיך, זיור, זיור, און אַזוי גיסט זיך פון זיין לאַסטיקענער קאַ־פּאָטע אויך. יונה נעהט אָרום און זינגט אונטער דער נאָז: זיין

שטייגער איז צו זינגען נאך מעריב, ווייל דאמאלט איי ער הונ־געריג, און מאכט אלע מאל: „נו, מירל!“.

נאר מירל יאגט זיך נישט: „וואלנער טוט זיך בעסער!“

— צי שלאף איך און עס חלומ'ט זיך מיר? ווערט ער ראפ־טום פרעהליך־דערשראקען. עס דאכט זיך איהם, אז עס עפענט זיך די טיר און עס קומט אריין זיין עלטערער זוהן... חנה! חנה! אה! ער דערקענט איהם! וואס טוט ער דא? נאר חנה דערקענט איהם נישט, און ער מאכט זיך נישט וויסענדיג... כא, כא, כא! ער דער־צעהלט יונה'ן, אז ער פאהרט צום טאטען, ער האט דעם טאטען נישט פארגעסען! און יונה ממזר זאגט איהם נישט, אז דער טאטע זיצט אויפ'ן באנק־בעטעל!... מירל האט צו טון: זי איז פארנומען ביי די קארטאפעל, זי וועט נישט מפסיק זיין; זי שמייכעלט נאר. זי רייבט די קארטאפעל מיט'ן גרויסען הילצערנעם לעפעל און שמייכעלט!

— אה! חנה מוז זיין רייך, גאר רייך! אלץ איז אויף איהם גאנץ, און א קייט... אפשר טאמביק? ניין, אודאי גאלד! חנה וועט נישט טראגען קיין טאמביקענע קייט, ח"ו... כא! כא! כא!

— ער גיט א קוק אויפ'ן פיעקאליק... כא! כא! כא! — ער פלאצט שיער פאר געלעכטער. יעקעל, בערעל, זכריה... אלע דריי... כא! כא! זיי האבען זיך באהאלטען אויפ'ן פיעקאליק. דאס איז גנבים! כא! כא! כא! א שאד שפרינגצע, א שאד! זי זאל כאטש אויך האבען דעם נחת! דערווייל באשטעלט חנה צוויי גענז. „חנה! חנה! דערקענסט מיך נישט? א י ך  בין עס!...“ און איהם דאכט זיך, אז ער צוקושט זיך מיט חנה'ן...

— הערסטו, חנה, א שאד די מאמען, זי זאל דיך זעהן!... יעקעל, בערעל, זכריה, אראפ פון פיעקאליק! איך האב אייך באלד דערקענט! קומט אראפ, איך האב געוואוסט, אז איהר וועט קו־מען! א והא ראיה, איך האב אייך מיטגעבראכט קעז, אמת'ן שאַ־פענעם קעז! זעהט נאר, קומט, קינדער, איהר האט דאך עפּעס ליעב זעלנעריש ברויט! וואס? אפשר נישט? אמת, א שאד די מאמע!

און עס דאכט זיך איהם, אז אלע פיער קינדער האבען איהם ארומגערינגעלט און האלטען איהם און קושען איהם און דריקען זיך צו איהם צו.

— נאר וואלנע, קינדערלעך! וואלנע, דריקט מיך נישט צו שטארק! איך בין שוין נישט קיין יונגערמאן, איך בין אן אכצי־גער!.. .וואלנע, איהר דושעט מיך. וואלנע, קינדערלעך... אלטע ביינער! וואלנע, איך האב געלט אין קעשענע! מיר, ב"ה, גע־טרויט מען געלט!... גענוג, קינדערלעך, גענוג!...

און עס איז געווען גענוג... ער איז געבליבען פארשטארט מיט דער האנט אויף דער בוזעם־קעשענע. —

# צוזאַמען.

מיט יוסל מלמד איז שלעכט...

ער אליין האלט עס אפילו נישט פאר שלעכט. ווארים וואס? קיין האַניג פון לעבען האט ער קיינמאל נישט געלעקט... קיין יונ־גערמאַן איז ער נישט, קיין מיתה חטופה וואלט עס נישט געווען; ליגט שוין, לא עליכם, א שעהנע פאר וואכען! און דערצו איז פונקט חודש ניסן, וואלט ער כאטש פטור געווארען פון חבוט הקבר. לאזט זי אבער נישט, יענטעל די רבי׳צין; מאכט זי קולות, זי און די־קינדער... גוס׳עט ער און גוס׳עט, שוין עטליכע מאל ודוי געזאגט. אויסגעצויגען זיך, איבערגעדרעהט זיך צו דער וואנט, און זי לאזט נישט קומען צו יציאת נשמה; זי און די קינדער. ער פינטעלט מיט די אויגען, בעט זיך ביי איהר רחמים — דעם קול האט ער שוין לאנג אנגעווארען — און זי מיט די קינדער טרעטען נישט אפּ פון בעט און מאכען יללות...

קריגט מען דארט אויבען אויף איהם רחמנות.

מאכט זיך, איינמאל ביינאכט, שוין אפילו נאך חצות, הויבט עפּעס אן צו רוישען הינטער׳ן פענסטערל, און פאמעלעך געהט איבער דאס רוישען אין א מין נגינה — עפּעס נישט געזונגען, נישט געשפּילט אויף א כלי, און פארט נגינה, און אזוי מחיה׳דיג שטיל אין זיס, אז עס צוגעהט אין אלע אברים.

ווערען יוסל׳ס ווייב מיט די קינדער מיט אמאל שטיל, הערען זיך איין צו דער נגינה. באלד דערפיהלען זיי עפּעס א זיסע מידקייט אין גאנצען גוף, לאזען זיך אראפּ אויף דער ערד ארום בעט, שפּארען אן די קעפּ אן די לייסטעו, די ברעמען פאלען צו, די אויגען שליסען זיך, און זיי דרעמלען איין.

האט זיך די נשמה דערמיט באנוצט און ארויסגעכאפּט זיך פון גוף.

מילא, גלייך ארויף קאן דאך די נשמה נישט; נישט אזוי

ליכט זיך אפצושאקלען פון שטויב פון דער ערד און אויסגלייכען די פליגעלער. און אגב מוז זי דאך, על פי דין, בלייבען ביים גוף, כל זמן ער קומט נישט צו קבר ישראל: מוז נאכגעהן דער מטה, זעהן די קבורה, אויסהערען קדיש.

פליהט זי, די נשמה, ארויס דורך די נאזלעכער פון גוף, כאפט זיך ארויס דורך דעם אפענעם לופטשיקעל פון שטוב, שטעלט זיך א ווײלע און ווארפט פון יענער זייט אריין א רחמנות־בליק צום בעט, צום אויסגעצויגענעם גוף, וואס האט שוין אפילו נישט גע־צאפעלט, דרעהט זיך אויס, און הויבט אן זיך ארומצודרעהען ארום הויז...

איז אבער יוסל מלמד בטבע א פארטראכטער געווען, א פאר־חוש'טע נשמה געהאט. פארגעסט זי זיך, די נשמה, לאזט זיך אין מארק אריין, דערנאך פון מארק און פון שטעדטעל ארויס; מיידט אויס די לעצטע הייזלעך, די באד און געהט אזוי אלץ ווייטער און ווייטער...

איין בורא עולם ווייסט, ווי לאנג עס האט געדויערט און ווי־פיעל זי איז אפגעגאנגען. פליהען האט זי כמעט נאך נישט גע־קאנט, געהט זי און געהט און קומט צו צו א בערגעל. דערהערט זי פלוצלונג פון דער הויך א גערויש, א גערויש אזוי ווי פון פלי־געל. דערמאנט זי זיך, די נשמה, אן דעם טויט; מיינט זי, אז ס'איז שוין נאך קבורה, אז זי געהט עס ארויף, וואו מען דארף. און אז דאס רוישען די פליגעל פון די מלאכים, וואס מען האט איהר געשיקט אנטקעגען... צושמייכעלט זי זיך, די נשמה, עס קומט איהר: פאר דער תורה הקדושה אוועקגעלעגט דאס געזונט מיט'ן לעבען... ווערט זי דערפרעהט: איילט זיך צו, סאפעט און געהט בארג ארויף, אלץ פאר'חושט. אינמיטען הויבט זי אבער די אויגען אויף, דערזעהט זי — א ווינט־מיהל! און די ווינט־מיהל דרעהט זיך, א ווינטעל גע־וועז, און די פליגעל רוישען אין דער לופטען. מילא דערמאנט זי זיך, אז עס איז נאך פאר קבורה און קוקט אזוי ווייטער: ביי דער ווינט־מיהל, דערזעהט זי, שטעהט א הייזעל, מיט עטליכע פענס־טערלעך, און צוויי פון די פענסטערלעך זענען זעהר ליכטיג. וואונ־דערט זי זיך, וואס עס לייכט זיך נאך ערגעץ אזוי שפעט, קוקט זי זיך אום, דערקענט זי די מיהל; ערשט פאר־א־יאהרען האט זי דא ווייץ גע'כשר'ט, משגיח געווען ביים מאלען מצה־שמורה־מעהל,

ס'איז פריידעל דער אלמנה'ס מיהל... פלעגט ביי איהר מאלצייטען עסען, די בנים פארהערען — גרויסע עם הארצים געווען! — און זי פלעגט איהם מכבד זיין מיט גריווען און קלאגען זיך פאר איהם, באשר בכן, דער מאן האט זי פארלאזט בחצי ימיו, איבערגעלאזט איינע אליין מיט קינדער אין א דארף, מיט א גרויסער ווינט־מיהל. וואס וואקסט איבער'ן קאפ... וכדומה... און אויפ'ן שכן פלעגט זי זיך קלאגען, אויפ'ן איד פון צווייטען דארף, פון דער צווייטער ווינט־מיהל, וואס רעדט איהר אפ די קונים. — און אצינד אזוינע יום־טוב'דיגע ליכטיגע שויבען! איז איהר א גרויסער חדוש, דער נשמה. געהט זי נעהנטער צו, קוקט אריין, און ווערט נאך אמאל נתפעל. נישט חודש, נישט שבת און קיין יום־טוב אודאי נישט. און דער טיש איז וויים געדעקט, און אויפ'ן טיש שטעהט א שאַבאשניק, אנגעצונדען אלע זיבען ליכט, אויפ'ן ווייסען טישטוך — כיבוד. די בנים זענען נישט אין שטוב, אודאי אין דער צווייטער מיט די פינסטערע פענסטערלעך, שלאפען שוין אודאי... און ביים טיש זיצט פריידעל, נישט פארמעהליגט, א שבת־יום־טוב'דיגער מלבוש, מיט א ווייסען זיידענעם טיכעל איבער'ן קאפ — פון איין זייט, און עפעס א איד, אין א נייעם קאשקעט און א טוכענער קאַפאטע — אין דער צווייטער זייט טיש. פאלט איהר איין: דער איד פון צווייטען דארף, פון דער צווייטער מיהל! און ער איז אויך גארנישט פארמעהליגט, און דער איד, זעהט מען בחוש, שדכ'נט זיך צו איהר... מען נעמט א קאפ, מען טרינקט לחיים... און זי בעט זיך נאר: שמיל! די קינדער זאלען אין דער צווייטער שטוב נישט הערען... און מען הויבט ווייטער אויף די גלעזלעך!

אינמיטען ווערט די אידענע טרויעריג און פרעגט: און די קינדער? קינדער אין שטוב, זאגט דער איד, האט־ער פיינט... כ'זאל וועלען קינדער, זאגט דער איד, וואלט ער א בתולה גענומען און איינענע געהאט... וויל זי זיך פון איהם אפרוקען... כאפט ער זי אן ביי דער האנט און קוקט איהר אין די אויגען אריין... די מיידלעך, זאגט ער, מעגען זיך שטעלען אין שטעדטעל אויף אן ארט. ער וועט זיי אפפיהרען. דאס אינגעל, — ער האט א קרוב א דרדקי־מלמד, וועט ער איהם אפגעבען פאר א באהעלפער... און — ווי זי וויל! זי — א אידענע! — כליפעט און טרינקט ווידער: לחיים! און דערווייל קרעהט דער האן, דער איד כאפט

זיך אויף, ער מוז פאהרען אין שטעדטעל אריין נאך א חופה און א מנין... זי באגלייט איהם ביז צו דער טיר, ער פארשווינדט אין דער נאכט אריין, און זי וואקעלט זיך צוריק, קומט צו צו דער טיר פון דער שטוב, וואו די קינדער שלאפען, פאלט צו מיט'ן פנים צו דער מזוזה, און צוואויינט זיך אויף א קול: הלואי וואלט זי דער מאן געווען מיט זיך מיטגענומען, נישט איבערגעלאזט איינע אליין, וואלטען די קינדער יתומים אהן טאטע־מאמע געווען, קיין שטיף־טאטען נישט באקומען, וואלט ווער אויף זיי רחמנות געהאט...

כאפט זיך ערשט די נשמה, וואס מיט איהר איז געשעהען, און דרעהט זיך אוים, און לאזט זיך צוריק אהיים... בלאנדזשעט אבי־סעל און קומט דאך צום שטעדטעל צו. מען קלאפט אין שול אריין: דריי מאל! א שטיין איז איהר אראפ פון הארץ; אפנים, מען ווייסט נאך נישט... קומט צו דער שטוב, דער לופטשיק — אפען. דער עולם ארום בעט שלאפט, די נאז־לעכער פון גוף — נאך נישט פארקיהלט, כאפט זי זיך צוריק אין גוף אריין, און גארנישט!

אין דערפריה, דאס געוואלדער אין מארק וועקט זיך, פויערים מיט פוהרען קומען אן; קלייטען עפענען זיך, די איינגעשלאפענע בני בית כאפען זיך אויף: א נס! יוסל מלמד שוויצט. איבער נאכט א קריזים געווען. מענשען געהען דאוונען און טרעטען אפ: ששון ושמחה! נאר רעדען רעדט ער נישט, אפגעשוואכט, געהט מען דאוונען. יוסל, זאגט מען, איז אונזער... טרייבט דאס ווייב די מיידלעך ארוים צו דער שטעל. די אינגלעך אין חדר אריין, און וויל אויך ארויסגעהן און אריינרופען א שכנה אויף איהר ארט. נאר אזוי, ווי זיי בלייבען אליין, זעצט זיך יוסל אויף און זאגט איהר: זיי וויסען, זאגט ער איהר, אז דו ועסט היינט־מארגען אוועקגעהן פון דער וועלט, דעריבער זאג איך דיר אן, זאלסט קומען אהין מיט א ריינעם חשבון... געה, על כן, אין מארק אריין, זעה איינ־צומאנען דיינע חובות און באצאהל וועמען דו ביסט שולדיג... דאס זאלסטו טון איבער'ן טאג און פארנאכט זאלסטו אהיים קומען, מיטברענגען זאלסטו א מנין מענשען, און וועסט דיך לעגען אין בעט און ודוי זאגען, און די רעשט געהער צו זיין ליעבען נא־מען... ווארים איך וויל נישט, מיינע קינדער זאלען באקומען א שטיף־טאטען, האב איך מיר עס אויסגעבעטען, זיי זאלען בעסער

בלייבען יתומים אהן טאטע־מאמע. וועט קהל אויף זיי רחמנות האבען און השגחה געבען...

מיינט זי, ער רעדט פון וועג, נאך נישט ביי די קלארע געדאנקען, וויל זי איהם אבער נישט דערצארנען, שאקעלט מיט'ן קאפ אויף יא, און געהט ארויס...

פארנאכט, מנחה צייט, קומט זי צוריק, פרעגט ער זי, צי זי האט אלץ געטאן, ווי ער האט געהייסען. וויל זי איהם ווייטער נישט דערצארנען, שאקעלט זי ווייטער מיט'ן קאפ אויף יא. פרעגט ער וועגען מנין, נאך איידער זי ענטפערט, קומען טאקע אריין מענשען. געקומען זענען זיי מבקר חולה זיין — מיינט ער, אז זי האט זיי באשטעלט, זאגט ער איהר: געה אין בעט אריין... הויבט זי זיך אן צו שרעקען, פינטעלט צו די מענשען מיט די אויגען: וואס וויל ער פון איהר. זאגט מען איהר, אז א מאן, בפרט א שכיב מרע, מוז מען פאלגען, אין ער זאגט, אז ער איז אויף איהר גוזר, לעגט זי זיך אויפ'ן בעט... הייסט ער, עס זאל עמיץ מיט איהר זאגען ודוי, „מיט מיר אויך.“ זאגט ער... זעהען די אידען, אז זיין פנים ענדערט זיך, נעמט איינער א מעבר־יבק און זאגט פאר. הייסט ער, זי זאל דוקא מיטזאגען. ראטען די אידען, זי זאל פאלגען. מן הסתם וויים ער, וואס ער וויל. זאגט זי נאך, און קלאפט זיך אין הארץ... און זאגענדיג ווערט איהר קול וואס אמאל שוואכער און שוואכער, און דאס פנים אלץ געלער און שווארצער... און די עדה אידען קוקט, און עס שטארט זיי דער אטעם פאר שרעק. נאר דער זאגער קוקט דורך ברילען אין מעבר־יבק אריין און זעהט נישט, וואס ארום טוט זיך און הערט נישט אויף צו זאגען... און יוסל זאגט און שמייכעלט, און די אידענע נעבעך קאן שוין קוים מאכען מיט די ליפען, און זי ציהט זיך אייז, ווי א קנויל, און גיט זיך מיט אמאל א ציה אויס איבער'ן בעט, יוסל אין זיין בעט אויך. און מיט איין מאל, זעהען די אידען, ווי פון ביידע נאזלעכער, אזוי ביי איהם, אזוי ביי איהר, באווייזען זיך פלעמלעך און די פלעמלעך פליהען צו צום לופטשיק, און גיסען זיך צוזאמען אין איין פלעמעל און דאס פלעמעל פליהט ארויס... שרייען די אידען אויס: ברוך דין אמת, פאלט דער מעבר יבק פון זאגערס האנט ארויס...

און די קינדער זענען טאקע געבליבען אהן טאטע־מאמע... און וועלען קיין שטיף־טאטען נישט האבען.

# אַ כעס פון אַ אידענע.

דאָס קליינע שטיבעל איז פאַר׳חושכ׳ט ווי אין איהם דער דלות, אויף וועלכען עס וויינען אלע פיער ווענט... אינ׳ם אָפּגעריסענעם סופיט שטעקט א האקען — א יתום נאָך א געוועזענעם הענגעל-לייכטער. דער גרויסער, אָפּגעשיילטער אויווען איז „ארומגעגאַרטעלט ביי די לענדען“ מיט א גראָבען זאַק, שטעהט איבערגעבויגען אין א זייט, און קוקט אריבער צו זיין פינסטערען שכן — צום לעדיגען שוואַרצען קוימען, אויף וועלכען עס ליגט אן איבערגעדרעהטער טאָפּ מיט אַן אָנגעברענטען ראַנד, און אין א זייט, א „עליו-השלום“, א צובראכענער לעפעל. דער בלעכענער גבור האט געהאט אן עהרליכען טויט: ער איז געפאַלען אין דער מלחמה מיט אויסגעדאַרטער, איינגעשפּאַרטער, נעכטיגער קאַשע!

דאָס שטיבעל איז איבערגעפילט מיט כלים; עס שטעהט א הימעל-בעט, פאַרהאַנגען מיט צוריסענע פאַרהענגלעך... דורך די לעכער קוקט ארויס דאָס בעטגעוואַנט, אָהן ציכלעך, מיט רויטע פאַרפּעדערטע אויגען. עס שטעהט א וויגעל, פון וועלכען עס שיינט ארויס א גרויס געלבליך קעפּעל פון א שלאָפענדיגען קינד... עס שטעהט א קאַסטען, באַשלאָגען מיט בלעך, מיט אַן אָפּענעם הענגעל-שלאָס, — עס מוז שוין דאָרט קיין גרויס עשירות נישט זיין, — עס שטעהט נאָך א טיש מיט דריי בענקלעך; דאָס הילצערנע מעבעל איז אמאָל רויט געפאַרבט געוועזען, היינט איז עס טונקעל ברודיג... רעכענט נאָך צו: א שאַף, א פּאַמיעס-שאַף, א פאַס וואַסער, א קאַטשובע מיט א לאָפּעטע, וועט איהר פאַרשטעהן, אז מען קאָן שוין, אין שטיבעל פון ד׳ על ד׳, קיין שפּילקע נישט אריינוואַרפען...

און דאָך זענען דאָ: אַ ע ר און אַ ז י.

זי — א אידענע אין די מיטעלע יאָהרען — זיצט אויפ׳ן

קאסטען, וואס פילט אוים דעם ארט צווישען הימעל־בעט און דער וויג.

זי האט רעכטס דאס איינציגע, קליינע, פארגרינטע פענסטער, לינקס — דעם טיש. זי ארבייט א זאק, שאקעלט צו דאס וויגעל מיט'ן פוס און הערט זיך איין, ווי ער לערענט ביים טיש. און ער לערענט מיט א זינגענדיג־וואלאכיש־וויינענדיגען קול. ער לערענט און באוועגט זיך אומרוהיג, אפגעריסען און נערוועז. טייל ווער־טער שלינגט ער, טייל ציהט ער, טייל כאפט ער, טייל היפערט ער איבער; טייל אקצענטירט ער און דריקט אויס מיט ליעבשאפט, טייל שיט ער גלייכגילטיג ארויס, ווי ארבעס פון א זאק. דערביי רוהט ער נישט א רגע: דא כאפט ער ארויס פון קעשענע אן אמאל רויט און גאנץ געוועזענע פאטשיילע, ווישט זיך די נאז, דעם שווייס פון פנים און שטערן, באלד לאזט ער זי אראפ אויפ'ן שויס און כאפט זיך קרייזלען די פאות, צופען דאס שפיציגע, ערטער־ווייז קוים גרויליכע, בערדעל... אט באהאלט ער אן אויסגעצופטע האר אין ספר אריין און הויבט זיך אן צו פאטשען אויף דער קני. די הענט דערפיהלען דערוויל די פאטשיילע, כאפען זי און ווארפען א שפיץ אין מויל אריין; ער בייסט, ווארפט איבער איין פוס אויפ'ן צווייטען און טוישט אלע מינוט די פיס.

ביי דער גאנצער צייט קנייטשט זיך איהם זיין בלאסער שטערן אין דער לענג און אין דער ברייט, עס קנייטשט זיך אויס א קמיץ איבער דער נאז. די לאנגע ברעמען ווערען, אונטער דער איבערגע־לעגטער הויט פון שטערן, כמעט פארלוירען. דערוויל גיט איהם — דאכט זיך — עפעס א שטאך אין דער ברוסט; כאפט ער און דערלאנגט זיך מיט דער רעכטער האנט אויף דער לינקער זייט אן „על־חטא"... ראפטום פארלעגט ער דעם קאפ לינקס, דריקט צו מיט א פינגער די לינקע זייט נאז, מאכט מיט דער רעכטער זייט א קינסטליכע פאנטאנע, ווארפט איבער דעם קאפ רעכטס, די פאנטאנע שפריצט פון דער לינקער זייט נאז!... אינמיטען כאפט ער א שמעק־טאבאק, ציהוידערט זיך בעסער, דער קול קלינגט, דאס בענקעל קנאקט, עס רודערט דער טיש!

דאס קינד וועקט זיך נישט! עס איז געוואוינט צו דער מוזיק.

און זי, דאס יונגערהייט איינגעשרומפענע ווייב, זיצט און קלייבט נחת פון מאן. זי לאזט פון איהם קיין אויג נישט אראפ;

איהר אויער פארלירט נישט קיין איינציגען טאָן פון זיין מויל... אמאָל זיפצט זי: ער זאָל אזוי—טראכט זי—טויגען צו ד ע ר וועלט ווי צו י ע נ ע ר, וואָלט איהר דא אויך וואויל און ליכטיג גע־ וועזען... דא אויך...

— „מאַ! — טרייסט זי זיך — ווער שמועסט פון א כבוד! נישט יעדער איז זוכה צוביידע טישען.“

זי הערט זיך איין... איהר איינגעשרומפּען פּנים ענדערט זיך, דאס אויך וואס אמאָל; זי איז אויך נערוועז:

ערשט איז דערויף אויסגעגאסען געוואָרען א ווילדע הנאה; אזוי פיעל נחת האט זי פון זיין תורה געשעפּט... דערמאנט זי זיך, אז היינט איז דאך שוין דאנערשטאג, אז עס איז דאך קיין דריער אויף שבת נישטא, און דאס גן־עדן ליכט אויפ׳ן פּנים ווערט וואס אמאָל טונקעלער און טונקעלער, ביז דער שמייכעל פארשווינדט פון גאנצען פּנים... דערנאך ווארפט זי א בליק דורכ׳ן פארגרינטען פענסטער, קוקט אויף דער זון — עס מוז שוין זיין שפּעט און עס איז נאָך אין שטוב קיין לעפעל ווארעם־וואסער נישטא, — און די שפּיזלעך בלייבען איהר שטעהן אין דער האנט, א טונקעלער שאטען האט שוין דאס פּנים באדעקט. זי ווארפט אן אייג אויפ׳ן קינד; עס שלאָפט שוין אומרוהיג, עס וועט זיך באלד אויפכאפּען, עס איז פאר׳ן קראנקען קינד קיין טראָפּען מילך נישטא — און פון שאטען איז שוין א וואָלקען געוואָרען. די שפּיזלעך הויבען אן אין דער האנט צו ציטערען, צו ווארפען זיך...

און אז זי דערמאנט זיך נאָך, אז, אויסער דעם, געהט צו פּסח... אז די אויריננגלעך מיט די בענש־לייכטער זענען פארזעצט, דער קאסטען — לער, דער הענגעל־לייכטער — פארקויפט, — הויבען אן די שפּיזלעך גאר מערדעריש צו טאנצען! דער וואָלקען אויפ׳ן פּנים ווערט טונקעל־בלוי, אנגעלאָדען... אין די קליינע, גרויע אויגען, וואס מען זעהט קוים ארויס פון אונטער׳ן טיכעל אויפ׳ן קאפּ, באווייזען זיך — בליצען.

ער זיצט נאָך אַלץ און לערנט; ער באמערקט נישט, אז עס מאכט זיך א געוויטער, אז עס ווערט אַלץ מאָל געפעהרליכער... אז זי לאָזט ארויס דעם זאק מיט די שפּיזלעך פון דער האנט און הויבט אן קנאקען די אויסגעדארטע פינגער, אז זי קנייטשט איין דעם שטערן פאר וועהטאג. איין אויג ווערט צוגעמאכט, און דאס צוויי־

טע קוקט אויף איהם, מעסער־שפּיציג אויפ'ן מאן. דעם למדן, אז עס וואלט איהם, ווען ער זאל עס זעהן, קיהל געוואָרען אין אלע אברים; דאך ער זעהט נישט, ווי איהרע בלויע ליפּען ציטערען, ווי די גאָמבע ציטערט, ווי עס קלאַפּט איהר א צאן אן א צאן... ווי זי האלט זיך איין מיט אלע כחות, נישט אויסצוברעכען... ווי דער דונער רייסט זיך און רייסט, און עס דאַרף נאָר א קלייניגקייט, ער זאל ארויס פון מויל.

די קלייניגקייט האט זיך געטראָפען:

ער לערענט און זאָגט! „שמע מיניה — — — — תלת...“ און טייטשט זיך אויס בנעימות: „איז דאך פון דאַנען געדרונגען...“ ער וויל זאָגען: דריי — נאָר דאָס וואָרט „געדרונגען“ איז שוין גע־נוג געווען... אַז דעם וואָרט האט זיך אָנגעכאַפּט דאָס פאַרבי־טערטע הארץ, דאָס איז געווען דער פּונק צום פּולווער!

איהר שטאַרקער ווילען פּלאַצט. דאָס אומגליקליכע וואָרט האט געעפענט אלע פאַרהאַמערטע טויערען, אויפגעהאַקט אלע ריגלען... אויסער זיך איז זי צוגעשפּרונגען צום מאַן מיט פּיענע אין מויל, מיט נעגעל אין פּנים אריין.

— געדרונגען, זאָגסט דו, געדרונגען? אוי! א דרינגעניש זאל אויף דיר קומען, רבונו של עולם! — האט זי אויסגעשריען מיט א הייזעריגען קול פאַר כעס — א דרינגעניש, רבונו של עולם! יאַ! יאַ! — האט זי וויטער מיט א שלאַנגען־קול געסיטשעט: פאַר פּסח... דאָנערשטאָג... ס'קינד קראַנק... קיין טראָפּען מילך! האַ!

עס פאַרפּעהלט איהר אָטעם, די איינגעפאלענע ברוסט שלאָגט פּאַליעס, פון די אויגען יאָגען בליצען.

ער בלייבט ווי פאַרשטיינערט. בלייך איז ער אויפגעשפּרונגען פון בענקעל, אַהן אָטעם פאַר שרעק, און האט זיך הינטערווייל־עכטס געררוקט צו דער טיר.

זיי שטעהען איינס נעגען אנדערען און קוקען זיך אן; ער מיט גלעזערנע אויגען פאַר שרעק, זי — מיט ברענענדיגע — פאַר כעס... ער באַמערקט דאך באלד, אז זי האט פאַר כעס קיין שליטה נישט, נישט איבער דער צונג, נישט איבער די הענט. די אויגען ווערען איהם אלע מאל קלענער; ער כאַפּט אן עק פּאַטשיילע אין מויל אריין, רוקט זיך נאָך אביסעל אָפּ, אָטעמט טיפער אָפּ און מורמעלט:

— הער, דו, אשה... ווייסט דו, וואס איז בטול תורה? נישט לאזען דיין מאן לערנען, הא? אלץ פרנסה, הא?! און ווער גיט דעם פויגעלע? אלץ נישט גלויבען אין גאט! אלץ יצר־הרע, אליין נאר די וועלט... נארישע אשה... מרשעת! נישט לאזען לערנען א מאן... דערפאר קומט גיהנום..."

אז זי ענטפערט נישט, ווערט ער שטארקער ביי זיך! איהר פנים ווערט בלייכער און בלייכער, זי ציטערט אלע מאל מעהר, און וואס מעהר זי ציטערט און ווערט בלייכער — פעסטער און ראַשער ווערט זיין קול:

— גיהנום! פייער! הענגען אויף דער צונג! ארבע מיתות בית־דין!

זי שווייגט, דאס פנים איהרס איז שוין ווי א קרייד.

ער פיהלט, אז ער טוט נישט גלייך, אז ער דארף זי נישט אזוי קרענקען, אז ער רעדט נישט עהרליך; נאר איינהאלטען קאן ער זיך שוין נישט. אלעס שלעכטע, וואס ער האט ביז אהער אין זיך געהאט, שיט זיך איהם ארויס, ער קאן עס נישט איינהאלטען.

— ווייסט וואס טייטש? — געהט זיין קול איבער ווי אין א בייזען דונער: סקילה — דאס הייסט:ווארפען אין גרוב אריין און פארשיטען מיט שטיינער! שרפה — פיהרט ער ווייטער און וואנדערט זיך אליין אויף זיין העזה — שרפה, דאס הייסט: אריינגיסען אין די גנדערעם א לעפעל הייס־קאכענדיג־זידענדיג בליי! הרג איז בסוף... דאס הייסט: מען האקט אפ דעם קאפ מיט א שווערד... אט אזוי! און ער מאכט א באוועגונג מיט דער האנט ארום האלז. היינט — חנק... ווערגען... הערסט — ווערגען! פארשטעהסט — בטול תורה! אלץ פאר בטול תורה!

דאס הארץ טוט איהם שוין וועה פאר רחמנות אויף זיין קרבן, נאר עס איז איהם דאס ערשטע מאל, ער זאל אזוי גובר זיין... עס פאר'שכור'ט איהם! אזא נארישע אידענע! ער האט ביז אהער גארנישט געוואוסט, אז מען קאן זי אזוי איבערשרעקען.

— אט דאס איז בטול תורה! — שרייט ער ענדליך אויס. ער האקט דאך אפ, זי קאן דאך צו זיך קומען און כאפען א בעזעם! ער שפרינגט צוריק צו צום טיש, פארמאכט די גמרא און לויפט ארויס...

— אין בית המדרש אריין געה איך! — שרייט ער איהר צו, שוין מיט א ווייכערער שטימע און פארמאכט נאך זיך די טיר.

דאס געשריי מיט'ן קלאפ פון דער טיר האט אויפגעוועקט דאס קו ענקליכע קינד. עס הויבט לאנגזאם אויף די שווערע ברעמען. דאס וועקסען־געל פנים פארקרימט זיך, און עס הויבט אן צו פייפען אונטער'ן געשוואלענעם נעזעל. נאר זי שטעהט אלץ אויף איהר ארט, אויסער זיך, ווי פארשטיינערט און הערט נישט דעם קינדס קול.

— הא! — רייסט זיך איהר ענדליך א הייזעריגער קול פון דער פארענגטער ברוסט ארויס. — אזוי — נישט ד י וועלט, נישט י ע נ ע וועלט... הענגען — זאגט ער — ווערגען — זאגט ער — הייסע סמאלע — בליי — זאגט ער! בטול תורה!

— גארנישט... מ י ר גארנישט... — העשעט איהר אין צורריסענעם הארץ: דא הונגער... אהן א קלייד... אהן בענש־לייכטער... אלץ נישט... דאס קינד הונגעריג.. קיין טראפען מילך... און דארט — הענגען.. הענגען אויף דער צונג... בטול תורה — זאגט ער. —

— הענגען... כא! כא! כא! — רייסט זיך ראפטום אויס איהר פארצווייפעלטער קול... הענגען, יא, נאר דא! — באלד! אלץ איינס! נאך וואס ווארטען?

דאס קינד הויבט אן העכער צו וויינען, נאר זי הערט אלץ נישט.

— א שטריק! א שטריק! — שרייט זי אויסער זיך, און זוכט מיט פארבלאנדזשעטע אויגען א שטריק אין אלע ווינקעלעך.

— א שטריק וואו נעמט מען? זאל ער שוין מיין געביין דא נישט טרעפען! לאמיך כאטש דאס גיהנום פטור ווערען! זאל ער וויסען! זאל ער זיין א מאמע! זאל ער! א כפרה בין איך! א מלאך המות! אן עק! אן עק זאל זיין! א שטריק!

און דאס לעצטע ווארט רייסט זיך איהר פון האלז ארויס ווי א רוף אויף הילף ביי א שרפה.

זי דערמאנט זיך, אז עס ליגט ערגעץ א שטריק... יא, אונטער'ן אויווען... מען האט געזאלט אויפ'ן ווינטער דעם אויווען איבערבינדען, ער מוז נאך דארט ליגען...

זי לויפט צו און געפינט דעם שטריק: א פרייד — זי האט

געפונען דעם אוצר! זי װאַרפֿט אַן אויג אויפֿ'ן סופּיט — דער האָ־קען זיצט... זי דאַרף נאָר אויפֿ'ן טיש אַרויף.

זי שפּרינגט אַרויף —

נאָר פֿון דער הויך דערזעהט זי, אַז דאָס דערשראָקענע, פֿאַר'־חלש'טע קינד איז איינגעזעצט, עס בויגט זיך איבער'ן וויגעל; עס וויל אַרוים! אָט, אָט, פֿאַלט עס אַרוים...

— מאַמע! — האָט דאָס קינד קוים אויסגעריסען פֿון שוואַ־כען העלזעל.

עס כאַפּט זי אָן אַ נייער כעס.

זי װאַרפֿט אַוועק דעם שטריק, שפּרינגט אַראָפּ פֿון טיש. לויפֿט צו צום קינד, און װאַרפֿט איהם דאָס קעפּעל אויפֿ'ן קישען צוריק, שרייענדיג:

— ממזר! אפילו הענגען לאָזט עס מיך נישט! אפילו נישט הענגען בשלום! עס וויל שוין ציהען... ציהען וויל עס... אַ! סם וועסט דו ציהען פֿון דער ברוסט! סם!

— נאַ, פֿרעסער, נאַ! — שרייט זי אוים אין איין אָטעם, און שטופּט דעם קינד די אויסגעדאַרטע ברוסט אין מויל אַריין:

— נאַ ציה, בייס!...

# עלענד.

**סענדער האָט געהאַט זעקס ווייבער און וויל דאָס זיבעטע!**

דאָס ערשטע ווייב זיינס געדענקט ער קוים. זיין פאָטער עליו השלום, ר' פתחיה, האָט איהם אמאָל אהיים געבראַכט א זייגערעל, דערנאָך האָט מען איהם אַנגעטאָן א פוטער מיט א שטריימעל, דערנאָך האָט ער געגעסען א גאָלדענע יויך!... ער קאָן זיך נישט דערמאָנען, ווי דאָס ווייבעל האָט אויסגעזעהן; ער געדענקט אַ קלייד מיט א זילבערנעם פאַס, א שטערנטיכעל, א פאָר אוירינגלעך, קיין פנים נישט; זי האָט דאָך געמוזט האָבען א פנים!

פאַר דאָס געדענקט ער, אז פאַר דער חתונה, א חודש, העכסטענס צוויי, איז ער געוואָרען בר מצוה. דאַמאָלט האָט דער פאָטער, א בעלזער חסיד, גענומען ביי איהם פאַר'ן גאַנצען עולם האַנטתקיעת־כף, אַז ער וועט זיך נישט אויסלערנען קיין פרעמדע מנהגים ביים שווער אין הייז, נישט געהן אין שווערס דרך, נישט ווערען קיין קאַצקער, קיינמאָל נישט עובר זיין זמן קריאת שמע, און יאָהר ביי יאָהר עולה רגל זיין קיין בעלז.

דער שטעדטישער רב, אויך א בעלזער, האָט איהם געגעבען א קניפּ אין בעקעל פאַר דער דרשה. דערביי האָט ער איהם געזאָגט, אז תורה אליין איז נישט מציל מדינו של גיהנום, א וואראיה דער גאון, ער איז דאָך געווען א למדן מופלג, טאַקע א גאון, און איז היינט פאַרט אין א קליינער מדרגה... ער זיצט אין פּאַדערהויז פון גן־עדן איבער א ש"ס גמרא און לערענט, און דאָס האַרץ טוט איהם וועה זעהענדיג, ווי פּראָסטע מענשען, וואָס קענען קוים עברי, שפּרינגען איבער איהם אריבער גלייך אין גן־עדן; וואָרים באמת, זאָגט ער! דער עיקר איז כונה און אמונה... אמונה.

זאגט ער, איז זיין ליעבען נאמען, און נאך מעהר — אמונה איז דעם איד, וואס...

וואס... געדענקט ער שוין נישט, נאר עס איז אויסגעקומען, אז עס איז שוין גלייכער צו עסען טרפות ונבלות איידער צו פאהרען קיין קאצק. גלייכער צו זיין א כלב, אן אפיקורס, איידער דעם בעלזער און גאט ברוך הוא להכעיס, טאג אויף טאג עובר צו זיין זמן קריאת שמע, און אזוי ווייטער...

און באלד נאך דער חתונה האט זיך אנגעהויבען דער גיהנום !...

ער איז שיער נישט געשטארבען פאר הונגער, ער פלעגט אפדאווענען אכט אין דער פריה און עסען געהט מען צוויי ביינאכט, ווען ער איז שוין געלעגען און געשנארכט ערגעץ אויף א באנק...

ער האט אנגעהויבען גנב'נען עסען, אויסטרינקען, מיט דער היטש פון א שטרוי, די מילך, ארויסכאפען פלייש פון טאפ; גנב'נען געלט און קויפען עסען. דער שווער האט אנגעהויבען פאטשען, די שוויגער — צו שאקלען איבער איהם מיט א קאטשובע, מיט'ן בעזעם, מיט וואס זי האט געקריגען אין דער האנט אריין, ביז ער האט זיך איינמאל מישב געווען און איז ביינאכט אנטלאפען...

מען האט איהם געכאפט.

— דו שייגאץ, — שרייט דער שווער, — א ווייב געהט צו קינד, אנטלויפט מען.

ער האט זיך קוים געגלויבט! סטייטש?

צום דריטען טאג איז דאס ווייבעל, נעבעך געשטארבען, אין קינפעט. עס האט איהם שטארק וועה געטאן; דאך איידער ער האט צייט געהאט זיך אויסצואוויינען, האט איהם דער שווער אראפגעכאפט דעם ספאדעק, אויסגעטאן דאס זייגערעל, אפגעצווינגען די יופיצע און געגעבען א טאלעץ ארויס, אז ער האט אזש די ציין געקליבען.

ער געדענקט שוין נישט אפילו, ווי אזוי ער איז אהיים געקומען. באהילפיג זענען איהם געווען בעלזער חסידים. דאמאלט איז ער אלט געווען פיערצעהן יאהר. געזעסען איז ער שוין ביז זעכצעהן. אין די צוויי יאהר האט דער פאטער פארלאזט אלע געשעפטען (ער איז געווען א תבואה מעקלער) און אלץ געהאט דיז־תורות מיט'ן מחותן. געלעבט האט מען פון דער מאמעס שטעל. דער פאטער האט זיך געריכט פונ'ם „קאצקער חזיר" אלע האר ארויסצוריי־

סען! און האט אלע מאל גענומען אויף הוצאות, אויף אנדערע טוענים, אנדערע רבנים, פלעגט שטענדיג אהיים צו קומען מלא כעס, און אריינוואַרפען סענדער'ן פיערצעהן פעטש:

— אזא נבלה ווי דו — לאזט זיך ארויסוואַרפען! אז די מאמע האט זיך אנגענומען, איז געוואָרען ערשט חשך. סענדער האט גאט געדאנקט, אז ער איז נאך אמאל געשטאַנען אונטער דער חופה. איידער מען האט געבראַכט די כלה, האט ער מיט'ן גאַנצען הארץ מתפלל געווען, דער שדוך זאל שוין עולה יפה זיין. געוואוסט האט ער, אז דער נייער מחותן איז שוין א בעלזער, אז ער וועט שוין נישט דארפען גנב'נען און כאַפּען פון די טעפּ. נאר, „רבונו של עולם", זאל זי נישט שטארבען אין קינפּעט, זאל זי שוין בעסער זיין אן עקרה.

ער ווייס, אז ווען נישט, וואס יענע איז געשטאַרבען, וואלט ער פּאַרט אויסגעהאַלטען די צוויי יאהר קעסט! דערנאך וואלט געוועזען קעסט ביים טאטען. אלע מכות וואלטען זיך אויסגע־היילט... ער וואלט נישט אהיים געפאָהרען נאַקעט און בלויז, ווינ־טער אין גרעסטען פראסט...

אז ער האט זיך דערמאַנט אין דער קעלט, האט ער אונטער דער חופה אנגעהויבען אינערליך שטארק צו וויינען. ער האט נישט געהערט, ווי מען האט איהם באַוואַרפען מיט שניי, געשטאַ־כען מיט שפּילקעס, ווי די כלי־זמר האבען געשפּילט, ווי מען האט מיט דער כלה ארום איהם זיבען רעדלעך געמאַכט, ווי דער חזן האט געזונגען... און, אז מען האט איהם מקרא געווען דעם „הרי את", האט ער אין הארץ אויסגעשריגען:

— רבונו של עולם, בעסער אן עקרה!

און ער האט עס געבעטען אין א בייזער שעה.

געווען איז זי אפילו, דערצעהלט ער, א חנ'עוודיג ווייבעל. א גאר נישט־קשה'דיג ווייבעל! א בריה: א גוטע... זי איז איהם געקראָכען אונטער די נעגעל. און א לוסטיגע אידענע, קיין שמוי־גער, נישט קיין, ווי רופט מען עס, נישט קיין טשמאַי. נאר פאַר־קעהרט! א לאך, א שטיף ביי דער וועטשערע — דעם שווער האט עס אפילו אמאל געאַרט.

— נאר איך, — דערצעהלט ער, — איך האב באמת שטארק הנאה געהאט דערפון. טאקע, עס איז ליבטיגער געוואָרען אין

שטוב! איהר ווייסט נישט. א גוט ווייב איז פרעהליך, נאר וואס קומט ארויס — אַן עקרה! און אפשר וואלט איך מיך מיט איהר פארט נישט געגט; א קשיא אויף א מעשה, אז מען קניפט זיך צו עמיצען צו, איז שווער זיך אפצורייסען. און צוגעקניפט בין איך געווען, אמת, נישט צו איהר, זעהסט דו, א אידענע א, א אידענע, נאר צו דער שמחה! צו דעם שמייכעלע, פון וועלכען עס פלעגט מיר ווארעם ווערען אין אלע אברים... אבער ערשטענס, האט מיך די מאמע באשיט מיט ביטערע בריף, זי וויל אן אייניקעל! צום שלים־מזל בין איך געווען א בן־יחיד; די מאמע, עליה השלום, האט קיין אנדערע אייניקלעך נישט ג ע ק א נ ט האבען! עס איז איהר ממש געגאנגען אין לעבען. יעדער בריף איז אויסגעווייקט מיט טרערען. דער טאטע האט פאר כעס גאר אויפגעהערט צו שרייבען; ער האט מיך גאר פאר'מסר'ט פאר'ן רבי'ן... אין דער לעצטער צייט איז זי גאר אנדערש געווארען, פארלארען די שמחה, עפעס די אויגען האבען איהר אנגעהויבען רויט צו ווערען, און ווען זי האט מיך אנגעקוקט, האט זי ארויסגעלאזט א בעטש... זי האט, אפנים, מורא געהאט פאר א גט!

געוואוינט האבען מיר צוזאמען מיט'ן שווער. דער נדן איז נאך געווען איינגעלעגט, דער שווער האט מורא געהאט ארויס־צוגעבען דאס שלישית; איך האב אויף איהם נישט וואס פאר־איבעל צו האבען: אהן קינדער רייסט זיך עס ווי א פאדים... גע־לעבט האט מען פון פראצענט. געזעסען צוזאמען אין איין שטוב; עס איז אפילו נישט מעגליך געווען א ווארט צו רעדען... און זי האט מיך נאר אנגעקוקט און געקאפעט מיט טרערען. עס איז אויף איהר, רחמנא לצלן, אן איבערקעהרעניש געקומען... א העלפט איז פון איהר, רחמנא לצלן, געבליבען, און די געבליבענע העלפט איז, זאל גאט שומר ומציל זיין, גרין און געל און איינגעשרומפען... פונדעסטוועגען האב איך געהאט שטארק רחמנות, שטארק רחמנות.. עס האט מיך געשניטען ביים הארץ...

טרערען קומען איהם אין די אלטע אויגען אריין.

„נאר וואס האב איך געזאלט טון? דער רבי האט גוזר גע־ווען! דער שווער איז באשטאנען (אמת, ער האט דעם גאנצען נדן צוגענומען), דער טאטע איז געקומען... מען האט מיך אפגע־גט."

„איך בין שוין דאמאלט געווען קריב לשלשים, א זיבעון, אכט און צוואנציג יאהר, און בין צוריק געפאהרען צום טאטען...“

דער מסחר דערוויל איז געפאלען, קיין געלט איז נישט גע־ווען, און אונזער סענדער ווערט א מלמד.

א מלמד קאן נישט זיין אהן א רבי'צין.

זעקס יאהר איז ער געווען מלמד, און דריי ווייבער האט ער געהאט אין די זעקס יאהר: איינע האט איהם גע'גט, צווי האט ער גע'גט; איינע איז גלאט געווען, רחמנא לצלן, א שלים־מזל'ני־צע. ער האט זיך איינגאנצען גענארט: מען האט איהם איינגע־רעדט, אז זי איז אן אלמנה, צום סוף איז זי געווען דאס פיערטע מאל א גרושה, ער איז געווען איהר פינפטער מאן, א קליינינ־קייט! מען האט געזאגט, אז זי האט איין קינד, געבראכט האט זי פינף! נאך א מערכה, וואס די רעשט האט זיך ביי איהר נישט געהאלטען, ווארים געהאט האט זי מיט יעדען מאן דריי און אפשר פיער. —

און „עס איז שווער געווען, דערצעהלט ער, צו גט'ן! אזא שלים־מזל, אזא מחוסר דעה, אז עס איז כמעט נישט מעגליך גע־ווען, נישט מיט איהר צו לעבען, נישט צו געבען א גט.

„וואס קלערט איהר, איך בין גוט אריין אין דער בלאטע! אן אידענע, דאכט זיך, וואס איז דער חלוק? וואס איז? עולם הזה דארף איך? באמת א מלמד, ווער האט צייט דערצו? נאר א גולם, רחמנא לצלן! מען מוז מיט איהר קאמאנדירען: שטעה אויף — שטעהט זי אויף, טו דיך אן — פאלגט זי, לעג אן א פייער, קאך דאס און דאס... איז זי אלץ מקיים, נאר אליין — גארנישט. אז איך האב פארגעסען איהר צו זאגען, וואס צו טון, האט זי זיך אליין קיינמאל נישט דערמאנט! וואס קלערט איהר! איך האב דורך איהר דעם מעמד פארלארען. איך האב געמוזט געהן אויפ'ן מארק, קויפען עסען, אנטון די קינדער; ניט מיינע, פרעמדע קינ־דער! איך האב נאך אזא גולם נישט געזעהן! זי האט גאר קיין נשמה נישט געהאט, רחמנא לצלן, אז מען האט זי געדארפט דער־מאנען צו עסען! א רוח אין פייטעל שדכן'ס טאטענס טאטעו אריין! דאס האט ער מיר די מציאה אנגעהאנגען, — באשר — זי האט געהאט 250 רובל פון די מאנען, וואס האבען זי גע'גט, יע־דערער האט זיך ממש אויסגעטאן ביז צום העמד! און ווייטער

דאס אייגענע, דאס געלט איז געלעגען איינגעלעגט ביי א פעטער און ער האט קוים געגעבען דרייצעהן פראצענט.

„איך האב געמיינט, — עס איז מיין עק. רעד צו איהר, ענט־פערט זי נישט; זי וויים גארנישט, וואס מען רעדט צו איהר! און א טבע האט זי געהאט, אז זי האט נישט געקאנט לײדען איהרע אייגענע קינדער. ווען איינס איז צו איהר צוגעגאנגען, א טראד, א זעץ, א קניפ. די קולות זענען געגאנגען עד לב השמים... איך האב איהר אמאל פאר כעס געווארפען א לייכטער, עס טוט מיר עד היום באנג. באמת, וואס איז זי שולדיג געווען? רחמנא לצלן, עס האט עפעס געמוזט זיין א קרענק אזוינע. מען איז מיט איהר אויסגעפאהרען צו אלע רביים, און קיינער האט איהר נישט גע־קאנט העלפען.“

און סענדער האט דאס פארשטאנען על פי דרך הטבע: א דאקטאר, להבדיל, קאן אויסהיילען א קראנקען פוס, אבער, אז עס איז גאר קיין פוס נישטא? לאמט מען ביז אין טויט אריין. א רבי, להבדיל, היילט א קראנקע נשמה; אבער גאט זאל היטען, אז מען האט איהר כביכול פארגעסען אריינצובלאזען די נשמה, קאן קיין גוטער איד נישט העלפען. בלייבט מען א חיה, א בהמה ביז אין טויט אריין.

„און איידער איך בין איהרער פטור געווארען! אסך רבנים האבען זי גארנישט געוואלט צולאזען צו א גט. באשר — זי האט נישט קיין שכל צו וועלען א גט. הערסט א מעשה! זי זאל האבען שכל, וואלט זי זיך דאך נאך געעלטערט מיט׳ן ערשטען מאן! און אז איך האב שוין יא אזא רב געקריגען, וואס איז באשטאנען, האט געדויערט פון פסח ביז סוכות, איידער מען האט זי אויסגעלע־רענט, וואס זי זאל זאגען.

„און זי וואלט באמת נישט געקאנט, ווען נישט די רבי׳צין, דעם רב׳ס ווייב. אזא ווייב א חכמה, איז מאקע א קרוין פאר׳ן מאן, א מחיה. זי איז געפאלען אויף׳ן שכל, האט זיך איהר גע־שטעלט קעגענאיבער, געשאקעלט מיט׳ן קלוגען קאפ אויף יא, איז געוועזען יא!“

פאר דעם האבען א י ה ם שוין אפגע׳גט די אנדערע צוויי: איינער איז נישט געפעלען זיין קאלטאנעוואטע בארד; זי האט, זאגט זי, פיינט א קאלטען.

„און וואס זאל איך טון, אז איך האב א קאלטען? איך ווייז איהר, ווי איך לעג יעדע ארויסגעפאלענע האר אין דער גמרא אריין, איך גיב איהר צו פארשטעהן, אז א בארד איז א דבר שבקדושה; אז אידען שווערען ביי דער בארד ווי בנקיטת חפץ; זי זאגט אבער, אז מיין בארד נודזשעט זי, אז זי קאן נישט עסען, אז זי גיט צוריק יעדען ביסען!

— נו, וואס טוט מען מיט א בארד? — פרעג איך זי.

— שלאג דיר — שרייט זי — מיט איהר קאפ אן דער וואנט, אדער גט מיר.

„און איך האב מיך איינגעשפארט: באין אופן! עס איז מיר אין איהר נישט געגאנגען... עס איז מיר פשוט נמאס ומאוס געווארען דאס גט'ן מיט'ן חתונה האבען. ווער האט צייט און קאפ דערצו? איידער איך האב געקריגען תלמידים, איידער וואס, געה ווייטער גט זיך, האב חתונה און פארליר פון דאס נייעס דאס מלמדות! און צום שלים־מזל איז אין שטעדטעל געווען נ טייך אהן א נאמען, מוז מען זיך פאהרען גט'ן. א שעהן עסק! און די בעלי בתים זוכען נאר א תירוץ אפצורייסען פון מלמדות. זי וויל אבער א גט און איך שריי: געוואלד, ווארט מיר א יאהר, א זמן, — זי וויל נישט הערען און געדענקען, א גט און א גט!

איך האב מיך מישב געווען און דער ארורה נישט געענט־פערט; איך זיץ און לערען... שטעלט זי זיך איבער די תלמידים און שרייט: א גט! א גט! הויבט גאר אן צו ווארפען אין דר'ערד די אנדערטהאלבען טעלער!

מיין מערכה איז נאך געווען, וואס זי האט זיך גע'מאוס'ט צו מיר צוצונעהן, אזונסט וואלט זי מיר נישט איינמאל די בארד אויסגעריסען! עס איז געווען א ווילדע חיה, א קצב'ס א טאכטער, אן אלמנה נאך א שניידער! פארשטעהט איהר דעם יחוס!

איך האב קוים גע'פועל'ט ביי די בעלי־בתים, זיי זאלען מיך לאזען קנעלען אין בית המדרש, קומט זי אין בית המדרש און שרייט אין מקום קדוש: א גט! א גט! טו עפעס!

זי לאזט שבת אין שטיבעל נישט אויסנעמען!

די צווייטע וואך האב איך שוין געקנעלט ביי די בעלי־בתים אין דער היים, עס איז געבליבען — א וואך אום א וואך. די בעלי

בתים האבען שוין אויף מיר רחמנות געהאט, פון שטיבעל האט מען זי שוין א פאר מאל ארויסגעווארפען. וואס קומט אבער ארויס, אז זי האט זיך מישב געווען און אויפגעהערט צו קאכען, צו וואשען גרעט, אויסצוקעהרען די שטוב און צו געהן טהרה... וואס קלערט איהר, זי האט מיך דערדליבעט, איך האב איהר געמוזט געבען גט!

די צווייטע, וואס האט מיך גע'גט, איז עפעס געווען גאר א נייע מאדע שלים־מזל. איך האב שוין א גליק צו ווייבער! רחמנא לצלן, אלע בלאטעם טשעפען זיך צו מיר! מענשען האבען מזל צו אלעם, אפילו צו ווייבער. ביי לייטען איז דא ווייבער ווי גאלד! נאר איך נעבעך! וואס זאל איך אייך זאגען, דאס איז געווען אזוינס, וואס די וועלט פארמאגט עס נישט. און אלץ פייטעל שדכן! די ערד זאל איהם ארויסווארפען, עס איז נאך אזא פושע ישראל נישט געווען! און ער — גארנישט, דער פושע ישראל!... וואס בין איך, זאגט ער, שולדיג? איך זעה א ווייבעל, רעד איך איהר א שדוך! איך וויים, וואס ביי איהר אין הארץ איז? פון וואנען זאל איך וויסען, אז זי וועט נאראווען? מ י ר געפעלט דיין בארד! און ער האט מיך ווייטער אריינגעפיהרט אין א צרה. וואס פרעגט איהר, ער האט מיר געגעבען א שטומע! רחמנא לצלן, ממש א שטומע. די ערשטע פאר טאג האב איך מיך מחיה געווען; באמת אן אידענע אהן לשון, אויף אלע צדיקים געזאגט, פארוואס נישט, כצפיחות בדבש! וויב האסט דו און קיין איינציגע קללה, א קלייניגקייט! זי איז אבער אויך געוועזען פון געמיינעם שטייגער, פון בעלי מלאכות, און איך בין איהר אויך נישט געפעלען; איהר הערט א מעשה! נו, נו! הויבט זי אן איבער מיר צו בלאזען שופר, אזא קול האט זי געהאט — זי האט זיך אויסגעריסען דעם האלז! וואס איהר איז נישט געפעלען, וויים איך נישט עד היום, נאר זי האט געבלאזען שופר, געדראפעט, געקאפעט, געפאטשט, ביז זי האט מיך אפגע'גט!...

עס איז נישט געווען אזוי געשווינד ווי מען זאגט; זי האט איינמאל פאר כעס געקריגען דאס חולי נופל אינמיטען שטוב, יא, יא!

איינע נאר איז מיר געשטארבען. דער אייגענער קעלבאסניק פייטעל פארקויפט מיר א צוקראכענעם מלבוש — א סוכאטניצע:

אפילו א ניש׳קשה׳דיגס פון א ווייבעל, כ׳לעבען... נאר געשפיגען האט זי מיט בלוט און דאר געווען... וויים איך...

זי האט, נעבעך, נישט געהאט קיין פרעטענסיע. א פשוט, עהרליך ווייבעל, אן אמת׳ע אשה צנועה, ווי א ווייב דארף צו זיין. נאר די קרענק האט זי נעבעך אויפגעגעסען; ווי איך זאג אייך: א צוקראכענער מלבוש! זי איז אפילו נישט מעוברת געווארען און איז איינגעשלאפען ווי א הון. איך האב געמיינט, איך פארגעה פאר צרות! וואס דאס האט מיך אפגעקאסט, — א הון! און וואס? גארנישט! כמעט גארנישט! איך האב שוין אזא מזל! זי איז געווען א גברא קטילא, און באלד אין דער שבעה, — פייטעל איז דא! דער שטן, ימח שמו!

— איך האב געוואוסט, זאגט ער, איך האב געטראכט, זאגט ער, קיין ווייב וועט ער נישט האבען, נאר ירושה, זאגט ער, וועט ער נעמען... אצינד וועסט דו ערשט חתונה האבען ווי א מענש.

— פופציג טאלער איז קיין קלייניגקייט! וואס דען, זאגט ער, האסט דו געמיינט? א שעהן ווייבעל. 50 טאלער, אהן קינדער, און אהן א יעהלער? הע, פארוואס קומט דיר דאס? באשר.

— האסט שעהן גע׳דרש׳נט?

אין הארץ האב איך איהם געשאלטען. נאר ע״פ שכל האב איך פארשטאנען, אז ער איז גערעכט; איך בין פארנארט געווען אין דעם מענש! איך בין געווען מלמד און ער וואלט מיך ווייטער געפיהרט אין חדר אריין!

ווי דער אמת איז, בין איך שוין, אט אפנים, פאר צרות אזוי דערשלאגען געווען, אז איך בין ממש אהן שכל געבליבען. און פייטעל האט מיר ווייטער געדולט מיין קאפ מיט א ירושה, מיט א זיכערער ירושה, און שוין הונדערט טאלער... ער וואלט מיך זיכער איבערגעדייבערט, ער האט שוין אזא כח געהאט יעדען איבערצודייבערען, נאר די מערכה איז געווען, אז ער אליין איז געשטארבען.

פונדעסטוועגען, זאגט סענדער, איך בין דאך א איד אז אכציגער, פונדעסטוועגען, ווען עס טרעפט זיך מיר א גוטער שדוך, וואלט איך נאך אמאל געפרואווט חתונה האבען! היינט איז זאביער אלץ אין דר׳ערד! עס איז קיין רעכטע אידענע און קיין רעכטער שדכן נישטא... איהר מיינט, יונגעלייט, אז אז אלטען מאן איז

גוט צו זיין אליין, גאר אליין, גאר גאר אליין, ווי א וויארסט למשל אינמיטען וועג?... געהט שוין געהט... און אהן א קינד! איך ווינש עם קיין אידען נישט, קיין שונא אפילו אויך נישט...

און, דער גרייז־גרויער קאלטען האט אנגעהויבען צו ציטער־רען און די ברוינע־בלויע ליפען האבען געציטערט. די ברילען זע־נען פארגאנגען און ער האט אוועקגעמאכט מיט דער האנט, ווי איי־נער רעדט: פארפאלען! —

# פלאַץ געשיכטעו.

## 1.

### דער קלאַץ אליין.

אינמיטען מארק ליגט אַ אַלטער, פוילער קלאַץ...

דאַכט זיך, טויט ווי אַלע טויטע — און דאָך, אין אַ שטי־לער זומער־נאַכט, ווען אַלץ ארום איז פארזונקען אין טיפען שלאָף ווען לבנה און שטערען דרימלען אונטער אַ לייכטען זילבער־נע־בעל, וועקט זיך אין מיר אויף דער אַלטער כשוף־מאַכער... „האָ־קוס־פּאָקוס!" — דער קלאַץ לעבט!

ערגעץ אין מצרים ליגט אַ פאַר'כשוף'טער אַלטער קלאַץ, וואָס וועקט זיך יעדען פריה־מאָרגען (ווען די פרישע, ריינע זון שטעהט אויף) און יעדען אָוועגט (ווען זי געהט אונטער פארשעמט און פארבלוטיגט) און גיט פון זיך ארויס אַ וואונדערליכען קלאַנג; — מיין קלאַץ דערצעהלט גאַנצע געשיכטען.

אַלץ, וואָס איך שרייב פון'ם שטעדטעל, האָב איך איהם צו פאַרדאַנקען, דאָס אַלץ זענען „קלאַץ־געשיכטען"... דאָס אַלץ דער־צעהלט ער מיר.

נאָר אָנהויבען הויבט ער אָן פון זיך. רעכט האָט ער! יע־דערער איז ביי זיך דער הייליגער מיטעלפונקט, ארום וועלכען ער שטעלט זיך אויס די רעשט וועלט.

עס געהט כסדר: איך, און דערנאָך ערשט אַלץ, וואָס מיין איז; מיין משפחה, מיינע חברים, מיינע גוטע פריינד, מיינע באַ־קאַנטע, מיין שטאָדט, מיין געגענד, מיין לאַנד... אַלץ וואָס מיין איז!

שפּעטער נעמען מיר שוין שותפים צו: אונזער ערד.

אונזער וועלט.

פאר דעם קומען מיר צוריק צו: מיין גאט! נאר דאס זאל זיין א סגולה צו פרנסה...

---

טייל מיינען אפילו, אז זיי זענען נישט נאר דער מיטעל־פונקט, נאר זאגאר דער ברען־פונקט פון דער וועלט. דאס גאנצע ליכט לויפט זיך דא צוזאמען ארויסצושטראלען ערשט פון זיי אויף דער רעשט וועלט... אהן א חלב'ען ליכטעל אפילו אין האנט, לויפען די בארמהערציגע לייט ארום אין די גאסען און שרייען: ליכט! ליכט! ווי אמאל דער כביכול און דערנאך, להבדיל, געטהע פאר'ן טויט...

אנדערע קלערען גאר: צי איז אויסער זיי נאך עפעס פאראן!...

„איך בין איך" — על כן — בין איך דא! נאר די רעשט וועלט צי איז זי נישט מיינער א חלום פון א זומער־ צי א ווינטער־נאכט, ווי עס מאכט זיך?

און באמת, ווער נויטיגט מיך צו גלויבען, אז אויסער מיר עקזיסטירט נאך עפעס? פיהלען פיהל איך נאר מ י י ן הונגער, מ י י ן דורשט, מ י י ן עגמת־נפש... אי וואס — מען זאגט? דאס איז ווייניג!

מען פלעגט אמאל זאגען, אז עס איז פאראן עהרליכקייט, רחמנות, יושר, אמת וכדומה, און עס האט זיך אויסגעוויזען — א חלום, א וויסטער חלום...

און — א והא ראיה! אז א י ך, איך נאר, נעם א קאפ בראנפען, טאנצט די גאנצע וועלט ארום ווי שכור!

לאמיר בעסער צוריקגעהן צום קלאץ, צו זיין אויטאביאגראפיע!

---

געוועזן איז ער אמאל א בוים.

א פרישער גרינגער בוים אין וואלד!

געווארצעלט האט ער אין דער ערד, געצויגען זיך אין הימעל

אריין... אן ארלער, נאטירליך, פליהט העכער! זיינס האט ער דאך געטאן בשלמות; ער האט זיך געהויבען און געהויבען, איבער זיינס גלייכען געוואקסען! ער האט שוין אפילו א גרוים שטיק הימעל געזעהן!

טיילמאל האט זיך איהם געדאכט, אז, אט, אט, פאלט אראפ דאס טעלערעל פון הימעל און לעגט זיך איהם — א קרוין אויפ'ן קאפ! און ער איז ווערט די קרוין, ער ציהט זיך אלץ־אין־איינעם ארויף!...

געלעבט האט זיך נישט שלעכט!

טויזענט בלעטער צום אטעמען, אריינצוציהען גרינצייג... א פאר שאק ווארצלען אונטער דער ערד, צו ציהען חיונה — זאפט און זאלץ! דאס איז פאר'ן גוף; די נשמה האט פויגעל־קאנצערט און וואלקען־מאסקאראדע!

צווישען די צווייגען זשומט, ברומט, טרילערט און קלינגט... אויפ'ן הימעל פליהט און ציהט און יאגט זיך. פון א זייט שווימט א סטאדע וואלינע שעפעלעך; אט טרייבט זיי אקעגען א גראמאדע צויטיגע, שווארצע וועלף... אלע פארשווינדען, און איבער דער ברייט פון הימעל ציהט זיך אויס א לאנגער דייטש מיט גרויסע שטיוועל, מיט א מעשענער, פיקעל־הויב אויפ'ן קאפ... ער ווערט אויך צורונען, שא! דער הימעל העננט ארוים וועש צו טריקענען... דאס „גרעט" שאקעלט זיך, הוידעט און ווארפט זיך, גלייך עם וויל אראפפאלען און א האלבע וועלט „מלביש־ערומים" זיין...

---

**דאס אלץ איז זומער.**

ווינטער־צייט הילט זיך איין דער בוים אין ווייסען מאנטעל און דרימעלט. ער שלאפט איין, און חלומ'ט איבער א וועלט!

אין אזא שלאף הערט ער איינמאל: טראד! טראד!

א האק, צי א דונער! ער צי אן אנדערער?

איידער ער קומט צו זיך — באץ! ער ליגט שוין אויסגע־צויגען אויפ'ן שניי...

און ער שלאפט ווייטער איין... און ער חלומ'ט ווייטער:

— פארפאלען! עס וועט זיך אנהויבען א נײַ לעבען, גאר אַן אנדער לעבען! נישט אין היימישען וואלד, נישט צווישען זיינס־גלייכען — בוימער, נאר אין דער אייביגער פרעמד!

נישט „הימעל און ערד“ וועט עס הייסען, נאר „הימעל און וואסער“, בעסער געזאגט: הימעל און הימעל, אַן אמת'ער פון אויבען, און אפגעשפּיגעלטער פון אונטען...

א מאסט וועט ער זיין, אויף דער גרעסטער שיף שווימען; אויף דער גרעסטער שיף, אויפ'ן גרעסטען ים! און א וועלט וועט ער זעהן!

דעם וואלד וועט ער דאך נישט פארגעסען!

וועט ער נעהנטער קומען צו א שטיק ערד, וועט ער זיך שאַקלען און גריסען דעם וואלד... פון צייט צו צייט וועט איהם דער ווינט צוטראָגען אביסעל ריח פון נאדלען און בלעטער... אויף דער שיף וועט געוויס זיין א שטייגעל... דרינען א קליין זים פויגעלע...

ער חלומ'ט און פיהלט, ווי די האק שפּארט איהם אין די זייטען, שיילט און רייסט... שאדט נישט!

„טערפּי קאזאק, אטאמאנאם בודיעש!“

אנדערע האט מען אויף פּיצפּיצלעך צוהאקט, אויף אַש פארברענט, אויף אלע וועלט־עקען פארשפּרייט דאס אַש און צווייהט.

און ער וועט זיין א מאסט!

---

אויפגעכאפּט האט ער זיך נישט אלס מאסט... מען האט פון איהם קוים א באלקען געמאכט, אין א הויז איינגעמויערט.

ענג, דושנע, פינסטער — עס דריקט פון אלע זייטען...

ער פאלט אוועק אין א נייעם שלאף, אין א ווילדען שלאף; אהן חלומות, אהן האפנונג, אהן טרייסט...

און אזוי איז ער פופציג און אפשר הונדערט יאהר געשלאפען...

און עס וועקט איהם ווייטער: טראך! טראך!

ער כאפּט זיך שוין אויף באמת אין א ים. אין א רויטען, פייערדיגען ים... פאַליעס פייער שלאַגען...

דאס איז מיין עק! — טראכט ער — אין גיהנום בין איך! מיינט ער.

נאר א קלאץ דענקט און די פאזשארנא קאמאנדע לענקט און טוט איהרס.. אצינד ליגט ער אינמיטען גאס...

---

ער ליגט און פוילט און ניצט נאך דער קליינער וועלט...

האלץ־ווערים ציהען פון איהם די גאנצע פרנסה... א צושוי־בערטע דינסטמויד לויפט צו און רייסט אויס א קיהנדעל... דער שרייבער פון מאגיסטראט נעמט זיך יעדען טאג נאכ'ן מיטאג א צאהן־שטעכער... פרייטאג רייסט פון איהם ווער אין גאט גלויבט עדות צום נעגעל־פארברענען...

קומט אינמיטען דער נאכט אין שטעדטעל א קליין סוחר'ל, א נשרף'ל, צי אזוי א בעטלער, נעכטיגט ער איבער אויפ'ן קלאץ...

טיילמאל ציהט זיך אויף איהם אויס דער נאכט־וועכטער און שנארכט...

2.

## ב י י ט א ג.

א זומער־מארגען...

מיט א געשריי און געוויין, געלעכטער און געזאנג רייסט זיך דאס יונגוואַרג ארויס פון די קליינע הייזלעך... נאקעט, האלב־נאקעט, מיט און אהן שטיקלעך ברויט אין די הענט — לויפט עס צום קלאץ.

מען שפילט זיך...

און שפילען זיך הייסט קאפירען די עלטערע וועלט.

אלס חתן־כלה פאהרט מען אויף שטעקען שפאצירען, קושט מען זיך אין די ווינקעלעך, שענקט מען זיך מתנות.

איז וועניג, דערלעגט מען נאך א שערבעלע, נאך א שטיקעל גלאז פון א גריז אדער בלוי־געוועזענער פלאש, נאך א שטיקעל לע־

דער... אניט געהט דער שדוך אפּ, האָט מען א דין־תורה, צאָהלט מען קנס...

אַלס מאַן און ווייב, קריגט מען זיך, שילט מען זיך און מען שרייט... ווערט מען מיד, לאָזט מען דעם רעשט גרימצאָרן אוים צו די קינדער, צו די אָרעמע קינדער פון האַלץ און שמאַטעס...

זיי זענען „ממזרים"... ווילען נישט לערנען, נישט פרום זיין, נישט טהון די הענט אין קאַלטען וואַסער אריין... נאָר פרעסען וויל עס און זויפען, און עס האָט א קישקע אָהן א דנאָ!

פאַר גרוים צרות מאַכט מען זיך „שטעלען"; פאַרשעלט מען די קונים'ס ביינער. צו דער סחורה — ווי א גאָט אין הימעל — לעגט מען צו. און צאָהלען מוז מען פּאַטענט, שטעל־געלט, מלמד־געלט, דירה־געלט, היינט קינדער התונה מאַכען... און זיי דינגען זיך נאָך, די נשמה ציהען זיי אַרויס!

דערנאָך געהט א לויה... א קאָץ איז גע'פּגר'ט, צי מען האָט א טויט מייזעל געפונען...

אינמיטען קומט דער בעלפער.

---

אינמיטען טאָג פאַרנעמען דעם קלאָץ עטליכע ווייבלער, קעסט־קינדער... ביים שעהנעם וועטער זעצען זיי זיך אוים אין די ווייסע יאַקעלער, האַלירטע טיכלעך און, פאַר בושה, מיט א האַנט־ארבייט אויף דער שוים. און מען פאַרברענגט א גוטע שעה...

פריהער געהט עס צו שטיל.

איינע רויטעלט זיך און דערצעהלט, ווי גוט זי ווערט באַ־האַנדעלט. די צווייטע „האָט נאָך זייט זי לעבט אַזאַ מאַן נישט געזעהן!", די דריטע שווייגט און פלאַמט; די מוז זיין די גליק־ליכסטע... טיילמאָל שלינגט דאָך איינע אַראָפּ א טרער נאָך א טרער — מען האָט איהר געווים אַן אַלטען מלמד געגעבען...

דערנאָך ווערט רעדאַגירט די שטאָדט־צייטונג, די מויל־אַר־בייט, וואָס צופליהט זיך פייל פון בויגען אין אַלע שטיבער, אין

אלע הייזער אריין, און קומט דערנאך צוריק צום קלאץ פארגרעד־
טערט און פארשעמערט, נישט צום דערקענען...

עלטערע מענשען זאגען, אז פון קלאץ וועט קיין גוטס נישט
ארויס...

---

פארנאכט געהען שוין די יונגע ווייבלעך, אויסגעפוצט אין
די נאך פרישע חתונה־קליידער, הינטער דער שטאדט, אויפ'ן שאָ־
סיי, ביים ראנד פון קליינעם וועלדעל, פון וועלכען אונזער קלאץ
קומט ארויס. אין וועלדעל זיך „ארייגלאזען", איז קיין שטייגער
נישט; עס וואלט שוין צופיעל „דייטשעריש" אדער „פריציש" גע־
ווען... די „שעהנע ברייגדעל" פלעגט שפאצירען אין וואלד, האט זי
זיך אמאל אויסגעשפאצירט, איף אלע שונאים געזאגט: — „א
רחמנות אויפ'ן אלטען פאטער, אויפ'ן געוועזענעם לאנד־שרכן. ער
שעמט זיך פאר דער ליכטיגער שיין!"

דעם קלאץ פארנעמען דערוויייל עטליכע אלטע ווייבער. וואס
כאפען זיך ארויס אויף א רגע, אביסעל לופט צו שעפען, אביסעל
נחת צו האבען און אפצורעדען זיך פון הארץ...

און, אז מען האט שוין איבערגעשיט דאס גאנצע שטעדטעל,
רעדט מען פון „וואס אמאל איז געווען און היינט איז נישטא"...
אמאל זענען געווען געטרייע מענער און היינט — פאר די
הינט ארויסצוווארפען, איינס ביי איינם טרפה ווי חזיר; עס געהט
זיי קיין וואר ווארט נישט ארויס פון מויל... נאך דער חתונה איז
„קעטשעלע־מעטשעלע", ביי איין טיש עסט מען, פון איין שיסעל;
— וואס עלטער, ווערט מען קעלטער, און — גארנישט!

פארצייטענס פלעגט א אידענע האלטען אז אור־איניקעל
ביים פארטוך און איהר אייגענס ביי דער ברוסט; היינט נאכ'ן
דריטען, העכסטענס נאכ'ן פיערטען מאל — קראנק, דארף מען
שוין דאקטוירים און... דא דוימט מען זיך איין עטליכע סודות און
מען שפייט אויף אלע זייטען...

דעריבער שטראפט טאקע דער בורא־עולם... ער וועט זיין
גוטס נייטט ווארפען אין דער בלאטע אריין. פרנסה נישטא, קליי־
נע קינדער געהען אוים ווי די ליכט, פאר זעלנער נעמט מען... און
קהל און רב שווייגען! — —

אפילו די זון איז שוין אויך נישט דאס, וואס אמאל! פאר־צייטען פלעגט מען פון פסח ביז סכות געהן אין איין העמד... עס רעדט זיך נאר אזוי, באשפּינט און באניים איז מען געווען, און די ספּאדניצעס מיט די זילבערנע און גאלדענע פליטען זענען אסך שענער געווען, ווי די היינטיגע מאדעס... נאר ווארעם איז געווען, א מחיה! ווער האט געוואוסט פון הוסטען, פון שווערען אטעם, פון א ציטערניש אין די ביינער?

---

די זון געהט אונטער; די ווייבער צולויפען זיך; מען דארף וועטשערע קאכען. פאר די „געטרייע" מענער, דאס פּנים פאר־פלאמען...

עס פלאמט אויף איין פענסטער נאכ'ן צווייטען, א שויבען־טיר נאך א שויבען־טיר. מיט רויטע אויגען קוקען די הייזלעך אין גאס אריין, און ביים קלאיז זיצען שוין מענער נאך מנחה־ומעריב.

מען רעדט פון פאליטיק, פון פרנסה, פון אידישען מזל...

איינער ציהט זיך איים אויף דער ווארעמער ערד, שפּארט אן דעם קאפּ אויפ'ן ווייכען, פוילען האלז און קוקט אין הימעל אריין מיט צער, מיט נחת, מיט געבעט — ווי איינער, ווי אמאל — און דרימעלט אזוי איין.

פלוצלונג ווערט א געשרייעריי פון טיר און פענסטער, ווייבערשע קולות רופען: חיים, יוסל, ראובן.

אנדערע, מיט א צולאג — א קללה: דיין נאמען זאל אהיים קומען! די קארטאפעל ווערען קאליע!

---

און ערשט גאר שפּעט, אז דאס שטעדטעל שלאפט איין, רוקט זיך ארויס פון נידעריגסטען הייזעל ר' שמערעל, דער געוועזענער לאנד־שדכן...

פיערציג יאהר איז ער ארומגעלאפען זוכען חתנים און כלות, ביז ער האט די פיס פארלוירען; קוים ער שלעפּט זיי נאך...

א האלבען געגענד האט ער חתונה געמאכט, נאר זיין אייגענע

טאַכטער פּאַרגעסען... אין גרויען צאָפּ אַריין פאַרגעסען... ניינצעהן יאָהר דערלעבט!

ער זעצט זיך און באַהאַלט דעם אַלטען גרויען קאָפּ אין די ציטערדיגע הענט... נדן האָט ער איהר געקליבען; נישט געגעסען, נישט געטרונקען, צו פּוס מיילען גאַנצע געגאַנגען... אַלץ געקלי־בען און געקליבען!

אַזאַ חרפּה, אַזאַ שאַנד!

ער הויבט די אויגען אויף צום הימעל.

כאָטש גוט, וואָס זיין רחל האָט עס נישט דערלעבט!

— גאָט! — וויינט אין איהם דאָס האַרץ — זאָל זי נאָך תשובה טון... אַוועק וועל איך מיט איהר... איך וועל איהר אַ נייעם נדן צוזאַמענמאַכען... מיט די קראַנקע פּיס וועל איך פון טיר צו טיר אויף הכנסת־כלה געהן... חתונה מאַכען, לייטיש חתונה מאַ־כען!

— גאָט, שיק אַ שטראַל פון דיין ליכט אין איהר האַרץ אַריין! אַ האַרץ האָט זי דאָך אַ גוטס געהאַט, אַ גוט האַרץ... אַ שטילע איז זי, אַ גוטע געווען... אַ האַרציגע!...

— מעשה־שטן, מעשה־שטן! — קלאָגט דער אַלטער אין דער שטילער נאַכט אַריין...

— און — אַז ער געהט אויך אַוועק, דאַמאָלט דערצעהלט מיר דער קלאָץ זיינע מעשה׳לעך.

3.

## נאָך האַלבער נאַכט.

דאָפּעלט דיק ווערט דער קלאָץ; ער גיסט זיך מיט זיין אייגע־נעם שאָטען צוזאַמען. אַ גרויע, טיפע שטילקייט וויגט זיך איי־בער׳ן טויטען מאַרק.

דאָס שטעדטעל שלאָפט; טיר און טויער געשלאָסען.

זעלטען רוישט דורך דער לופט אַ פלעדערמויז; אַז אומגליק־ליכע פלעדערמויז אין אַ שטעדטעל, וואו די ווייבער האָבען קיין האָר נישט! פון ערגעץ אַ הינטער גאַס בלעקט פון צייט צו צייט

א קעלבעל, גלייך עס וואלט זיך געקלאגט אויפ'ן לעבען, וואס עס איז צו קורץ און ווערט נאך פאר דער צייט איבערגעריסען מיט געוואלד. פון צייט צו צייט לאזט זיך הערען א הונט פון דער קריסטליכער פארשטאדט. וואס קאן די לבנה נישט ליידען; וואס ריהרט זי זיך אין דער שטילער נאכט? — — —

ווייטער איז שטיל, די ארעמע קליינע וועלט האט קוים איינגעוויגט איהרע קליינע — ווען אויך געגוג טיפע — שמערצען, האפנונגען און פארלאנגען, ווי אויך איהר קליינעם יצר־הרע...

---

שטיל און טרויעריג ליגט דער קלאץ אינמיטען מארק; שטיל און טרויעריג שווימט איבער איהם אין הימעל א פוילע געלע לבנה.

וואס ביסט דו לבנה אזוי געל? וואס איז אזוי קרענקליך דיין פנים? פון דיר שניידט מען דאך קיין צאהן־שטעכער, קיין עדות צו נעגעל, קיין קיהנדלעך? צי האסט דו מיטלייד מיט'ן אידישען קעלבעל פון הינטערגאס? צי שרעקט דיך דער הונט פון דער קריסטליכער פארשטאדט?

און פיליייכט ביסט דו גאר אונז ארעמע מענשען מקנא, וויל, ווי עס איז, האבען מיר א נאכט צום שלאפען?

קראנקע לבנה! — נישט אלע שלאפען.

דא און דארט שפארט זיך ארויס אביסעל ליכט דורך א שפארע פון א לאדען; ארום מאנכע ציטערען דין־שטראליגע, רויטליך־בלויע מגן־דוד'ס...

דא איז זיך א שניידער, צי א שוסטער, און אפשר א טלתים־וועבער, ביי דער ארבייט פארזעסען, אז ארעמע געהטאריז פינטעלט מיט די רויטע אויגען און געהט, און שטעפט...

דארט שטעהט אויף א דערשראקענע מוטער צום קראנקען קינד...

ערגעץ אנדערש איז א ווינקעלע, ביי א גראשענדיגען חלב'ן ליכטעל, צעהלט אוים א בעטלער זיין צוזאמענגעמאכט פארמעגען.

איינ'ם גרייסען, ווייסען הויז ליגט א קראנקע; זרח שענקער'ס ווייב. גאה בארעכטען א וועלט: א יונג ווייבעל, אן אלטער מאן; געהט ער ארום א געזונטער און זי ליגט איבעראנאנד!

שטארבט זי אוועק, עס ברענט א קאגאניק, עס זיצט א חברה־מאן... זרח געהט אהין און צוריק פארטראכט און רייסט זיך איינ־ציגע האר פון דער ווייסער באָרד:

„ער האט זי באַלד נישט געוואַלט! וואָס האט איהם געטויגט אזא בלאסע, אזא ווייסע... מען האט זי איהם איינגערעדט; איינ־גערעדט האט מען זי איהם... ער האט יענע געוואַלט, און יענער להכעים האט ער מיט דער חתונה געהאט...

עס לייכט זיך אויך ביים דיין אין פענסטער. ער זיצט און לערנט, און אפשר קלערט ער שוין וועגען א הספד; זרח איז א גביר און אן איד א למדן: אשת חבר כחבר...

---

וואו עס איז פינסטער, שלאפען אויך ניט אלע...

קעגענאיבער דעם גרויסען ווייסען הויז שטעהט אן איינגע־פאלענע, פארפינסטערטע שטוב מיט אויסגעבויגענע ווענט. די לא־דען הענגען קרום אראפ און פארמאכען שוין לאנג נישט די פענס־טער. אין שטוב, ביי דער בלאסער שיין פון דער לבנה, ציטערען ווי בלוטיגע פלעקען די קישען אהן ציכלעך אויף צוויי שטענדיג זיפצענדיגע בעטען...

אן אלטער איינגעשרומפענער וויבער־קאפ מיט אויסגעלא־שענע אויגען הויבט זיך אויף און רופט צום צווייטען בעט:

— טויבע, הערסט?

עס קומט פון צווייטען בעט קיין ענטפער, עס הערט זיך פון דאָרט קיין אָטעם נישט. די אלטע לאזט זיך נישט נארען. זי ווייס, אז טויבע שלאפט נישט, אז זי קאן נישט שלאפען... עס לאזט זי נישט שלאפען...

— טויבע! — רופט די אלטע הארמער.

— וואס ווילסט דו, מאמע? — הערט זיך פון צווייטען בעט אן אפגעריסענער קול, אנגעזאפט מיט טרערען, — וועסט מיר די קינדער וועקען!

די אלטע שווייגט א רגע. אין דער שטילקייט הערט זי, ווי טויבע דרעהט זיך איבער אין בעט און פארגראבט דאס פנים אין קישען.

— הערסט, טויבע! — מאכט די אלטע נאך א ווײלע — דײן מאנדעל וועט הײנט־מארגען אוועק... ער האט שוין דעם טלית־זאק פארפאקט... אן עגונה וויל ער דיך לאזען, אן עגונה! ער האט דען יהדות? ער האט דען א אידיש הארץ?... ער וועט דיר קײן גט נישט לאזען!

פון צווײטען בעט הערט זיך א פארשטיקט געווײן.

די אלטע מרוטשעט פאר זיך:

— טאטע־מאמע נישט געפאלגט... געפוצטע שטיוועלעך גע־וואלט... זרח — א שמאלץ־גרוב — נישט! געפוצטע שטיוועלעך! דעם אלטען אין קבר ארײן געפיהרט... גאט שווײגט נישט, גאט צאהלט... רבונו־של־עולם....

טויבע שפרינגט ארויס, ווי אן אונטערגעשאסענער פויגעל, פון בעט, כאפט אויף זיך א קלײד מיט א שאל און לויפט ארויס פון שטוב.

— און יענע שטארבט, — מרוטשעט ווײטער די אלטע און לעגט דעם ציטערדיגען קאפ צוריק אויפ'ן רויטליך־שווארצען קי־שען — וואלט ער איהר א גט געלאזט, וואלט אפשר נאך צוריק זווג געווען...

---

טויבע זעצט זיך אויפ'ן קלאץ. די בארוועסע פיס צופלי־סען זיך אין זאמד, די גרויע שאל מיט'ן גרויען קלײד אין דער גרויער לבנה־נאכט... עס זעהט זיך נאר איהר בלאסער פנים מיט די ברענענדיגע אויגען. וואס קאנען זיך נישט אפרײסען פון גרוי־סען, ווײסען הויז, פון ציטעריגען ליכט, וואס רײסט זיך ארויס דורך דער שפארע פון די גרינע לאדען...

— שטארבען — טראכט טויבע — אין נאך גארנישט!

נאר זי דערשרעקט זיך פאר איהרע אײגענע ווערטער; זי זאל עס גארנישט האבען ארויסגעזאגט אין א בײזער שעה!

— לעב, לעב, מירעלע! ליספעלט זי מיט ציטעריגע ליפען. זאל דיר גאט דײן לעבען באנײען... הונדערט און צוואנציג יאהר זאלסט דו לעבען...

דאס געבעט רײסט זיך אפ פון זיך אלײן. טרויעריג־פינס־טערע געדאנקען באהערשען זי. נאך בײטאג האט זי געהערט, אז

דער דאָקטאָר האָט אָפּגעטראָטען פון מירל'ס בעט, אַז אַלע מבינים האָבען אָװעקגעמאַכט מיט דער האַנט...

„איין גאָט קאָן העלפען." האָט מען געזאָגט, און טויבע'ס האַרץ ציטערט, צי װיל נישט גאָט אויספיהרען זײנס... צי איז זי מיט זרח'ן קײן זװוג נישט געװען...

ע ר (איהר מאַן) מוז אװעק. עס איז שוין נישטאָ פון װאַנען צו לעבען... אַמעריקא ציהט איהם... און יענע — יענע שטאַרבט...

זי בלײבט און זרח בלײבט...

— „נאָר נישט קײן גט, נאָר נישט קײן גט!" — צאַפּעלט אין איהר דאָס האַרץ —

דאָס אַלץ האָט מיר דער קלאָץ דערצעהלט.

# א פאַרשטערטער שבת.

האַלב שבת! א בערגעל מיסט ביי דער טיר — צום ארויס־וואַרפען; די לאַקשען ליגען אפּגעשווענקט אין שיסעל, מען דאַרף זיי נאָר באַגיסען מיט א לעפעל יויך, זיי זאָלען זיך נישט צוזאַמענ־קלעפּען. אויפ'ן טיש איז גרייט בראַנפען אויף קידוש; א קוילעטש מיט א חלה — צום באַדעקען מיט א זיידענעם חלה־טישטיכעל!

זרח, דער יונגער בעל בית'ל, איז שוין אפּגעוואַשען. מיט צוויי פינגער פון יעדער האַנט דריקט ער אויס דאָס וואַסער פון די פּאות. מרים, די יונגע בעל הבית'טע, שטעהט ביי איהם און פוצט איהם צו די קאַפּאָטע.

— א, דו... שלימזל! — שמייכעלט זי צו איהם — אנדערט־האַלבען יאָהר נאָך א חתונה מאַכט מען אַזוי צורעכט מלבושים! זעה! דאָ אויפ'ן לאַץ! זעהסט? א פלעק פון חלב! — זי קראַצט מיט די נעגעל, געהט איבער מיט דער באַרשט.

— גענוג שוין — בעט זיך זרח — די הענט וועלען דיר וועה טון! דו קאַנסט דאָך שוין קוים דעם אָטעם כאַפּען. לאָז שוין אָפּ!

— אַוואַ! גלייכער, זיי זאָלען אביסעל וועה טון, איידער מען זאָל זאָגען אין בית־המדרש, אז דו האָסט א ווייב — א שמאַדער, וואָס פוצט דיר אפילו די שבת'דיגע קאַפּאָטע נישט אָפּ!

זי געפינט נאָך א פלעק, בויגט זיך נאָך אַמאָל איין און פוצט. דאָס בלאַסע פּנים רויטעלט זיך, די אויגען בליצען, און שווער ווערט איהר דער אָטעם, — איהרס האָט זי דאָך אויסגע־פיהרט... זרח קושט זי אויפ'ן קאָפּ.

— וואָס געפעלט עס דיר אַזוי? — רייסט זיך מרים אויס מיט א געלעכטער — די האָר־באַנד?

— שעם דיך כאָטש פאַר דער מאַמען — האָט זי צוגענג־בען שטיל.

די האָר־באַנד, וואס זי טראָגט אויפ'ן קאָפּ, און די מוטער, וואס שטעהט אצינד איבערגעדרעהט צום ספרים־שענקעל און זוכט, מכלומר'שט, דעם טייטש־חומש — זענען איהר צוויי שטיי־נער אויפ'ן הארץ.

פאר דער חתונה האט מרים געהאט א פּאר דיקע, לאנגע צעפּ פון בלאנד־זיידענע האר. אלע מיידלעך האבען איהר די צעפּ מקנא געווען. אז זי פלעגט דורכגעהן דעם מארק, פלעגען מענשען טראכטען: אט, דער יצר־הרע געהט. זרח — דאמאלט שוין איהר חתן — פלעגט ציטערען פאר פרייד, אז ער האט אמאל באקומען איהרם א צאפּ אין דער האנט אריין; נאר אימשטיינס געזאגט. ווען איז עס איהם געראטען? א קנאפּ יאהר זענען זיי געווען חתן־כלה... געזעהן האבען זיי זיך אבער קוים עטליכע מאל... איינ־מאל שבועות ביינאכט (הושענא־רבא האט מרים מורא געהאט פאר'ן יום־הדין); איינמאל האבען זיי זיך ארויסגענארט שמחת־תורה פון הקפות; נאך אמאל האבען זיי זיך געטראפען חול־המועד־פסח אויפ'ן שפאציר הינטער דער שטאדט... און דאמאלט טאקע האט מען זיי „געכאפּט"! עס איז געווארען א גערודער, א גע־שרייעריי. דער רב האט געשיקט רופען די עלטערען; געזאגט זיי, אז ער גלויבט באמונה שלמה, אז עס זענען עהרליכע קינדער, פונדעסטוועגען איז זיין עצה, מען זאל באלד שטעלען א חופה...

מרים'ס מוטער — די „לאנגע סערעל" — האט קיין צייט נישט געהאט צו מאכען אלע איינשיטען. זרח'ס פאטער, דער שטרי־קענמאכער, האט נאך נישט געהאט דעם גאנצען נדן; א חופה האט מען דאך געשטעלט! און פאר דער חופה האט מען אפּגעשווירען די בלאנד־זיידענע האר!

מרים האט געוויינט מיט ביטערע טרערען —

זיצענדיג צווישען די בחורים, האט זרח, — אזוי דערצעהלט ער, — דערפיהלט, ווען מען האט זיך גענומען צו די צעפּ. עס האט איהם א שניט געטאן אין הארץ! ביי דער גילדענער יויך, האבען זיי ביידע אויסגעזעהן, ווי „עס וואלט זיי אונטערגעגאנגען א שיף מיט זויער־מילך".

אָך, די האר־באנד, די האר־באנד!

די האר וואלטען צוריק געוואקסען, מען זאל זיי נישט דאר־פען אלע מאל אונטערשערען! זרח זאגט אפילו, אז עס זענען פּא־

ראז אזוינע שטערט, וואו אידישע טעכטער טראגען שייטלען, טייל אפילו — אייגענע האר; ווייסט מען דאך, אז ער איז א שטיק אפיקורס, דער זרח. ווען גאט זאל איהם העלפען — זאגט ער — ער זאל געווינען אויף דער לאטעריע (פון סוחר'עריי נתעשר צו ווערען, איז שלא כדרך הטבע), וואלט ער איבערגעלאזט דער שוויגער א פאר טויזענטער, און ער מיט מרים־לעבען וואלטען אוועק אין איינע פון די גרויסע שטעדט!...

מרים אבער וויל נישט הערען און גערענקען! זי בעט זיך רחמים ביי זרח'ן, ער זאל נישט רעדען דערפון; זי קושט איהם און האלזט איהם, ער זאל בעסער שווייגען.

ערשטענס — ווי לאזט מען עס איבער אליין א מאמען; טאקע מיט געלט, נאר טאמער ווערט זי, חס ושלום, קראנק... א מענש אין די יאהרען... ווער וועט איהר דערלאנגען א לעפעל ווארעם וואסער? צווייטענס — האט מרים־לעב אליין מורא פאר דער עברה! עס זענען טאקע דא אזוינע שטעדט; אז זרח זאגט, איז אודאי אמת, זי גלויבט. — נאר א קשיא אויף א מעשה! סדום ועמורה פון טייטש־חומש זענען אויך שטעדט געווען, מיט נאך ערגערע מנהגים: אייזערנע בעטלעך פאר אורחים... יתומים האט מען אויסגעשמירט מיט האניג... נו, כהיום! און ווער ווייס, אויב מארגען וועט נישט דער אויבערשטער ארא פשיקען זיינע מלאכים, זיך אז עצה האלטען, און אין איין רגע איבערקעהרען די הייגטיגע סדום ועמורה'ס?

זי ווייס, אז גאט, ברוך הוא, איז אן ארך אפים; ער ווארט אודאי... אפשר וועלען זיי תשובה טון!...

— נו, הכלל — זאגט מרים — דארפען מיר זיך ארייגלעגען אין קראנקען בעט?

— ניין, זרח — זאגט זי — איך וויל נישט... אז מען זאגט, מען טאר נישט, טאר מען נישט...

פון דער מוטער האט זי נאך מעהר צרות.

די לאנגע סערעל האט ליעב די טאכטער מעהר ווי צעהן מורטערס צוזאמען; קיין שלעכטווארט וועט זי איהר נישט זאגען. — נאר זייט מען האט „געכאפט די חתן־כלה“, האט זי אויף זיי שטענדיג אן אויג... היט זי זיי אפ!

— דו ביסט — זאגט זי צו מרים'ען — א פרומע נשמה. נאר א ווייך הארץ האסט דו; און געגען דעם יצר־הרע מוז מען האבען אן אייזערנע גבורה. א מענש מוז זיך שטעלען ווי א לייב. ווייל דער יצר־הרע איז ערגער ווי א שלאנג!

און זי האט זיך גענומען צו דער גוטער. נאר שוואכער טאכ־טער, צו דער פרומער. נאר שוואכער נשמה. זי אונטערצוגארטלען געגען יצר־הרע! און נאך יעדען אונטערגארטלען בלייבט מרים אויס מענש! עס טוט איהר וועה דאס הארץ; ביינאכט שרעקען זי אלערליי חלומות...

קוים געהט זרח ארויס פון שטוב, הויבט זיך אן דאס מוסר־זאגען.

סערעל איז א מושלמת, לייענט עברי־טייטש ווי א וואסער; קאן דעם טייטש־חומש מיט'ן קו־הישר, מיט'ן ראשית־חכמה און נאך עטליכע אזוינע ספרים, כמעט אויסענווענדיג; אין גיהנום איז זי קלאר; זי איז אין יעדען ווינקעלע ווי אין דער היים! זי ווייס. וואו מען קאכט אין הייסער סמאלע, וואו מען ברענט מיט שוואר־צען פייער, און שדים בראטען די נשמות, ווי הינדלעך אויף דער שפיז! זי איז קלאר אינגאנצען שלחן־ערוך פון יענער וועלט: פארוואס מען הענגט אויף דער צונג, מען ווארפט צווישען הימעל און ערד, און אדלער און קראהען רייסען אויס שטיקער פלייש; פארוואס מען לויפט ארום אין וועלדער, און ווילדע חיות בייסען די פיענטעס. פארוואס מען שינדט אפ די הויט. מען וויקעלט איין אין שטעכעדיגע דערנער... און מען הייסט נאך שעפען וואסער מיט א קאן אהן א דנא. איין גליק איז נאר. וואס גאט איז פול בארמ־הארציגקייט! ער וויל נישט מעהר, נאר מען זאל תשובה טהון... און מרים הערט דאס אלץ אויס מיט הארצקלאפען, מיט ציטערדיגע ליפען, און א פנים ווי קרייד.

זי שרעקט זיך... זי ווייס, אז א מענש איז זינדיג... ערגער איז אין די טעג, ווען אן אשה איז פול מיט שדים. ווען ארום איהר טאנצען רוחות רעות... ווען אן אשה טאר נישט קוקען אין שפי־געל אריין, פון איהרע בליקען זאלען קיין פלעקען נישט ווערען! איהר הויט איז דאך דאמאלט מיט טומאה, די קליידער — באשיט מיט דיבוקים, מיט פיפערנאטערס! ווי געציטערט האט זי דאמאלט פאר זרח'ן...

און נאך איידער עס האט זיך עפּעס אנגעהויבען, האט שוין די מאמע מורא געהאט, וואס אמאל געפרעגט: טאכטערשי, אפשר שוין? אפשר האלסט דו עס בסוד, אפשר ווילסט דו דיך פארזינדיגען די יונגע יאהר?... זעה, קוק נאך אמאל, טאמער פארט! אפשר האסט דו נישט גוט אכטונג געגעבען!

— מאמעשי — פרעגט אמאל מרים — פארוואס האלט עס זרח אזוי פאר גרינג? ער לאכט אפילו, אז איך ווארף איהם די שליסעלעך!

— אז עולה, א גרויסע זינד! — זאגט די מאמע, — נאר א מאנספערשוין איז שוין בטבע אזוי... אימשטיינס־געזאגט, זיי ווייסען דען... און וואס האט אזוינער מורא? ער כאפט אמאל אריין א פרק משניות, ווערען איהם זעקס בלאט חטאים אויסגעמעקט פון בוך! און ווען איז זייער יום־הדין? איין מאל אין יאהר — ימים נוראים... אבער אן אשה, נעבעך, א „שעשני כרצונו", דאס איז ווי אינדיטשקעס! א ליאדע וואס, איז אויף זיי, רחמנא לצלן, א פּגירה! היינט זעה, בשעת'ן טראגען, בשעת'ן האבען — דאמאלט הענגט דאך יא די נשמה אויף א האר! סאמע ימים נוראים! און וואס, אימשטיינס געזאגט, זאל אונז מציל זיין? דער טייטשחומש?!... א קאטאוועס, א מענש אהן ציצית... אינגאנצען דריי מצוות: חלה, נדה, הדלקת הנר... מיט חלה איז נאך נישט אזוי געפעהרליך! מען קאן נאך יוצא זיין! הדלקת הנר אויך... פרייטאג, צוועלפען, מאכט מען שבת... אבער יענעס... עס איז זיך דען גאר צו דערהיטען?

— אז דיין אויג, זאגט זי — קוקט אויף דעם אייגענעם ארט, וואו זיין אויג; אז דיין הויך טרעפט זיך צוזאמען מיט זיין אטעם, — שוין! לילית כאפט דאס שוין אויף. זי קריגט שוין שליטה, זי פליהט ארויף גלייך צום כסא הכבוד, מיט'ן הויך, מיט'ן בליק, מאכט דערפון אן עסק! באלד הויבען אן שטארבען יולדות... קליינע קינדער...

און מרים האט זיך געפיהלט זינדיג פאר גאט פאר א סך אזוינע „בליקען" מיט „הויבען"... נאך אזא הויך אדער אזא בליק, האט זי נעבעך נישט געשלאפען פאר פחד, איהר נשמה זאל נישט ארויפפליהען און אליין אנשרייבען אין בוך!...

איינמאל איז געקומען אין שטעדטעל אריין דער אקרושנאי

סוד. מען איז געלאָפען אויף זיין וואונדער. מרים איז איינמאל אויך געגאַנגען זעהן; עס איז געוועזען באַלד נאָך דער חתונה — גלוסטען זיך אַזוינע זאַכען. האָט זי געזעהן דריי סודיאָס, א פּראָ־קוראָר, א סעקרעטאַר און איינעם, וואָס מען האָט גע'משפּט... איז וואָס עס געהט האָט זי נישט פאַרשטאַנען, נאָר דערנאָך, אַז מען האָט אויסגערופען: קאַטאָרגע, האָט זיך דער פאַר'משפּט'ער א וואָרף געטאָן אויף דער ערד, גלייך א דונער האָט איהם דער־שלאָגען... פון דאַמאָלט אָן האָט זי נאָך מעהר פּחד פאַר'ן בית־דין של מעלה! דאָ האָט זיך דער פּראָקוראָר אַביסעל געאיקעט; דאָרט וועט רעדען דער שטן! מיט שוואַרץ־פייער וועט ער שיטען, קאָכענדיגער פּעך וועט זיך איהם גיסען פון מויל... און וואָס, קאַ־טאָרגע? דאָרט רופט מען אויס: כף הקלע, בראָטען הייסט מען און ברענען!

„ווי וועט עס דאַמאָלט חלש'ען די נשמה!" טראַכט מרים. און עס ווערט איהר קאַלט אין אַלע אברים, אין האַרץ הויבט אָן צו שטעכען ווי מיט נאָדלען!

פון דעם אַלעם ווייסט נישט זרח. אַז ער איז דאָ אין שטוב, שווייגט די מוטער. דאַמאָלט איז מרים לוסטיג און פרעהליך. גאָר אַן אַנדער מענש...

ווען אָבער איז ער אין שטוב? פרייטאָג פאַרנאַכט, שבת... א גאַנצע וואָך האָט ער דאָך זיין מסחר! מוז ער דאָך זיין אין גאַס...

ביינאַכט האָט מען אויך נישט קיין רוה... די לאַנגע סערעל שלאָפט נישט האַלבע נעכט; קריכט אַרום, געהט אויף און אָפּ. לייענט אויך די לאַנגע קריאת־שמע מיט'ן גאַנצען על חטא...

זרח קריצט טיילמאל מיט די ציין; דאָך מוז ער שווייגען. ער האָט אַמאָל דער שוויגער א שלעכט וואָרט געזאָגט, האָט זיך מרים די אויגען אויסגעוויינט! מעהר וועט ער די נאַרישקייט נישט טון... די ציין קריצען, נאָר שווייגען מוז מען.

פון דער שוויגערס מוסר־זאָגען האָט ער גאַרנישט געוואוסט; ער זעהט, אַז מרים ווערט וואָס אַמאָל שוואַכער, בלאַסער, אַז זי כאַפּט זיך וואָס אַמאָל אָפטער אָן ביי דער ברוסט, אָטעם פאַר־פעהלט איהר... און ער שמייכעלט! ער האַפּט אויף נחת!... טייל־מאָל פאַלט איהם איין, אַז מען וואָלט געדאַרפט אפשר רופען א דאָקטאָר. ער טוט עס דאָך נישט, און ברענגט עס נישט איבער די

ליפּען, פאַר מורא, ער זאָל זי נישט איבערשרעקען זייט אַ קורצע צייט שרעקט זי זיך אַלץ אײנאײנעם. נאַכט אויף נאַכט שרעקט זי זיך. אַ קאַץ לאָזט זיך הערען פון דאַך, אַ הונט גיט אַ ביל אין גאַס, עמיץ קלאַפּט ערגעץ אין אַ טיר... אַ ליאַדע שאָרך שרעקט זי, זי לאָזט אַרויס אַ געשריי און בלייבט ליגען פאַרציטערט. האַלב פאַר'חלש'ט... ברענג איהר אַ דאָקטאָר, פאַלט זי באמת, חס ושלום, אַריין אין אַ קרענק.

אָפּט מאַכט זיך דערפון אַ שמועס.

— וואָס איז דיר, מרים'לעב? וואָס פעהלט דיר?

— מיר, — ענטפערט מרים מיט אַ בלאַסען שמייכעל אויף די ליפּען — מיר? אַז דו ביסט נאָר דאָ אין שטוב, איז מיר וואויל ווי די וועלט! מען זאָל אונז נאָר קיין עין־הרע נישט געבען!

זי ציטערט פאַר אַן עין־הרע; מען האָט איהר דען נישט מיט וואָס מקנא צו זיין! אַז זרח דרימעלט איין שבת נאָכ'ן עסען, געהט זי גאַנץ אָפּט שטילערהייט צו און בלאָזט אויף איהם; עס איז זומער, דאָס פענסטער איז אָפען, אַ קשיא אויף אַ מעשה? עמיץ געהט דורך און וואַרפט אַריין אַן עין־הרע! עס דאַכט זיך איהר. אַז מען מוז איהר מקנא זיין, אַז עס איז קיין שענערער, קיין באַ־שמעקטערער מענש אויף דער וועלט נישטאָ! קרוין פוילען אויס־צופאָהרען!

„ווער שמועסט, טראַכט זי, ער זאָל נאָך זיין אָפּגעהיט אין יענע זאַכען! אַביסעל מעהר אָפּגעהיט!... נאָר, ווייטער דאָס איי־גענע, ער איז דאָך, ווי די מוטער זאָגט, אַ מאַנספּאַרשוין, ער האָט גאַנצע תרי"ג מצוות... איז דאָס ביי איהם גאָר קיין יחוס נישט"...

זרח מיינט, אַז עס מוז איהר פאַרט עפּעס זיין, נאָר זי ליי־קענט שטיין און ביין: „וואָלט ער נאָר אין דערהיים געוועזען... שטענדיג אין דערהיים"...

ער הערט און שמייכעלט; די אמת'ע כונה פון די רייד פאַר־שטעהט ער אבער נישט; און זי וועט קיינמאָל נישט פאַר'מסר'ן די מאַכיען. ער וועט קיינמאָל נישט וויסען, וואָס זי ליידט, ווען ער איז נישטאָ...

אַצינד אבער פאַלט צו שבת... אַצינד מעג זרח געהן... זאָל ער געהן דאַוונען... שבת האָט זי פאַר דער מוטער קיין מורא נישט;

שבת זאָגט זי קיין מוסר נישט... שבת „איז די מאַמע אַ וואוילע מאַמע!"

— מרים׳לעב — מאַכט זי צו איהר, אַז זרח איז אַרויסגע־גאַנגען — היינט איז שבת, פּוץ דיך אָפּ, טו דיר אָן אַ קליידעל... אַז דיין מאַן וועט נאָכ׳ן דאַווענען קומען מיט די מלאכים אין שטוב אַריין, זאָלסט דו איהם אַקעגען לויפען מיט אַלעם גוטען. פאַר דעם וועסט דו זוכה זיין...

— ...אַ גראַבען קוש פון זרח׳ן — ענדיגט מרים מיט אַ גע־לעכטער.

דער מוטער געפעלט אפילו נישט דער אויפפיהר, עס איז דאָך אָבער שבת, שבת־לעב, און זי וועט קיין בייז וואָרט נישט רעדען. זי נעמט זיך צום טייטש־חומש, טוט אָן אַ פּאָר גרויסע ברילען, און לייענט.

מרים הערט זיך איין. אָפט הערט זי מיט׳ן גאַנצען האַרץ. טייל מעשיות געפעלען איהר זעהר. זי צולאַכט זיך, אַז עס קלינגט ווי אַ זילבערען גלעקעל, ווען דאָס אינגעל אברהם, וואָס האָט צו־האַקט דעם אַלטען תרח׳ס שטיינערנע געטער, זאָגט דעם אַלטען: אַז דאָס האָט דער גרעסטער פון זיי געכאַפּט דעם האַמער און צוהאַקט אַלע קליינע; דאָס האַרץ ציטערט איהר פאַר שרעק, יצחק זאָל נישט דערקענען, אַז דאָס „מאַלצייט" דערלאַנגט איהם יעקב, נישט עשו; טרערען קומען איהר אין די אויגען אַריין, ווען יעקב טרעפט זיך מיט רחל׳ען ביי דעם ברונען; לבן׳ען איז זי אַ שונא אויפ׳ן לעבען, פאַרוואָס ער האָט יעקב׳ן גענאַרט... ווען עמיץ, למשל, נאַרט אַזוי אָפּ זרח׳ן... בררר! עס ווערט איהר קאַלט אין אַלע אברים. פאַר דאָס, שפּעטער, אַז יעקב קריגט ביידע: אי לאה׳ן, אי רחל׳ן, ווערט זי רוהיגער; זי ווייסט דאָך, אַז עס איז געווען פאַר׳ן חרם דרבנו גרשום...

היינט געהט די סדרה תרומה; מען ברענגט דאָס און יענעס צום משכן... דאָס אינטערעסירט זי וועניגער... זי איז מיד און שלעפעריג.

דאָס קעפּעל צוואַויגט זיך, די ברעמען פאַלען צו, זי דריי־מעלט איין... אַ גוטער, חנ׳עוודיגער שמייכעל, באַווייזט זיך איהר אויפ׳ן בלאַסען פּנים... עס הויבט זיך אָן צו רויטלען... נאָר עס וועקט זי דער מוטערס שטימע:

— מרים!

— וואס, מאַמעשי, איך הער...

— נישט דאס מיין איך...

— וואס דען, מאמעשי?

— לויט מיין רעכנונג איז היינט... פארשטעהסט, טאכטער־שי, איז היינט די צייט...

— נאך נישט, מאמעשי!

— גיב נאר אכטונג, טאכטער!

מרים דרימעלט ווייטער איין; די זעלבע זילבערנע שיסעל מיט די זילבערנע לעפעל, און די מוטער וועקט זי ווייטער.

— זיכער — נאך נישט?

ליידער איז שוין געוועזען „שוין"...

— א שאד! — מאכט סערעל, — א פארשטערטער שבת.

זי זיפצט אפּ און פארטיפט זיך צוריק אין טייטש־חומש... ווייטער נשיאים, שיסעל, לעפעל... מרים דרימעלט ווייטער איין, נאר דאס פנים רויטעלט זיך נישט, קיין שמייכעל צירט נישט די פיינע ליפען...

אין דער צייט האט זרח אפּגעדאווענט, און כאפּט זיך שטי־לערהייט ארויס פון בית המדרש, עס זאל איהם קיינער נישט פאר־האלטען. ער לויפט איבער די גאס...

אז ער קומט צו דער טיר, שטעלט ער זיך אפּ. ער הערט זיך איין, וואס אין שטוב טוט זיך... די שוויגער לייענט... מרים זיצט אודאי און הערט, שטארק פארנומען, ווי געוועהנליך. ער וויל זי איבערראשען.

שטיל עפענט ער די טיר... די שוויגער הערט נישט, מרים שלאפט.

מיט איין שפרונג איז ער ביי איהר און ער קושט זי ביים „גוט שבת!"...

— פושע באלהי ישראל! — גיט סערעל א געשריי.

עס האט לאנג געדויערט, איידער מען האט די פארציטערטע מרים דערמינטערט.

עס איז געוועזן — א פארשטערטער שבת.

# אַ חלום פון אַ ליטווישען מלמד.

## 1.

### דער ליטוואַק פאַהרט.

קנעלט ביי אַ רייכען ארענדאר אין דאָרף אַ מלמד. צוויי בנים האָט דער ארענדאר געהאַט, זאָלען זיי כאָטש עברי קענען...

און אומישנע גענומען אַ ליטווישען מלמד; גרויסע בריות אויף אויסלערנען עברי...

קיין גרויסע פעולה זעהט מען נאָך נישט. די בנים — ווילדע בראָים, אויסגעקאָכט מיט די שקצים, נישט אָפּצורייסען פון פערד, פון טייך, פון די לאָדאָכים מיט סמעטענע און זויער־מילך... און ־אַ געהט שוין צו פסח, דער מלמד פאַהרט אַהיים...

קיין גרויס נחת האָט דער ארענדאר דערפון נישט, ער וועט מוזען פאַהרען עקסטרא אין נאָהנט שטעדטעל אריין און ברענגען אַן אורח, אַניט איז ביי איהם דער סדר קריעת ים־סוף. שטעלט ער אַליין אויס די מינים, מוז ער זיצען מיט׳ן רוקען צום סדר...

עס איז אָבער קיין תירוץ נישט. פסח, דער יום־טוב פון חירות, ער האָט אויך אַ ווייב און קינדער אין דערהיים, — מוז ער פאַהרען...

דער מלמד אַליין רעדט נישט פון פאַהרען, אַ פאַרטראַגענער למדן! און אפשר שעמט ער זיך. מוז מען פאַר איהם געדענקען, און מאַכען איהם אַ סורפּריז.

און צו דער רעכטער צייט בעט מען אויס אַ פוהר מיט שטרוי. די ארענדארקע פּאַקט אין שטרוי אריין מכל טוב; דער רבי׳צין אויף יום־טוב. אַ פעסעלע קוואַס, אַ פּאָר טעפּלעך שמאַלץ, אַ לע־בעדיגען אינדיק...

— יאנעק, זאגט זי צום שמייסער, — וואס שפאנט איין, — וועסט זיצען מיט די פיס ארויס!

— ראבזשע! — ענטפערט יאנעק; מיט דער ארענדארקע שפארט מען זיך נישט. א אידענע א מזיק. פון איהרס א בליק ווערט ניכטער א שכור'ער פויער, און דערלאנגט זי אין באק, געהט מען א וואך ארומגעבונדען...

— שפאן און פארפאהר!

יאנעק פארפאהרט. די ארענדארקע שטעלט זיך ביי דער טיר. זי ווערט נאכרופען: פאהרט לחיים ושלום! זי האט איהם נישט ליעב, דעם ליטוואק, דעם אויסגעדארטען למדן מיט די ברעמען איבער די אויגען און צושויבערטע בארד מיט פאות, וואס רעדט נישט מיט קיין אשה א ווארט, אבער כבוד התורה. א למדן מוז ער זיין, אלע ליטוואקעס זענען למדנים. און דער ארענדאר געהט אין שטוב אריין צום מלמד, אנזאגען די בשורה.

טרעפט ער איהם אליין איבער דער גמרא... די בנים זענען שוין ערגעץ אין דארף, אין קעלער, צי ביים טייך...

שטעלט זיך דער ארענדאר אפ אין טיר:

— רבי, געשפאנט...

ענטפערט נישט, דער ליטוואק.

פארטייטש ער איהם:

— פאר אייך... א פוהר. אהיים צו פאהרען אויף יום־טוב.

— איך פאהר נישט! — ענטפערט איהם יענער, נישט אפ־רייסענדיג קיין אויג פון דער גמרא...

— וואס רעדט איהר, רבי?

נבהל ונשתומם ווערט דער ארענדאר: ווי הייסט איהר פאהרט נישט? איז דאך יעדער ליטוואק א כעסן, בפרט א תלמיד־חכם. בריהט ער איהם אפ מיט דבורים:

— עם הארץ, בטול תורה!

לויפט ער ארויס, דער ארענדאר, דערצעהלט דער פלונית'טע אזוי און אזוי...

„א ליטוואק, פאר א בלאט גמרא איז ער גע'פועל'ט, איך ווייס וואס"...

— און אפשר גלייכער, צוניץ קומען, — זאגט ער, — ביים סדר.

די ארענדארקע הייסט אויסשפאנען, אויספאקען... דרך־ארץ פאר'ן למדן האט זי. אבער דאך אז אשה, טוט איהר דאס הארץ וועה אויף יענער אשה, וואס וועט מוזען געהן הערען קידוש צו א פרעמדען סדר... און דער צער פון די קינדערלעך.

פארפאלען! נאר פאהרען, טראכט זי, וועט ער שוין. אויב נישט שבועות, א צו קורצער יום טוב, אויף סוכות. זי וועט איהם ארויסטרייבען מיט א קאטשערע!

וכך הוה.

פאר סוכות פאקט מען וויטער אז א וואגען. יאנעק שפאנט איין, פארפאהרט מיט'ן קנאק, און ארייגעהן אנזאגען, געהט שוין די ארענדארקע.

איהר זאגט מען נישט אפ.

ער זיצט ווייטער ביי דער גמרא, און זי שטעלט זיך אין טיר און גיט א זאג:

— רבי, איהר פאהרט אהיים!

גיט ער א ציטער, נאר רייסט זיך נישט אפ פון לערנען.

מאכט זי א שפרייז אין שטוב אריין, פרעגענדיג:

— איהר פאהרט צי ניין?

שטעלט ער זיך אויף, פארמאכט די גמרא און געהט.

זי מרעט איהם אפ פון וועג, און אז ער קומט צו דער טיר. רופט זי איהם נאך, שוין ווייכער:

— נעמט מיט די גמרא... שעהן אין דרויסען, פוילישער יע־שען... זיצט אייך אויך אויפ'ן געזעס און לערענט.

שפרייזט ער צוריק, נעמט די גמרא, געהט ארויס צו דער פוהר, דער ארענדאר זעצט איהם אויף.

יאנעק גיט א קנאק מיט'ן בייטשעל, די פערד ריהרען. דער ארענדאר מיט דער ארענדארקע רופען נאך:

— פאהרט לחיים ולשלום...

דער ליטוואק ענטפערט נישט... ער לערענט שוין...

און די פוהר ווערט נעלם אין וואלד.

2.

**אין וואַלד.** דער ליטוואַק און די קרעטשמערקע.

איז טאָקע תּורה די בעסטע סחורה און די בעסטע שמירה...
אָבער משנה מנהג זיין, נישט אהיים פאָהרען אויף פּסח צו ווייב און קינד, פאַרשטערען זיי אַזאַ יום־טוב, איז נישט קיין קליינינג־קייט...

פאָהרט מען אַזוי אין וואַלד. אַן אַלטער וואַלד... בוימער ווי די ריזען, שטעקען פון דער ערד אַרויס און קניען קאַפּויר. דאָס פוהרעל וואַרפט זיך איבער די נאַקעטע וואָרצלען. אין מערב לאָזט זיך אַראָפּ אַ פלאַם! די שטאַמען, ווי אונטער גרין־סאַמעטענע חופּות, פלאַמען אין גאָלד. אויף דער ערד וואַלגערען זיך אַרום, ציטערען און פלאַטערען ליכטיגע רעדלעך, ווי די זילבערנע מטבעות... הערט זיך אַ פויגעל, אַ צווייטער... יאַנעק פייפט אַ גוי'יש ליעדעל... דער ליטוואַק הערט נישט, אין דער סוגיא פאַר־טיפט. נאָר אָט, דאָס פוהרעל איז אַרויף אויף אַ צווייג, שפּרינגט אונטער, דער ליטוואַק, גיט אַ קליינעם פליה אין דער הויך, און— דערזעהט דעם וואַלד. און דערזעהט אַ בוים, אַן אַלטען, אַ גאָלדע־נעם, פאַרגעסט ער אַן דער גמרא, וואָס גליטשט זיך איהם פון שויס אַראָפּ, און רופט אויס:

— מה נאה אילן זה!

און ער דערמאָנט זיך, וואָס די אָרענדאַרקע האָט געזאָגט: „פּוילישער יעשען!"

— אָה, דאָס איז — ציטערען איהם די ליפּצען — פּוילישער יעשען... אַ כּשוף! אַ כּשוף!

אינמיטען הערט ער:

— טפּרו—ו!

יאַנעק שטעלט אָפּ די פערד.

פון די בוימער אַרויס קומט אַ פויערטע. אויך אַ פלאַם — אַ רויטע ספּאָדניצע, אַ פאַרפלאַמט פּנים, רויטע בענדער פלאַטערען אַרום קאָפּ...

ער קאָן קיין אויג נישט אָפּרייסען פון דער פלאַם. און יאַנעק, אָפּנים, קען זי...

— וואס געהט עס די קרעטשמערקע צו־פוס? — וואונדערט זיך יאנעק.

א וואונדערליכע זאך, אין דארף — קיין ווארט פויליש נישט פארשטאנען... און ציגד פארשטעהט ער. און עפעס אן אנדער קול האט ער, יאנעק... און זי ענטפערט, און ער פארשטעהט! איז שטארט געוועו, זאגט זי, איינגעקויפט... א ראד צובראכען. דעם וואגען מיט'ן שמייסער ביים קאוואל געלאזט...

— זיצט אויף! — פארבעט יאנעק.

וויל זי צו יאנעק'ן ארויף.

— ניין, ניין, — וועהרט ער איהר — פול אנגעפאקט מיט לאדאכים... זי זעהט דאך, ער אליין זיצט מיט די פיס אין דרויסען... ביים ראבין זאל זי זיך זעצען. א ראבין, אבער נישט־קשה, ער איז אויך א מבין, וואס גוטס איז...

ער לאכט, זי לאזט זיך צוויי מאל נישט זאגען, שפרינגט צום ראבין אויפ'ן געזעס ארויף, ווי א קאץ... יאנעק גיט א פייף, די פערדלעך ריהרען. זי כאפט איהם ארום און רוקט איהם אפ, און מאכט זיך פלאץ. עס ווארפט איהם היץ און קעלט... דאס פוהרעל — וואורצעל אראפ, וואורצעל ארויף, און זי:

— וואס ציטערסט דו אזוי, ראבין?

ביי א שטארקערען טרייסעל גיט זי אויך א ציטער און כאפט איהם אן ביי א האנט.

רייסט ער אוים די האנט, לאכט זי:

— ע, נארישער ראבין!

און עס ווארפט. און קני קלאפט אן קני. ער רוקט זיך ווי ווייט מעגליך אפ; לאכט זי נאך קלינגענדיגער:

— נארישער, נארישער רבי... ווער זעהט דא? ווער ווייסט? וואס? האסט א שענער ווייב אין דערהיים? ווי הייסט זי? שפרינצע? וויפיעל האט זי דיר שוין אנגעקינדעלט, די שפרינצע? א דארע, אן אויסגעמאגערטע מוז זי זיין... און א שלימעזאלניצע. די שפרינצע... פון די הענט פאלט איהר... און שילטען שילט זי...

— פון וואנעט ווייסט זי? פון וואנעט ווייסט זי? — קרעכצט עס אין איהם...

— און דו, — זאגט זי — ביסט נאך א לייט... א פארשויו.... מען דארף דיך נאר אויסגלייכען...

און זי נעמט, און גלייכט איהם די אקסעל אויס, און הויבט דעם קאפּ.

— אט אזוי, ווי א סאסנע! — זאגט זי... נאר די פּאות, די באָרד!

און זי שטעלט זיך אויף קעגען איהם אין דער פוהר, פאר־גלעט איהם די פאות הינטער די אויערען, צוקעמט איהם מיט די פינגער די באָרד...

— און א קוש ווילסט דו?

א מערכה, וואס מען איז ארויס פון וואלד, און תיכף האט זיך באוויזען די קרעטשמע...

— טפּרו—ו—

זי שפּרינגט אראפּ, אז ליטוואק — גלייך זי וואלט פאר־געסען...

— קום, יאנעק, וועסט קריגען א קאפּ!

יאנעק שפּאנט אבער אויס די פערד. ער מוז פריהער צום קאוואל, צוויי פּאדקאווען אין וואלד פארלוירען...

די קרעטשמערקע פארשווינדט, יאנעק רייט אוועק. דער צו־מישטער ליטוואק כאפּט זיך, דערמאנט זיך אז דער גמרא, וואס האט זיך אראפּגעגליטשט... ער הויבט זי אויף, קושט, עפענט אויף דער שוים...

— געלויבט איז ע ר, געלויבט איז ע ר... — שטאמעלט ער...

דער נסיון האט זיך אבער נאך נישט געענדיגט.

די זון איז שוין אינגאנצען ארונטער הינטער'ן וואלד. די פענסטער פון קרעטשמע רויטלען זיך, פלאמען אויף. פון קרעטשמע ארויס הערט זיך גערויש, געזאנג — פויערען טרינקען...

דאס איז ער אבער גיבר, און פארטיפט זיך אין זיין סוגיא... הויבט אבער אן דער הימעל טריפען. א ווארעם זומערדיג רעגענ־דעל טריפט... און די פּויערטע, מיט די הענט ביי די לענדען, בא־ווייזט זיך פאר דער טיר.

— עס רעגענט, ראביו, עס וועט דיר דורכנעצען דעם הייליגען ספר...

ציטערט ער, און גלייך זי וואלט עס באמערקט:

— נישט אין קרעטשמע אריין, — זאגט זי... — נאר איבער דער קרעטשמע, אין א באזונדער שטיבעל אריין...

און דאָס רעגענדעל שטאַרקט זיך.

און אַ שטיבעל האָט זי „אַ שטילס, פאַר סוחרים, פאַר פּריצים... דאָרט קומט נישט קיין קול פון קרעטשמע אַרויף...“ און „דער קאוואל איז אודאי נישט אין דערהיים... סיי ווי סיי וועט עס דויערען ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין“... „זיי קיין נאַר נישט, ראַבין!“

און דאָס ערגסטע פאַר אַ ליטוואַק איז צו זיין אַ נאַר... און פון רעגענדעל איז שוין רעגען, די גמרא־בלעטער פּיטש־נאַס... קריכט ער אַראָפּ, ווייזט זי איהם די טרעפּלעך צום שטיבעל אַרויף... גערט ער אַרויף, קומט אַריין: אַ טיש, אַ שטול, אַ בעט... און אַ ליכט אָנגעגרייט...

אוי, ווען ער האָט אַזאַ שטוב צום לערנען...

עובר געווען אויף „לא תחמוד“!

און דערווייל כאַפּט איהם אָן אַ ווילדער חשק צום לערנען אין שטוב. און ער זעצט זיך, און צינדט אָן דאָס ליכט און עפענט די גמרא... און לערענט, אַ שעה, צוויי און מעהר, ביז דאָס ליכט געהט אויס, און ער לעגט זיך אויפ׳ן בעט, און שלאָפט איין...

איז אַ סברא, אַז ער האָט נאָך פאַר מידקייט פאַרגעסען קריאת שמע צו לייענען.

אין דערפריה ריהרט איהם די פויערטע ביי די אַקסעל און וועקט איהם אויף:

— יאַנעק׳ן מיט דער פוהר האָב איך, — זאָגט זי, — אַהיים געשיקט...

— וואָס? וואָס? — שטאַמעלט ער אין שרעק.

— דו וועסט דאָ — זאָגט זי — זיצען און לערנען... ס׳וועט דיר קיינער נישט שטערען, אַ באַזונדער חדר... ס׳וועט דיר גוט זיין, וועסט זעהן!

זיין שרעק וואַקסט...

לאַכט זי:

— וואָס שרעקסט דו זיך?

— כ׳וויל דיך נישט מאַנס זיין. חלילה... און אַז מען וועט זינדיגען אמאל, האָסט דו דאָך דעם זכות פון דיין הייליגער תורה... ס׳וועט מכפר זיין...

און זי שמייכעלט, און גלעט איהם איבער'ן פנים:

— און כשר'ם וועסט דו עסען... מיליכדיגס... ברויט — פון שטאָדט... דו זיץ דיר און לערען... זיץ און לערען... קיינער וועט דאָ נישט ארויפקומען, קיינער וועט נישט וויסען... נאָר דו און די תורה...

די תאוה פון למדן וואַקסט.

— אָבער סוכות, — שטאַמעלט ער, סוכות!

און אַ וואונדערליכע זאַך... זי פאַרשטעהט גאָר אידיש, און ענטפערט:

— וועסט דיר מאַכען אַ סוכה, אַ כשר'ע סוכה... כ'וועל דיר געבען ברעטער, ברענגען סכך פון וואַלד...

און ער איז געבליבען...

## ביי דער קליפה צווישען די נעגעל.

געבליבען...

די קרעטשמערקע האָט געהאַלטען יוארט, געגעבען נאָר מיליכדיגס און ברויט — אידיש ברויט פון שטאָדט.

מכפר צו זיין די זינד, וואָס ער זיצט ביי אַן ערלית, האָט ער אַ נדר געטאָן: אויף אַ מעת-לעת אַ שעה וועניגער צו שלאָפען און אַ שעה מעהר צו לערנען, און וועט אויך האַלטען וואָרט.

פאַרטיפט אין לערנען, וואָלט ער אפשר גאָר אַן סוכות פאַרגעסען; זי אָבער דערמאָנט.

זי קומט ארויף, שטעלט זיך איהם קעגענאיבער, לעגט די רויטע נאַקעטע הענט פאַר איהם אויפ'ן טיש, מיט די פינגער ביז צו דער גמרא, און שמייכעלט:

— איז דיר גוט, ראַבין?

— גוט, גוט... — שטאַמעלט ער.

— און פאַר וואוילטאָג האָסטו פאַרגעסען, וואָס היינט איז?

— וואָס איז היינט?

— ערב סוכות. איך אָבער האָב נישט פאַרגעסען. אויפ'ן הויף ליגען שוין ברעטער, אומישנע אַ שטעלעכעל צוגומען...

זי האָט שוין אפילו געשיקט אין וואַלד אַריין נאָך סכך...

— עפּעס גאָר אַ צונעשיקטע זאַך, — טראַכט ער. — אַז ערלית, פאַרשטעהט און רעדט אידיש, ווייסט וואָס סכך איז.

אָבער אַראָפּגעהן גלוסט זיך איהם נישט. ער קאָן די אויגען פון דער גמרא נישט אויפהויבען.

גוט... זאָל ער זיך לערנען. זי ווייסט, ווי מען מאַכט אַ סוכה, ווי מען באַדעקט מיט סכך. פאַרנאַכט וועט זי איהם רופען צו „קדוש".

„קדוש" ווייסט זי אויך.

און צו „קדוש" האָט זי געלאָזט ברענגען פון שטאָדט ראַזשינקע־וויין. זי ווייסט, ער וועט קיין נסך נישט טרינקען. און אויב דער ראַבין וויל, קאָן ער מאַכען קדוש איבער חלה. דאָס ווייסט זי אויך. און חלות האָט מען געבראַכט פון שטאָדט. חלות ווייסע ווי שניי! זיין שפּרינצע באַקט נישט אַזוינע חלות.

— נאָר קיין פליייש, זאָל ער שוין מוחל זיין, וועט ער נישט האָבען...

— צי ווייסט זי פון „בשר שנתעלם מן העין" אויך?

— פאַר דאָס וועט זי דעקען אַ טיש! אַ טישטוך — אַ ווייס. ליכט — גרויסע, כשר'ע ליכט...

זי געהט אַריבער צו דער צווייטער זייט טיש און לעגט איהם די ווייכע האַנט אויף די אַקסעל:

— דו וועסט דיך זיצען אין סוכה, עסען און טרינקען. און שלאָפען אין סוכה...

מען וועט איהם אַריינשטעלען אַ בעט... בעטגעוואַנט, אויך ווייס ווי שניי...

ער ציטערט אינגאַנצען.

— אָבער דו, מאַרטאַ (ער ווייסט שוין, ווי זי הייסט) דו, מאַרטאַ, — בעט ער זיך, — זאָלסט אין סוכה אַריין נישט קומען, עס פּאַסט נישט...

— איך ווייס, איך ווייס — שמייכעלט זי — צום עסען נ י ש ט, צום בענשען — נישט... כל־זמן די ליכט וועלען ברענען — אויך נישט...

און פאַרשווינדט...

ער בלייבט צושראָקען און צומישט... פאַרגעסט די גמרא און

זיצט אין זיך אריין פארזונקען. און זיצט אזוי א שעה און צוויי. דערנאך דערהערט ער די האק, וואס ארבייט, צוזאמענשלאגענדיג ברעטער אין הויף...

— א לייטער! — רופט מארטא אין הויף.

זי וועט אודאי לעגען דעם סכך. עמיץ פון קרעטשמע העלפט איהר, אפנים. אויך א גוי...

— וואס פאר א סכך, וואס פאר א סוכה וועט עס זיין? וועט ער דארט זאגען די „אושפיזין"?

און ער גריבעלט אזוי אין זיך, און גריבעלט, ביז די זון געהט אונטער און מארטא רופט צו איהם ארויף:

— ראבין מיינער, ראבין ליעבער, שטעל דיך דאווענען. די זון לאזט זיך אראפ... באלד וועלען זיך אין הימעל שטערענדלעך באוויזען... אזא שעהנע נאכט, אזא שטילע נאכט...

אזא אשה צנועה, טראכט ער, די ערלית.

געמוזט אמאל זיין אין שטאדט, דינען ביי א איד, ווייסט די דינים, אפילו די דינים פון סוכה, און ווייסט, וואס א ראבין — א איד א למדן איז...

און ווי עהרליך זי האלט איהם... אויף זיין שפרינצע'ן געזאגט... זי וועט זיך גאר אפשר, איהם צוליעב, מגייר זיין...

און ער שטעלט זיך דאווענען...

**4.**

**הושענא רבא ביינאכט.**

און ער האט מקיים געווען מצות סוכה מיט אלע פיטשעווקעס. געגעסען, געדאווענט, געלערנט אין סוכה, געשלאפען...

הושענא רבא ביינאכט... נאך וועטשערע, ער זיצט און לערענט. דער קאפ וויגט זיך ווי אן אומרוה אין דער ברייט... באמערקט ער פלוצלונג, אז זיין קאפווארפט איבער'ן באלייכטען טיש קיין שאטען נישט.

דערשרעקט ער זיך, הויבט זיך אויף, געהט איבער דער סוכה.

אויף און אפּ, איבער דער לענג, איבער דער ברייט, — דער גאנצער גוף האט קיין שאטען נישט.

ניט עס איהם א כאפּ ביים הארץ, ווי מיט א צוואנג, אין די שלייפען קלאפּען העמערלעך. ער לויפט ארויס אויפ'ן הויף — אז אויסגעשטערענטע לבנה־נאכט... די קרעטשמע ווארפט איהר שאָ־טען איבער'ן הויף...

אנגעשפּארט ביים דאך שטעהט א לייטער. דער לייטער האט זיין שאטען. אויפ'ן דאך שטעהט א קאץ, זי האט איהר שאטען, און זי קוקט צו איהם אראפּ מיט רויטע אויגען. און —

— מיא—ו, מיא—ו!

זי לאכט עס אויס איהם:

— איך בין נאר א קאץ און האב מיין שאטען, און דו, ליט־וואק־למדן, האסט קיין שאטען נישט!

דרעהט ער זיך אפּ, ער קאן איהרע רויטע אויגען נישט אויסהאלטען. קומט פוןביידעל ארויס „בריטאן"... אויף דער גאנצער לענג פון דער קייט אין הויף אריין קומט ער, און

— וואר, וואר!

צו דער קאץ? ניין, אויף איהם ווארקעט ער, דער הונט.

— איך בין א הונט און האב מיין שאטען... מיין קייט האט איהר שאטען. אין כאָד איך מיט'ן עק, האט דער עק זיין שאטען און ווארפט זיך גלייך מיט איהם. וואו האסט דו דיין שאטען אהינ־געטאן, ליטוואק? חייב מיתה ביסטו געווארען, וועסט דאס יאהר נישט אויסלעבען! וואר—וואר!

ניין!

ער מוז זיין לעבען ראטעווען! ער מוז אוועק פון קרעטש־מע... צום ארענדאר, אהיים... ער מוז אוועק פון דער ערלית צו זיין שפּרינצע, צו זיין אשת חיל, די צנועה, צו דער מאמען פון זיינע קינדער...

אבער ווי אזוי באפרייט מען זיך?

עס איז דאך א כשוף, די ערלית... די מארטא... ער מוז זי נישט אנדערש נאר דער'הרג'ענען... כל־זמן זי לעבט, פּיהלט ער, כל־זמן זי האט אפּענע אויגען, כל־זמן זי קוקט אויף איהם מיט איהרע אויגאנעס, וועט ער זיך פון דער קליפה נישט באפרייען— טויטען מוז ער זי...

און אינ'ם אויפנעקאכטען הארץ שרייט עס:

— טויטען, טויטען!

דערנאך וועט ער תשובה טון... ער וועט באדיי צו א רבי'ן פאהרען (ביים גאנצען לעבען אויף גוטע אידען חוכא וטלילא געמאכט), א תשובה ארויסנעמען... תעניתים, גלגול שלג, וואס עס קאן נאר זיין פאר יסורים...

און אפשר וואלט גאר קיין בלוט נישט געגאנגען... ביים ערש־טען קלאפ וואלט די קליפה צורונען געווארען, ווי א רויך זיך צו־לאזט...

אלץ איינס. ער מוז טון זיינס...

אין סוכה, דערמאנט ער זיך, וואלגערט זיך ארום אין ווינקעל די האק, מיט וועלכער מען האט צוזאמענגעשלאגען די ברעטער...

און ער לויפט נאך דער האק.

## 5.

### דער ליטוואק פאהרט אהיים און טוט א נדר.

דאס ליכט אין סוכה האט זיך שוין אויסגעברענט; ער טאפט, געפינט די האק אין דער פינסטער, נעמט זי און שטעלט זיך אין סוכה ביי דער טיר...

ער וועט זי אפווארטען, זי וועט דאך קומען...

ביים ערשטען אריבערבויגען דעם קאפ, וועט ער איהר מיט דער האק דערלאנגען...

ווארט ער זי אפ א שעה און צוויי, מארטא קומט נישט... שטיל, מען הערט נישט קיין טריט...

די מכשפה האט זיך אפשר געשטויסען. אפשר האט זי איהם געזעהן פון פענסטער פון איהר גרויסער שטוב אין דער הויך אין הויף, און פארשטאנען נאך וואס ער לויפט.

מאכט נישט אויס. ער געהט מיט דער האק צו איהר.

קומט ער צום פראנט פון קרעטשמע, — זי איז פינסטער, די פענסטער פון אינעווייניג פארלאדענט, די טיר פארמאכט. רופען קאן ער נישט, פארשנירט דער האלז. קלאפט ער פריהער מיט דער

האנט, דערנאָד מיט דער האַק. קיינער ענטפערט נישט. הויבט ער דעם קאָפּ אויף צום פענסטער פון מאַרטאַ'ס גרויסער שטוב אין דער הויך — דאָרט לייכט זיך, דאָרט לייכט זיך שטאַרק. די שייבלעך פלאַמען. אַ שמחה מוז דאָרט זיין, אַ געדויש הערט זיך, אַ פרעהליכס. אַ האַרמאָניקע רופט זיך אַן, אַ פייפערל ציהט מיט...

— לחיים! — רופט מען אויף גוי'איש, — אויפ'ן ליטווישען מלמד'ס פאַהיבעל!

— פאַרפאַלען, שוין דעם שאַטען פאַרלוירען! לאַכט מען. זי — אויך...

ווייסט ער שוין, אין וועמעס הענט ער איז אַריינגעפאַלען. אַז אַנדערער — אַנטלויף, ווי פאַר אַ פייער. איז ער דאָך אָבער אַ קפדן — אַ ליטוואַק, צופלאַקערט זיך אין'ם נאָך מעהר די רציחה. ער מוז אַרויף צו איהר. ער מוז זיך נוקם זיין, טויט שלאַגען.

געדענקט ער דאָך, אַז אויף יענער זייט הויז שטעהט אַן דאָך אַנגעשפאַרט אַ לייטער, לויפט ער נאָך איהם, ברענגט איהם, שטעלט איהם אויף, שפאַרט אַן אַן פענסטער און קריכט, מיט דער האַק אין דער האַנט, אַרויף!

פלוצלונג — טראַד!

אַ שטאַפּעל ברעכט זיך אונטער, ער פאַלט אַראַפּ, אַראַפּ. פאַלט לאַנג, ווי אין אַ תהום, אין אַ גיהנום אַריין. און פאַלט מיט'ן קאָפּ אויף עפּעס האַרטס און כאַפּט זיך אויף...

ער איז אין וואַלד... איינגעשלאָפען, און פון דער פוהר אַראָפּ־געפאַלען...

— יאַנעק! יאַנעק! — שרייט ער נאָך דער פוהר.

קוים יאַנעק האָט דערהערט און זיך אָפּגעשטעלט, דערזעהן. ווער עס רופט...

אָבער אויפהויבען אַליין קאָן ער זיך נישט. מיט'ן קאָפּ אויף אַ וואָרצעל פון אַ בוים געטראָפען, בלוט טריפט...

נישט געפעהרליך. יאַנעק האָט אַראָפּגעכאַפּט אַ שמאַטקעלע פון אַ לאָדאַ מיט זויערמילך, און אַרומגעבונדען, און אויפגעהויבען, און אויף דער פוהר צוריק אַרויפגעזעצט...

מען פאָהרט ווייטער און פאַהרענדיג, טוט דער ליטווישער מלמד אַ נדר:

— נישט משנה מנהג זיין! וואו ער זאל נישט קנעלען, אויף פסח, אם ירצה השם, פאהרט ער אהיים... צו זיין שפרינצע, צו זיי־נע קינדערלעך.

ווארט וועט ער האלטען, דער ליטוואק!

# דער כעלמער מלמד.

אמאל איז די וועלט אזוי פארפלייצט געווארען מיט תאוות. — דערצעהלט שכנא פאר א גאנץ רעדעל אין בית המדרש — אז מען האט מורא געקריגען, דער רבונו של עולם זאל נישט, כביכול, פארגעסע, פאר גרויס גרימצארן די שבועה און נישט עפענען די טויערען פון הימעל און ברענגען א מבול, נאר אהן נח'ן און אהן דער תבה. עס איז רחמנא לצלן, געווען באו מים עד נפש — ווי זאגט ער, ביז אהער! עס איז אזוי ווייט געקומען, ביז די למ"ד וא"ו צדיקים האבען מורא געקריגען פאר זיך אליין און זענען זיך צוזאמענגעקומען אויף אן אסיפה קיין בראטקעוו. זיי זענען גע־זעסען און האבען געקלערט זיבען טעג און זיבען נעכט; עס איז שוין ביי זיי געווען א סברא, מען זאל מאכען כלי חיב, לאז משיח קומען וועט נעמען אן עק. ס'איז אבער אינמיטען געווען א פראס־טער איד, א וואסער־טרעגער, ער האט זיך איינגעשפארט: ניין און ניין! ס'איז אראפגעקומען א בת־קול, דער מלאך גבריאל האט זיך באוויזען, מען האט געזאגט, אז מען וויל אזוי אויפ'ן הימעל, אין די עולמות העליונים; אונזער וואסער־טרעגער קוקט נישט אויף די אלע זאכען, ער וויל נישט קיין עבירה טון! מען האט זיך אזוי לאנג געהאמפערט, ביז עס איז געבליבען, מען זאל צורעכט מאכען דעם יצר הרע.

אלע למ"ד וא"ו צדיקים זענען געווען פראסטע ארעמע אי־דען; אחוץ דעם וואסער־טרעגער זענען נאך געווען שוסטער, האלץ־העקער, שטיינער־קלאפער, וכדומה. נאר איינער פון זיי האט פונקט פאר א קורצע צייט אפגענומען א גרויסע ירושה פון א מוהמע, וואס איז געשטארבען אין אלכסנדריא של מצרים און ער האט נאך קיין צייט נישט געהאט נכשל צו ווערען אינ'ם גאלדענעם עגל. אט פאר זיין געלט האט מען אראפגעבראכט, און טאקע פון מצרים, א סרים.

מען האט אראפגעבראכט א סריס, מען האט איהם פאר־שטעלט פאר א גוטען אידען, מיט בארד און פאות, מיט א קאפטאן מיט סטראקעס, שיך און זאקען, מיט אן אפענעם הארץ און מען האט זיך אנגעהויבען רייצען מיט'ן יצר הרע: אט דא, ביי דעם צדיק, ווייז דיין גבורה!

דער יצר הרע איז געקומען; וואס זאל ער וויסען? ער זעהט א איד מיט בארד און פאות און צולאכט זיך אויף א קול: כא, כא, כא! א גרויסע זאך ארויסצובורענגען צו אן עברה.

איהם איז גארנישט איינגעפאלען, אז דאס איז א סריס. ער זעצט זיך לעבען איהם אנידער, הויבט זיך אן מיט איהם צו ווערט־לען, רעדען אביסעל חנופה, חכמה'לעך, עזות'קייט, נבול־פה; דער סריס אבער פארשטעהט נישט קיין ווארט און גיט אפילו נישט קיין שמייכעל. דער יצר־הרע איז אזש הייזעריג געווארען; דאס ערשטע מאל טרעפט זיך איהם אזוי פיעל ארבייט ביי א גוטען אידען! ער גיט א פייף: רחמנא לצלן! עס באווייזען זיך אלערליי נשים: גבאי'טעס, פראסטע ווייבער, יונגע ווייבלעך און אזוי נקבות. זיי קומען אן פארלעכווייז, ווי די עופות טמאים אין נח'ס תיבה אריין, אנגעטאן אויף פארשידענע אופנים: מיט קריי־נאלינעס, אהן קרינאלינעס, פארהאנגענע, פארשטעלטע, האלב־נאַ־קעטע, און מיט פארשידענע מדות: לאבענדיגע, וויינענדיגע, שיל־טענדיגע, שרייענדיגע — אבער עס העלפט ווי אן ארבעס אן דער וואנט! א טייך מיט שוויים האט שוין דעם יצר הרע באגאסען, ער איז אזוי מיד געווארען, גלייך ער וואלט א גאנצע וואך האלץ געהאקט. און דער סריס ריהרט זיך אלץ נישט! דער יצר־הרע גיט נאך א פייף און ברענגט ארויף רחב־הזונה — עס געהט נישט, כאטש צוריים זיך! „איך וועל נאך מאכען די לעצטע פראבע — זאגט דער יצר־הרע — מאסאזש! איך וועל נאך פרואווען איהם אביסעל איינרייבען!" ער כאפט דעם סריס און קנייטשט איהם, בויגט איהם, רייבט איהם און גליהט איהם, ווער. וואס? דער יצר־הרע האט אזוי לאנג אומזיסט געארבייט איבער'ן סריס, ביז ער האט אנגעהויבען סאפען ווי א גאנז, עס האבען איהם געבראכען הענט און פיס און האט פלוצים אנגעהויבען צו חלש'ען.

די למד־וא"ו צדיקים האבען נאר דארויף ארויסגעקוקט. זיי האבען גענומען דעם יצר־הרע, געבונדען מיט דרייסיג בינטלער

כפול־שמונה ציצית, געקוילעט מיט א מוהל־מעסער, אריינגערוקט אין א הייסען באק־אויווען און פארברענט אויף קויל. נאכדעם האבען זיי גענומען די אש, און, אז עס איז געווארען א שטארקער שטורעם־ווינט, האבען זיי עס פארשפרייט און צוזייהט אויף די פיער ווינקלען פון דער וועלט.

אין הימעל איז געווארען א גרויסע שמחה, אויף דער ערד א גוט יאהר; א לעבען, ווי אונטער דער זון: די אומות העולם האבען אויפגעהערט צו האלטען מלחמה; מאן און ווייב האבען זיך נישט געקריגט און די קאטשערעס מיט די לאפעטעס האט מען נאר באנוצט צו חלה באקען; אלע מלכים האבען אהיים געלאזט דעם חיל, די ביקסען האט מען אוועקגעשענקט קליינע קינדער אויף ל"ג בעומר, און די הארמאטען האט מען גענומען אין די דערפער אריין און געשטעלט פאר סטראשאקעס אויף די פעלדער. דאמאלט האט מען געמעגט טייטען מיט די פינגער אויף יעדער הארמאט. לאכען און חוזק מאכען, וויפיעל עס וועט אריין. עס איז געווען אויף דער וועלט שלום ושלוה, לעבעדיג, פרעהליך.

עס וואלט אלץ גוט געווען, נאר די חופה־שטאנגען, אזוי ווי זיי זענען געשטאנען אין שול אין א ווינקעלע, אזוי האט זיי קיינער נישט געריהרט. אלע מאנסבילען זענען געווארען פרושים. אלע ווייבער גבאי'טעס און צנועות — א גאנץ יאהר ימי הגבלה! רבנים, שמשים, חזנים, שדכנים און כלי־זמר זענען ארומגעגאנגען פוסט־און־פאס: אוים חתונה־הוצאות, אוים חתונה־קליידער, אוים נדן, אוים חופות — הכלל, נאר מען זיצט און מען לערענט!

די וועלט האט זיך פארזארגט: ס'טייטש? שטארבען שטארבט מען און קיינער ווערט נישט געבוירען! עס איז אזוינס נאך נישט געהערט געווארען! — און גאט ווייסט, וואס עס וואלט געווען, ווען נישט דער בעלמער מלמד!

אט הערט אוים א מעשה:

נאך פאר די למד־וא"ו צדיקים'ס אסיפה האט א בעלמער מלמד דערפיהלט, אז דער יצר־הרע דלובעט איהם שטארק דעם מוח... ער האט איהם געשלעפט אין בית־המדרש אריין — אד איז מיר! — ער געהט מיט; ער איז מיט איהם געפאהרען צו א גוטען איד, מהיבא־תיתי, ער פאהרט גאנץ גערן; ער געהט מיט איהם אין מקוה אריין, דער ימח־שמו'ניק האלט צו די נאז — נאר געהן געהט

ער. דער מלמד האט געזעהן, אז עס איז שלעכט, ער קאן פאר־לירען דאס מלמדות, האט ער זיך מישב געווען און איז אנטלאפען העט, העט אין װאלד אריין...

זיבען יאהר איז ער געװען אין װאלד, געשלאפען אויף דער גאלער ערד, געגעסען פוילע װארצעל און געזאגט תהלים מיט זוהר. ער איז אזוי איסגעדארט געװארען, אז מען האט איהם געקאנט דורכציהען דורך אן אויער פון א נאדעל. און אזוי דורכזיכטיג, אז מען האט איהם גארנישט געזעהן. ער איז פראסט געװארען א רואה ואינו נראה, איהר פארשטעהט?

אז ער איז געקומען צו דער מדרגה, האט ער זיך אויפגעהויבען צוריק צו געהן אין ישוב אריין; איהם האט זיך געדאכט, אז אצינד איז ער שוין אויף אייביג באפרייט פונ׳ם יצר הרע, אז ער מעג שוין פאהרען אהיים.

נאר קוים ער איז ארויס פונ׳ם װאלד — כאפט זיך אויף פלוצים א שטורעם־װינט, און קעהרט איבער װעלטען! דאס איז געװעזען פונקט דאמאלט, װען די למד־וא״ו צדיקים האבען צו־שפרייט דעם יצר־הרע׳ס אש אויף אלע פיער עקען פון דער װעלט. און עס האט איהם, ניט פאר אייך געדאכט, אריינגעפרושעט א שטויב אש אינ׳ם לינקען אויג. א שעהנע מעשה! דאס לינקע אויג האט אנגעהויבען צו זעהן אזוינע זאכען װאס, רחמנא לצלן, מען זעהט עס נישט אויף דער גאנצער װעלט. פונ׳ם לינקען אויג האט זיך באלד אנגעשטעקט דאס רעכטע אויג, באלד איז עס איהם געקראכען אין מוח, נאכדעם אין הארצען אריין; איך װעל אייך נישט לאנג ברייען — דער בעלמער מלמד איז געװארען פול מיט יצר־הרע, און אז ער איז געקומען צוריק אין ישוב אריין, האט ער, װאס טויג אייך מעשיות, צוריק אנגעשטעקט די גאנצע װעלט.

מיין זיידע, עליו השלום, זואס האט מיר דערצעהלט די מעשה, פלעגט אלץ זאגען, אז װען נישט דער בעלמער מלמד, װאלטען מיר שוין לאנג נישט געװען אויף דער װעלט! און װען ער, דער זיידע עליו השלום, האט געזעהן א חתונה, א ברית, אדער א פדיון הבן, פלעגט ער אלץ זאגען: „דאס איז דעם בעלמער מלמד׳ס מלאכה; איז יעדען פון אונז שטעקט א שטיק בעלמער מלמד...“ —

## ווי אַזוי אַ פּרוש איז געוואָרען אוים פּרוש.

איז געשטאַנען א פּרוש, פרייטאָג נאָכ׳ן קניזש, וואָס ער האָט ביי דער שוחט׳קע געגעסען, אין לעדיגען בית־המדרש, אָן דער זייט פון א שטענדער, אויף וועלכען עס איז אָפען געווען „שיר־השירים״. ווי עס פּאַסט פאַר פרייטאָג.

מיט די הענט האָט ער זיך א פריש בעזעמעל — א פריש בעזעמעל פון פרישע ברעזינע צווייגלעך און פרישע, האַרטע, גרינע בלעטער — געבונדען; מיט די פייכטע־פאַר׳חלומ׳טע אויגען איז „שיר־השירים״ אריינגעקוקט, און מיט די ליפּען א פּסוק נאָך א פּסוק, האַלב זינגענדיג, געמורמעלט...

אַז ער איז געקומען צום פּסוק: „הנך יפה, רעיתי״ — דאָס איז טייטש: דו ביסט מיין חבר׳טאַרין, שעהן — האָט ער (דאַכט זיך, צופעליג) צו דער מערב־וואַנט אַז אויג געוואָרפען. צום פענס־טערל אין דער מערב־וואַנט, וואָס געהט אין דער שמש׳טעס שטוב אריין...

און באותו הרגע האָט ער פלוצלונג דערפיהלט, אַז עפּעס הויבט איהם אָן צו שטיקען אין האַלז און רייסט זיך ארויס דורכ׳ן מויל.

דערשרעקט ער זיך, עפענט ברייט דאָס מויל, — שפּרינגט איהם, פון מויל אויפ׳ן שטענדער ארויף, עפּעס א קליינס, א גרינ־ליכס, א ריהרעוודיגס...

ער קוקט זיך בעסער צו: א קליין־דיהרעוודיג גרינליך מענשעל. נאָר א ווידעלע האָט עס פון הינטען, און אויף הינערנע פיסלעך שפרינגט עס.

— ווער ביסטו?

— דיין מחשבה, — ענטפערט לאַכענדיג דאָס קליינע מענ־

שעלע, און באווייזט צוויי שורות ווייסע, שארף־שפּיציגע ציינדע־לעך.

— איך האָב שיר־השירים געזאָגט! — באַליידיגט זיך דער פרוש.

— „הנך יפה, רעיתי,“ — אמת: און דערביי צו דער שמש'־טעס פענסטערל אַז אייג געוואָרפען — נישט די כנסת ישראל,— בריינגע דער שמש'טעס האָסטו אין זין געהאַט... ווילסט זי זעהן?

רוקט זיך דער פרוש אָפּ דערשראָקען.

— נו, נו, — לאַכט דאָס מענשעלע, — איך האָב סיי־ווי־סיי היינט קיין צייט נישט: איך מוז אראָפּ אונטען, פאַרשרייבען זיך אין ספר הנולדים — אַ מעטריקעל מאַכען. איך וועל צוריק קומען.

און פאַרשווינדט.

מיינט דער פרוש: אַ זעהעניש, אַ פאַרבלענדעניש געווען...

ער שלאָפט שוין נישט אַזוי פיעל נעכט!

שטאַרקט ער זיך, נעמט צוזאַמען די צוויי געלעך, פאַרענדיגט דאָס בעזימעל און געהט אין מרחץ אריין.

---

ווייטער אַ פרייטאָג נאָכ'ן אָנבייסען; ער איז ווייטער איי־נער אַליין אין בית־המדרש...

זיצט ער, קוקט אריין אין „תרגום שני“.

הפלא ופלא שלמה דעם מלך'ס פּאַלאַץ.

פון קריסטאַל, אינמיטען ים...

פאַרמאַכט ער די אויגען פאַר גרויס תענוג און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אין דער ברייט:

— אי־אי־אי!

באַקומט ער אַ קליין שנעלעכעל אין דער נאָז

עפענט ער די אויגען — דאָס מענשעלע!

נאָר גרעסער, דאַכט זיך איהם.

— ביסט, דאַכט זיך, צוגעוואַקסען?

— דו טראַכטסט און איך וואַקס.

איך האָב נישט געטראַכט! — לייקענט דער פרוש — „תרגום שני“ געלערענט.

— אמת! אבער טיף אין שטילען הארץ געטראכט:
„אין אזא פאלאץ, אינמיטען ים מיט איהר צוזאמען...“
לאזט דער פרוש אראפ דעם קאפ.
— זי ווערט א כלה, — זיפצט ער.
— נארישקייטען.
— מיט יונה ליבעל'ס...
— ער הוסט.
— איז וואס?
— וועט ער שפעטער בעסער הוסטען... שפייען מיט בלוט...
— איז וואס — —
— דערוויל גארנישט: דאס פרי'לע מוז זיך אויסשטעהן אויפ'ן בוים...
באטראכט איהם דער פרוש, פארשעגדיג.
דערזעהט ער, ווי ער איז איבער דער צייט גאר רויט געווארען.
— אוי, ווי רויט דו ביסט געווארען! — שרייט ער אויס.
דערשראקען.
— „אדם“ — ענטפערט דאס מענשעל — איז א מענש, „אדם“ איז רויט, „דם“ איז בלוט...
— וואס פלאפעלסטו?
— ס'וועט קומען די רעכטע צייט, וועסטו פארשטעהן!
— זאג בעסער — מאכט ווייטער דאס רויטע מענשעלע נאך א קליינער פויזע — ווילסט זי זעהן? זי צוואגט זיך אצינד.
און אז דער פרוש זאגט נישט: נייז, גיט דאס רויטע מענשעלע א בלאז צום פענסטערל צו אין דער מערב־וואנט, עפענט זיך דאס פענסטערל, שטעהט ברײנע, דער שמש'טעס טאכטער, צו זיי מיט די אקסעל, איבער א שיסעל הייס וואסער און צוואגט זיך לכבוד שבת.
— זעהסט — מאכט דאס רויטע מענשעלע — אביסעל האר! די שיסעל איז פאר זיי צו קליין. זי האלט זיי קוים אין דער שיסעל!
כאפט איהם דער פרוש אן דערשראקען:
— זי קאן זיך נאך איינדרעהען און דערזעהן!

— וועמען ?

— דיך ! זי וועט זיך חלילה, דערשרעקען !

— אויסער דיר — ענטפערט דאָס מענשעלע — קאָן מיך קיינער נישט זעהן...

— רער שטילער !

— אויסער דיר, הערט קיינער נישט מיין קול... זעה בעסער דאָס האלז־און־נאַקען : אַז אַלאַבאַסטערנע וואָס ?

און, אַז דער פּרוש ציטערט :

— ווילסט, איך זאָל זי דיר ווייזען ? ווי אחשורוש האָט גע־וואָלט זעהן ושתּי'ן, ווילסט ?

— כ'וויל ! — ענטפערט דער פּרוש, קוים ריהרענדיג מיט די פאַרברענטע ליפּען...

— וועסט אונטערשרייבען ?

— וואָס ?

— אַ כתב ! — מיט'ן בלוט פון מינדסטען פינגער...

— כ'וויל, תּיכּף, גיב אַהער !

— געה איך שוין אַראָפּ און ברענג אַ כתב.

דאָס מענשעלע איז פאַרשוואונדען, דאָס טירעל איז פאַר־מאַכט, און דער פּרוש וואַקעלט זיך קוים צו צו אַ באַנק.

---

הושענה רבא, שפּעט ביי־נאַכט.

אויפ'ן שולחן ברענען זיך צוויי יאָהר־צייט־ליכט.

דער פּרוש זיצט אויף דער באַנק הינטער'ן אויווען. באַווייזט זיך דאָס קליינע מענשעלע, וואָס איז שוין, אייגענטליך, נישט אַזוי קליין געווען, — און דערלאַנגט איהם עפּעס צו דער האַנט.

— וואָס איז ? — פרעגט דער פּרוש.

— „חוזק האָט דעם טאַטען נישט דערקענט“ — וויצעלט זיך דער רויטער. — עס איז דאָך דיין קניפּיק. האָסט דאָך מיר איהם געגעבען אויסצושלייפען.

— ווען ?

— איינמאָל, האַלבער נאַכט, נאָך אַ זעהעניש.

— נאָך וואָס ,

— „אדם“ — א מענש. „אדם“ — רויט — —

— שווייג! — שרייט אויס דער פרוש איז איין שרעק.

שמייכעלט דאס רויטע און פאררעדט:

— אבער זעה, ווי אויסגעשלייפט!

ער עפענט דעם קניפיק — די קלינג גיט א בליץ.

— ווי א חלף — מאכט ער — פרואוו אויפ'ן נאגעל.

דער פרוש נעמט מעכאניש דאס מעסער, פרואווט דאך נישט און זאגט פארבענקט:

— זעהן וויל איך!

— אז דו האסט אונטערגעשריבען, מהיכא־תיתי! — ענט־פערט דאס מענשעל און רופט:

— וואנט, וואנט, לאז זיך אראפ

פאלגט זי די מערב־וואנט, לאזט זיך אראפ — ברייגע שלאפט אויף א באנק־בעטעל.

זיצט דער פרוש, פארבאדען אין שוויים, מיט ציטעריגע הענט און פיס, א פנים — ווייס ווי קאלך און ברענענדיג־פארגלאצטע אויגען און קוקט.

זיצט דער רויטער לעבען איהם און רוימט איהם איין אויער אריין:

— זעהסט א יד'ל, וואס? אפגעטאקט! אז עלענבויגען! פון עלפענביין, וואס?

— מעהר! מעהר! — לעכצט דער פרוש מיט פארברענטע ליפען.

— קאלדרע אראפ!—הייסט דער רויטער און עס געשיהט.

—ווי מיינסטו — שמייכעלט ער — שענער ווי ושתי!

— שולמית! — מאכט דער פרוש מיט שוים איבער'ן מויל.

— און דער פאלאץ, — ציטערט ער — דער פאלאץ, קרים־טאל אינמיטען ים?...

— וועט זיין! — פארזיכערט דער רויטער — די פרי איז אויסגעשטאנען... היינט, מארגען וועט זיין, נאך א קלייניגקייט פעהלט...

— אבער ס'העמד, ס'העמד אראפ! — קאכט דער פרוש —

באותו הרגע איז אבער דאס גאנצע זעהעניש פארשוואונדען.

די וואנט איז צוריק ארויף אויף איהר ארט.

— וואס איז דאס? וואס האסטו געטאן?

— נישט איך — ענטפערט דער רויטער, — יונה ליב׳עלס!

— יונה ליב׳עלס, ער? ווי אזוי?

— געקומען תורה לערנען... זיצט ביי דער מזרח־וואנט. האב איך קיין שליטה נישט... מוז מען ווארטען. אדער — זיינער פטור ווערען...

---

מאכט זיך דער פרוש, די לעצטע ווערטער נישט הערענדיג. און בויגט זיך אויס, און שטרעקט ארוים דעם קאפ פון הינטער׳ן אויוועז.

אמת, יונה ליב׳עלס זיצט ביי דער מזרח־וואנט און לערענט. ער האט ביים זעהעניש, זיין קומען נישט געהערט.

— און ער הוסט נישט! — מאכט ער בייז, און דריקט, נישט ווילענדיג און וויסענדיג, שטארקער דאס הענטעל פון קניפיק איז דער האנט. ער הויבט נישט אן צו הוסטען!

— ר׳וועט! — זאגט דער רויטער.

הויבט יונה ליב׳עלס אן צו הוסטען.

— א פשוט׳ער הוסט! — זאגט דער פרוש, — ווי פון א קאטער.

— כאפט זיך יונה ליב׳על אן ביים לייב; ער פארקייכט זיך. ער הויבט זיך אויף און געהט צו צום כיור, נאך אביסעל וואסער. צוריקצואוועגס וואקעלט ער זיך...

— גברא קטילא, וואס?

— ניין! — ענטפערט דער פרוש, — היינט הושענא־רבא... דער שאטען געהט איהם נאך!

— א ציטעריגער, א דינער... ווי לאנג מיינסטו...

— אויפדערוואך איז די חתונה — האקט איהם פינסטער איבער דער פרוש.

— וועט זיין א יונגע אלמנה!

— כ׳וויל נישט, ער זאל זי אנריהרען! — שפרינגט אויף דער פרוש מיט שוים איבער׳ן מויל.

— קאנסט דיר אן עצה געבען.

— ווי אזוי ?
יונה ליב׳עלס האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָטעם צו כאַפּען און דאָס רויטע מענשעל זאָגט :
— קום צו צו זיין שאָטען!
— וואָס וועט זיין ?!
— וועסט זעהן !
זיי געהען צו, דער פרוש איז באָרוועס, הערען זיך נישט די טריט.
— פאַרליר נאָר נישט — וואָרענט דער רויטער — דעם קני־פּיק, — ס׳וועט טון א קלאַפּ.
דער פרוש דריקט פעסטער דעם קניפּיק אין דער האַנט.
יונה ליב׳עלס שטעהט אינמיטען בית־המדרש, האַלט זיך אַז ביי א שטענדער און קייכט, זיי שטעהען אויף זיין שאָטען.
— ווילסט פּטור ווערען ? — פרעגט דער רויטער.
דער פרוש שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ.
זיין קול וואָלט יונה ליב׳עלס געהערט.
— לאָז אראָפּ דעם קניפּיק אויפ׳ן שאָטענס האַלז, געשווינד לאָז אראָפּ !
און אַז דער פרוש וויינערט זיך, גיט איהם דער רויטער א שטויס אַן עלענבויגען ; פאַרלירט ער דאָס מעסער.
פאַלט דאָס מעסער מיט׳ן שפּיץ אראָפּ, שטעקט דורך דעם שאָטענס האַלז און בלייבט שטעקען אין דער פּאָדלאָגע.
אין דער זעלבער רגע פאַלט יונה ליב׳עלס אנידער, און א שטראָם בלוט שיסט איהם ארויס פון האַלז.
גיט דער פרוש א געשריי : געוואַלד ! און כאַפּט זיך אויף !

---

וואָרים דאָס אַלץ איז א שווערער, וויסטער חלום, אויף דער האַרטער באַנק, אין לעדיגען בית־המדרש, אין א לבנה׳דיגער נאַכט געוועזן...
און אַז דער פרוש האָט זיך אויפגעכאַפּט שטעהענדיג אינמיטען בית־המדרש, פאַרבאָדען אין שווייס, האָט ער זיך דערשראָקען, דערנאָך צוגעוואַקעלט צוריק הינטער׳ן אויווען ארונטער, אָפּירגע־

שאַרט זיין זעקעל מיט זאַכען פון אונטער א באַנק, פאַרבונדען מיט א שטריקעל, געוואָרפען איבער די פּלייצעס און איז אַרויס פון בית־המדרש...

— אהיים אדער אין דער וועלט אריין. —

# בשעת מגפה.

## 1.

### דאס שטעדטעל שרעקט זיך.

„זי געהט! אוי, זי איז שוין נישט ווייט! ארום אין די דער־פער איז סכנות נפשות! רבונו של עולם! וואס טוט מען?". אל תפתח פה לשטן: דעם נאמען פון דער מגפה טאר מען נישט ברענ־גען איבער די ליפען. נאר די שרעק לעגט זיך יעדען ווי א שטיין אויפ'ן הארץ.

און עס קומען אלע טאג ערגערע ידיעות: אין אפט איז א וואַ־סער־טרעגער געפאלען מיט די קאנען אינמיטען גאס... אין אָס־טראווצע האט מען צוויי אידען געפאלמעסט. אין בראטקאוו זיצט א דאקטאר מיט א סטודענט פון ווארשוי. ראכעוו איז אפגע־שלאסען, מען לאזט נישט ארויס און נישט אריין.

גאנץ ראדאם איז ארומגענומען מיט א צעפ פון קאזאקען... אין צוויזמיר, רחמנא לצלן, זאגט מען, פאלען מענשען ווי פליגען... א שרעק!

דער האנדעל ווערט שוואכער, די פרומקייט שטארקער. תבואה־סוחרים האבען זיך מורא צו ריהרען פון ארט. דער גרויסער יוסל האט שוין זיין פערד־און־בודקע פארקויפט — א שאד דער האבער; די תבואה־מעקלער ציהען אלע טאג פעסטער איין די גארטלען אויפ'ן לעדיגען מאגען, אין די שטיבער ווערט אלע וואך מעהר רחבות: מען טראגט ארויס יעדען פרייטאג עפעס אנדערש צו פארזעצען אויף שבת! א בעל־מלאכה, אפט אפילו א בעל־הבית,

כאפט אן איבעריגען טרונק־בראנפען, צו מאכען זיך א הארץ, אויף קוראזש... פון דעם האט דאך א שענקער קיין פרנסה נישט, און א פויער זעהט מען זעלטען אין שטעדטעל... פאר דאס — האט דעם רופא'ס ווייב אויסגעטאן דאס שייטעל און אנגעטאן א הארבאנד. א באהאלטענער משכיל האט פארברענט ברישׂ־גלי און „אהבת ציון" און גענומען זיך צו תהלים זאגען. די דינסט פון בעדער איז גע־קומען צום רב, ארויסנעמען א תשובה, באשר... זי פלעגט אלע פרייטאג ארייגקוקען דורך א שפארע אין באד אריין צו די מענער... עפעס א יונגערמאן, מען וויל נישט פורש בשמו זיין, פאסט שוין א גאנצען חודש און קלערט נאך א פרוש צו ווערען. גאט ווייסט, פארוואס פאר א זינד! טייל שניידער טראגען אפ דעם יתור; קצבים גיבען א גרעסערען צולאג. איין ירוחם חלפן האלט זיך נאך, נעמט ניט ווענינער פאר 10 פראצענט א חודש אויף א חרם־קווי־טעל, מיט א משכון... דאס איז א הארץ — א קיזעל־שטיין!

און די פנים'ער זענען געל און בלאס, די ליפען — ברויז־און־בלוי, די אויגען — קײלעכדיג גרוים, די קעפ — אראפגעלאזט... אין די גאסען איז שטיל: צוואווארפענע, קליינע קופקעלעך מענשען, מענער באזונדער און ווייבער באזונדער, שטעהען און סוד'ען זיך אהן לשון, שאקלען מיט די קעפ, מאכען מיט די הענט און הויבען אלע מאל אויף די פייכטע אויגען צום בלייערנעם הימעל, וואס האט זיך אויסגעשפרייט איבער'ן שטעדטעל... עס איז שטיל אפילו אין בית־המדרש ביי מנחה ומעריב... פאר דאס איז פול די עזרת נשים אפילו צו מנחה ומעריב. אלע מינוט רייסט זיך א יאמערליך גע־וויין דורך די אייזערנע קראטען פון דער ווייבערשער שול ארוים, אז האר און נעגעל שטעלען זיך ביי די מענער קאפויר! עס איז יעדע נאכט כל נדרי; מען באדט זיך אין טרערען.

וואס טוט מען? וואס פאר אן עצה, וואס פאר א ראט?

אין ווארשוי — פארצעהלט מען, האט מען טיי־הייזער גע־עפענט פאר ארעמע לייט, א ביליגע קיך געמאכט; מען טיילט — קוילען, קליידער, עסען אומזיסט. אלץ ז י י ע ר ע מיטעל... אלץ נאכטון די אומות העולם און אפשר דעם פאליצמייסטער צוליעב! דא האט מען אנדערע צדקות: „מאיר בעל־נס". גוטע אידען... און אפילו וויכטיגע רגולות! באלד שבת־צו־נאכטס שטעלט מען אויף

די בענש־ליכט אין די פענסטער... אונטער'ן שטערטעל האט וואסיל א מיהל; מען וועט איהם ביינאכט אוועק־„לקח'ענען" די סטאַ־ווידלעס און באגראבען אויפ'ן היילינגען אָרט; מען וועט חתונה מאכען א יתום מיט א יתומה; מען וועט איינרייסען שולען און קברים. מען וועט אלץ טון. ליידער אבער זענען די אלע סגולות אייביגע זאכען, און דאָך איז ביי דער ערשטער מגפה, שנת תק"ע, דער גאנצער מארק באוואקסען געווארען מיט גראז און אינמיטען איז נאָר א פּאָר סטעזשקעס געוועזען, אויסגעטראָטען פון דער חברה נושאים.

און אויסער דעם, און נאָך שרעקליכער פאר דער מגפה, זענען: די דעזינפעקציע, איזאָלאציע און, רחמנא לצלן, דאס פּאַלמעסען... א מענש לעבט נישט אייביג, שטאַרבט נישט מעהר ווי איין מאָל... נאָר טויט און לעבען איז ביים בעל רחמים אין דער האנט; עס העלפט וויינען, בעטען, תשובה טון; צדקה איז א רפואה... יענעס אבער איז אין גוי'אישע הענט; מען נעמט ארויס דעם מארך פון די ביינער, עס קאָסט אַפּ ממון מיט דמים, און—מען פּאַלמעסט! מען צושניידט א מת, רחמנא לצלן, אויף פּיצפּיצלעך, מען איז מקבר אהן תכריכים; אין סמאָלע... אין שפּיטאָל ווייטער, סמ'ט מען... מען פארברענט אומשולדיגע בעטגעוואנט, אדער מען מאכט א צעפּ פון קאַזאַקען, כאַטש אלע זאָלען שטאַרבען פון הונגער, אדער איינער זאָל אויפפרעסען דעם צווייטען... כאַ! מען מוז אַנהויבען טון, מען קאָן דעם שונא אין שטאָדט נישט אריינלאָזען!

עס שטעהען שוין בענש־ליכט אין די פענסטער, מען קוקט זיך שוין אום אויף וואסיל'ס מיהל, מען רעדט שוין וועגען חתונה מאַ־כען א יתום מיט א יתומה! און די שרעק וואקסט פון טאָג צו טאָג... מען האָט געהאָפט, אַז די סכנה וועט אריבער צוזאמען מיט'ן זו־מער, מיט די גרויסע היצען...

עס איז שוין אלץ אַריבער, עס איז שוין נאָך ימים נוראים... עס איז, ב"ה, נאָך סוכות... די קעלט נעמט שוין דורך די ביינער, עס ווייזט זיך אַפּט אביסעל שניי, און די מגפה רוקט זיך אלץ נעהנטער און נעהנטער! גאָט זאָל שומר ומציל זיין!

## 2.

## צוויי שרעקען זיך נישט.

און דאך זענען דא אין שטעדטעל צוויי פארשוין, וואס שרע־ קען זיך נישט; נאך מעהר — זיי האפען אויף דער מגפה!

די צוויי פארשוין זענען: דער יונגער דאקטאר סאוויצקי, א קריסט, און, להבדיל, יוסל דער ישיבה־בחור!

סאוויצקי איז דריטהאלבען יאהר צוריק אהער געקומען באלד נאך דעם ענדיגען די אוניווערזיטעט... געקומען איז ער א גוטער קריסט, א דימענט! ממש מחסידי אומות העולם... מען האט זיך געוואונשען, דער וואיט זאל אזא גוטער זיין. עס האט אין דעם מענש קיין פיצעל גאוה נישט געשטעקט; ער האט זיך גארנישט געהאלטען גרויס; יעדען זיך אפגעגריסט, אפילו א קינד, אפילו א אידענע! אלטע לייט פלעגט ער אפטרעטען פון וועג... אידישע פיש האט ער ליעב געהאט, ווי דאס לעבען... און אלע בעלי־בתים האבען איהם שטארק מכבד געוועזען: מען האט זיך פאר איהם גענייגט, אראפגענומען אפילו דאס גאנצע היטעל. מען פלעגט איהם שיקען חלה אויף שבת, פארבעטען אפט אויף פיש. מען האט איהם געוואונשען כל טוב, נאר — גענוצט האט מען איהם נישט... ווער דארף דא א דאקטאר? א רופא איז ווייניג? און בפרט א ז א רופא! ער גיט נאר א קוק אויפ'ן חולה, ווייסט ער שוין, וואס עס איז איהם... דעריבער איז טאקע קיין וואונדער נישט, וואס דער אפטייקער נעמט אן זיינע רעצעפטען! מעגליך איז דאך, אז אן אנדערער דאקטאר וואלט גיכער פראקטיק געהאט. עס זאל, למשל, געוועזען אראפקומען אן אלטער דאקטאר, אן אנגעזאפטער, מיט גרוי־ סער פראקטיק... דא איז אבער אראפגעקומען א יונגער שנעק, וואס קאן זיך קיין וואנסע פון דער אויבערשטער ליפ נישט ארויסציפען, מיט א יונגען, בלאסען פנימ'ל, ווי ביי א בתולה. אנגעטאן ווי א „פירציג“, א „פראנטעל“; ערשט פון „חדר“ ארויס! און אזוי ווי די אייער ווילען שטענדיג קליגער זיין פאר די הינער, מוז ער זיין א חולק אויפ'ן אלטען רופא, וואס האט שוין די ציין אויפגעגעסען אין דער מלאכה! מוז ער זאגען, אז די קראנקע נעמען צופיעל ריצען־

אויל, אז געהאקטע באנקעס זענען א סכנה, בפרט ביי א קינפעטאַר־רין. פיאַוועקעס הייסט ער שטעלען אויף דער שויב — זיי זאָלען נישט שאטען... פון טרוקענע באנקעס מאכט ער חוכא־ןטלולא, און גלויבט נישט אפילו אין זאלבען... איהר האט נאך געהערט, א דאָק־טאר אהן א זאלב, אהן אביסעל בלוט־צאפּען, ממש אהן באנקעס ? און געה נוץ אזוינס ! דער אפּטייקער אליין דרעהט מיט דער נאז אויף זיינע רעצעפּטען ! פאר צוואנציג גראשען א רעצעפּט !

סאוויצקי האט זיך געהאלטען אזוי א האלב יאהר : געפיהרט אן אָפענע מלחמה מיט'ן רופא, און א באהאלטענע מיט'ן אפּטייקער. מיט די בעלי־בתים האט ער אליין נאך גוט געלעבט.

עס האט אזוי לאנג געדויערט, ביז ער האט אויפגעגעסען די פּאר גילדען, וואס ער האט פון ערגעץ געבראכט. מיט דער צייט האט ער זיך נאך פארשולדיגט : פאר דירה־געלט, פאר פלייש, פאר שפּייז, פאר קליידער ; אומעטום איז ער געווען א בעל־חוב, און די בעלי־חובות ווערען מיט יעדען טאג אומגעדולדיגער...

און איינמאל, אז דער קצב האט צוריקגעשיקט די דינסט אהן פלייש, האט סאוויצקי אראפּגעלאזט די פליגעל און אנגעהויבען מודה זיין, אז בלוט־צאפּען דארף מען, אז ריצעדאווי! מעג מען נע־מען יעדע מינוט... מיט דעם האט ער זיך אבער גארנישט פארבע־סערט ; ווארים — ערשטענס האט מען איהם נישט געגלויבט, אז ער מיינט עס ערנסט ; ער וויל נאר אפשר ארייננארען דעם עולם ! צווייטענס, ווייטער, אויב ער איז אליין מודה דעם פעלדשער, דארף מען דאך איהם אודאי אויף ערב יום כפור !

סאוויצקי האט ווייטער פון ערגעץ געקריגען א פּאר גילדען (ביי קריסטען טרעפען זיך אפט ירושות פון רייכע פעטער און מוהמעס), האט ווייטער געקוועלט זיך א האלב יאהר אומזיסט, און איז ווייטער אויף אן המצאה געפאלען : ער איז פלוצלונג געוואָרען אן א נ ט י ס ע מ י ט, אבער גאר א שארפער אנטיסעמיט.

ער האט אויפגעהערט צו גריסען. טיילמאל פלעגט ער אפילו אפּשפּרינגען און אויסשפּייען אויף א איד...

דעם וואיט האט ער אנגערעדט, ער זאל, כאטש עס געהט צו ווינטער, אראפּטרייבען עטליכע אידישע פאמיליעס פון פויערשער ערד... איז געקומען א נייער סטראזשניק (די אלטע האבען שוין געהאט זייער פעסט „לא יחרץ" געלט), פלעגט ער איהם אליין ארומפיהרען אין אלע הויפען און אנווייזען, וואו אומריינינקייט איז...

דעם אפטייקער האט ער איינמאל געזאגט, אז ווען ער זאל זיין אויף זיין ארט, וואלט ער אלע אידען פאר'סם'ט!... און נאר, און נאך אזוינע זאכען...

די המצאה האט שוין אביסעל געהאלפען! טייל בעל־בתים האבען איהם אנגעהויבען רופען, צאהלען פאר וויזיטען, כאטש מען פלעגט צורייסען די רעצעפטען אדער אויסגיסען די מיקסטורען און ארויסווארפען די זאלבען, — דעם שונא ישראל מוז מען פארמא־כען דאס מויל... עס איז אויך געווען א מין חורש, א מין „לא־יחרץ־געלט"... אויף פרנסה האט עס ד א ך נישט געניגט!

מעהר קיין המצאות האט ער נישט געהאט, עס איז שוין קיין האפנונג נישט געוועזען, עס זאל זיך פארבעסערען.

דערצו האבען זיך נאך געמאכט עטליכע אומגליקליכע צופא־לען: ער האט א אינגעל ניט געקאנט ארויסנעמען אן ארבעס פון אן אויער... א קראנקער האט זיך יא אמאל איינגעשטעלט דאס לע־בען און גענומען זיין רעצעפט, איז ער פונקט אין א וואך ארום געשטארבען! דאס ערגסטע איז געוועזען, וואס ער האט זיך איינ־מאל נישט איינגעהאלטען און געזאגט, אז היץ איז גאר קיין קרענק נישט, נאר א רפואה. עס איז גאר א מין כלי זיין, מיט וואס דער גוף אליין וויל גובר זיין די קרענק!... ווער עס האט געהערט, האט שיער נישט געפלאצט פון געלעכטער... נאך מעהר האט מען געקייכט פאר לאכען, אז עס האט זיך געטראפען, מען האט איהם גערופען צו א יולדת, ארויסצונעמען דאס „ארט". די שטאדט־באבע איז גראד ארויסגעפאהרען אין א דארף אריין, און מען האט ג ע מ ו ז ט קומען אויף זיינע הענט! די נארישע הכנות, וואס ער האט גע־מאכט! ער האט געהייסען אריינגעבען א שיסעל וואסער, א שטי־קעל זייף! ער האט אין דער שיסעל עפעס אריינגעגאסען פון א פלעשעלע, וואס ער האט מיטגעבראכט. דער עולם שטעהט אלע און קוקט, מען מיינט, אז ער טוט דעם אפטייקער להכעיס, און מאכט אין דערהיים די רעצעפט, אדער גאט ווייסט, וואס דא וועט זיין... צום סוף נעמט ער פשוט און וואשט זיך די הענט! — און הענט האט ער דוקא געהאט ריינע ווי גאלד, ווי דער שטייגער איז ביי קריסטען! — וועניג נאך, נעמט ער א מעסערל און רייניגט אונטער די נעגעל, להבדיל — א כשר'ע אידענע אין מקוה אריין! דערנאך פארשארצט ער די הענט און וויטער געוואשען... עס איז

דען גאר נאך צו דערצעהלען? הכנות פון א קונצענמארער... דער־
נאך האט ער אפילו גליקליך ארויסגענומען דאס „ארט“. די יולדת,
וועלכער עס איז נישט געווען צום ערשטען מאל, האט אפילו
געזאגט, אז ער האט א שמעקערע האנט פון דער באבען, און מאכט
עס, ווען נישט די משוגע'נע הויות, געשווינדער; נאר ווער קאן
אויסשטעהן אזוינע הכנות? און וואס טוט מען, אז עס איז אין
שטוב נישטא קיין זייף? דא איז גראד א וועש געוועזען, אבער
ווייטער?

דאס אלץ צוזאמען האט געבראכט דערצו, אז סאוויצקי'ן איז
געגאנגען, ווי א רשע אויף יענער וועלט. און נאך דריטהאלבען
יאהר האט ער איינגעזעהן, אז ער וועט דא נישט אויסהאלטען, אז,
בחרפתנו, די הויזען שווימען שוין אויף איהם ארום. ער ווערט פון
טאג צו טאג דארער און קאן נאך ארייגפאלען אין א קרענק. האט
ער שוין געוואלט מאכען פליטה. דערהוויל — זי געהט!

— ניין! אין אזא צייט פאהרט מען נישט ארויס פון אזא
שטעדטעל! עס וועט זיין א גאלדענע צייט! עס איז שוין אפילו
געקומען א „פריקאז“, מען זאל אויפשטעלען א „באראק“ פאר
קראנקע אויף כאלעריע און אפזונדערען א הויז פאר זייער הויז־
געזינד. און כאטש קהל האט זיך געלאזט קאסטען און איבערגע־
קויפט דעם וואיט מיט די סטראזשניקעס, מען זאל די „הוצאה“
נאר פארשרייבען, און ניט איבערשרעקען דאס שטעדטעל, — האט
דאך יעדערער געפיהלט, אז זי געהט, אז זי ה...ט זיך! אז עס איז
פאר יעדען סכנות נפשות און פאר סאוויצקי'ן א גליק! ער וועט
נעמען ביי דער רעגירונג דריי—פיער רובל א טאג; די קראנקע
וועלען צאהלען באזונדער... געזונטע וועלען צאהלען, מען זאל זיי
נישט, חס ושלום, ...טען פאר קראנקע. און אלע אידעלעך וועלען
צאהלען: פאר יא־דעזינפעקציע, נישט־דעזינפעקציע, יא־איזאלא־
ציע, נישט־איזאלאציע, פאר אריין און ארויסלאזען, פאר רעדען און
שווייגען, און דער עיקר — „קבורה־געלט!“ פאר אום־געפאלמעסט,
אהן סמאלע...

סאוויצקי לעבט אויף! עס ווערט איהר פרעהליך אויף'ן הארץ.

ער שפאצירט אין די גאסען, פייפענדיג א פרעהליך לידעלע.
ער קוקט יעדען לוסטיג אין פנים אריין; ער קוקט אין אלע טירען,

אין אלע פענסטער אריין: אידעלער האבען זיך ליעב צו באהאל־טען; אח! ער וועט נישט לאזען! זיי וועלען איהם פאר אלע יאה־רען באצאהלען! ער וועט זיך אפנעמען זיינס!

דערנאך וועט ער ארוים פון פארהאקטען שטעדטעל און חתונה האבען! ווארים, וועמען האט ער דא? דעם אפטייקערס טאכטער, די מאוס'ע בריאה?

3.

## דער צווייטער, וואס שרעקט זיך נישט.

חתונה האבען וויל אויך יוסל דער ישיבה־בחור, און האפט אויך דעריבער אויף דער מגפה. ער איז אן ארעמער יתום אין שטאדט. די בעלי־הבתים זאלען אפילו וועלען, קאנען זיי קיין אנ־דערען יתום נישט קריגען; מען וועט איהם מ ו ז ע ן חתונה מאכען!

און עס ווילט זיך איהם שטארק חתונה האבען. און עס איז קיין וואונדער נישט! ער האט עס בירושה: זיין טאטע, זיין זיידע אין זיינע יאהרען, האבען שוין אפילו קינדער באגראבען. אכצעהן יאהר איז ער אלט! „ללעג ולקלס" איז ער. „אלטער בחור" רופט מען איהם, „בוגרת"... בייטאג אין בית־המדרש האט ער קיין רוה נישט. די ווערטלעך אויף זיין חשבון שטעכען איהם ווי שפיל־קעס. ביינאכט איז נאך ערגער! איינער אליין ליגט ער אין בית־המדרש אויף דער הארטער באנק און שלאפט נישט גאנצע נעכט... בייזע חלומות לאזען איהם נישט שלאפען; אויף די גלייכע ווענט וואלט ער געקראכען...

ער בעט זיך און חלש'ט פאר שכנים. מען זאל איהם רעדען א שדוך! רחמים, בעט ער זיך, און הערט פון יעדען אלץ די אייגענע תשובה: סיידען מיט דער מלכה שבא! ווער וועט דיך נעמען, פארד?

דעם „פארד" האט יוסל גראד נישט געהאט; פאר דאס האט ער אבער געהאט אנדערע מעלות... אהער געקומען איז ער פאר א יאהר פיערצעהן מיט'ן פאטער — א פאקענטרעגער, וואס איז,

דורכפאהרענדיג, דא קראנק געווארען, און לא עליכם, געשטארבען. אפילו די מוטער האט ער נישט געקענט, דעריבער פלעגט ער טאקע וואנדערען פון קינדהייט אן צוזאמען מיט'ן פאטער.

קהל האט רחמנות געקריגען, בעלי־הבתים האבען אויסגע־קויפט אלע ספרים, דערפאר בחצי חנם דעם פאטער באגראבען, אפילו א שעהנע קרקע געגעבען. דעם יתום האט מען אריינגענומען אין תלמוד־תורה און געהייסען שלאפען אין בית־המדרש. געגעסען האט ער טעג, ווי עד היום.

אין א האלב יאהר ארום האט יוסל אין בית־המדרש געמא־זעלט, דערנאך געפאקט און געקריגען א געשטיפעלט פנים ווי א ריב־אייזען.

אין א יאהר ארום האט איהם אן אנדער אומגליק געטרא־פען: אין בית־המדרש איז געווען אן אלטער, צושפאלטענער אוי־ווען, און ער איז שוין דאמאלט דער אפיציעלער הרובע־הייצער גע־ווען. דער אויווען איז געווען אן אלטע קאליקע און האט שוין קיין היץ נישט געהאלטען. בייטאג איז נאך געווען צו דערליידען; ביינאכט פלעגט ער אבער אויסגעפרוירען צו ווערען. פון די לא־כעס, וואס די בעלי־בתים האבען איהם געשענקט פאר א יום־טוב, האט ער זיך קוים געהאט צו קליידען, צוצודעקען זיך האט איהם שטענדיג געפעהלט. איינמאל האט זיך יוסל מיישב געווען, און אוועקגע'גנב'עט דעם שליסעל פון האלץ־קאמער. ער האט אנגע־הויבען גנב'ענען האלץ און יעדען טאג שטארקער און שטארקער צו הייצען, און זיצען קעגען פייער און ווארעמען זיך. איינמאל האט איהם גאט, ווי דער עולם זאגט, פאר דער גנבה געשטראפט. דער אויווען האט פלוצלונג געפלאצט, א שטיק איז ארויסגעפאלען און צובראכען איהם א פוס... דער שטאדט־רופא האט איהם אפילו דעם פוס אויסגעהיילט, נאר ער איז געבליבען שוין קירצער פאר'ן צוויי־טען, און יוסל הינקט פון דאמאלט אן!

דערצו איז ער קיין עלוי נישט געווען, קיין גרויסער מתמיד אויך נישט... ווער וועט אזוינס אויסכאפען? ווער וועט זיך אויף אזוינס לאקאמען? קיין וואסערטרעגער וועט אויך אזא איידעם נישט נעמען. און דא, ווי אויף להכעיס, האבען ביי איהם די אוי־גען געברענט ווי ברענענדיגע קוילען; דאס הארץ האט געקלעמט און געבענקט און געקרענקט נאך עפעס... אפט פלעגט זיך איהם

דער קאפּ פאַרדרעהען, און די אויערען האָבען איהם ווי גלאָקען גע־קלונגען און עס האָט איהם געוואָרפען, ווי אין אַ פיבער, היץ און קעלט, היץ און קעלט...

נאָר ווער קוקט זיך אום אויף אַ יתום!

די בעל־בתים זענען יוצא דערמיט, וואָס זיי גיבען איהם טעג... אויך, אומשטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַן עסען מען גיט איהם! וואָס איז, עולם הבא וועט מען פונ׳ם האָבען? אַ יונג וויל נישט לערנען, אַז ער זיצט איבער אַ ספר און איז גאָר אויפ׳ן עולם הדמיון, מען רעדט צו איהם און ער הערט נישט! אײַנמיטען כאַפּט ער זיך אויף, שפּרינגט אָפּ פון אָרט, לאָזט איבער דעם ספר נישט פאַרמאַכט, און לויפט אַרום ווי משוגע אין בית־המדרש, קעהרט אום אַלע שטענדער, וואַרפט אום מענשען, גלייך דער טייוועל וואָלט איהם געטראָגען...

אַ משוגע׳נער, אַ פּלוט! — האָר־פּלאָקס, קנאָכען, פּאַרשי־מעלט ברויט, אייערנעכטיגע קאַשע איז אויך אַן עברה איהם צו געבען... וואָס האָט מען פונ׳ם? — זיין גליק נאָר, וואָס ער איז אַ יתום!

אַז עס מאַכט זיך אַזאַ „בן" ביי טאַטע־מאַמע, גיט מען די סחורה אַוועק צו אַ בעל־מלאכה... איבער אַ פרעמד קינד וויל קיינער נישט שאַלטען. ווער וויל אַזוינס אויף זיך נעמען? דער פאָטער איז געוועזען אַ איד אַ למדן, ביז אין דער לעצטער מינוט האָט ער מיט מענשען גערעדט פון תורה, געשטאָרבען ווי אַ צדיק, אין חודש ניסן, און נאָך אַ שאַרפען, אָבער גאָר אַ שאַרפען ודוי... נו, געה גיב זיינס אַ קינד צו אַ בעל־מלאכה! ווער וועט אויף זיך נעמען אַזאַ פאַר־ענטפער פאַר אַ שוכן־עפר?

און יוסל וואַקסט איינער אַליין אין בית־המדרש; ביי טאָג עסען איהם די ווערטלער אויף די גאַל, ביינאַכט זויגען איהם בייזע חלומות דאָס בלוט פון די אָדערען... שוין צוויי־דריי יאָהר, אַז ער האָט קיין מנוחה נישט!

אין דער התחלה האָט ער זיך נישט געלאָזט; ער האָט גע־וואוסט, אַז דאָס זענען שלעכטע געדאַנקען, הרהורים רעים. די גע־דאַנקען זענען אָבער אַלע מאָל שטאַרקער, און זיין ווילען שוואַכער און שוואַכער געוואָרען, און ער האָט אָנגעהויבען פאַסטען תעניתים.

עס האט אבער נישט געהאָלפען! תהלים זאגען — קיין פעולה נישט! לערנען — אז ער זעהט קיין אות נישט! פאר די אויגען פליהען איהם פייערדיגע רעדער!

ער האט געזעהן, אז דער יצר־הרע איז שטארקער פון איהם, האט ער אראָפּגעלאָזט די פליגעל, אויפגעהערט זיך אנטקעגען צו שטעלען! — ער האט זיך נאר געטרייסט, אז ער קאן דאך אמאָל חתונה האבען! און ער האט געווארט אויף שדוכים, און אז זיי זענען נישט געקומען צו איהם, איז ער געגאנגען צו זיי, די בושה אין א זייט, נאר נישט אזוי געשווינד פארבויגט מען די בושה.

חדשים גאנצע האט געדויערט, איידער ער האט זיך איינגע־שטעלט צו רעדען מיט א שדכן, פריהער מיט איינעם, דערנאך מיט'ן צווייטען, דערנאך מיט א דריטען, ביז ער איז אויסגעגאנ־גען די גאנצע שטאדט שדכנים... און אז דער לעצטער האט איהם אויך געענטפערט די אייגענע תשובה, אז נאר די מלכה־שבא וועט איהם נעמען, איז ער אריינגעפאלען אין א מרה־שחורה.

עס איז איהם נמאס ומאוס געווארען דאס לעבען.

איינמאל, ביינאכט, איז איהם דורכגעפלויגען א געדאנק דורכ'ן ברענענדיגען מוח, אז איידער אזא לעבען, איז בעסער שוין דער טויט.

עס האט זיך ביי איהם אנגעהויבען א נייע מלחמה מיט'ן נייעם זינדיגען געדאנק, און ער האט ווייטער נישט גובר געווען! צום ערשטען מאָל איז ער, דער געדאנק, דורך ווי א בליץ און נעלם געווארען... דעם צווייטען טאג איז ער דאך צוריקגעקומען און שוין לענגער געווײלט; דעם דריטען טאג האט ער שוין געטראכט דערי־בער לענגער. ער האט זיך דערמאנט, אז יענע וואך איז געווען א שטארקער ווינט, מן הסתם האט זיך עמיצער געהאנגען... אפשר א גוי? ניין! צוליעב א גוי וועט קיין ווינט נישט זיין; מן הסתם א איד! פאר א יאהרען איז א איד דערטרונקען געווארען אין מקוה — חיים שניידער. ווער ווייסט, אפשר האט ער זיך אומיסנע דער־טרונקען? וואס טוט א שניידער אינמיטען יאהר אין מקוה? מילא ערב יום־כפור געהען אלע אין מקוה אריין, אבער אין א שעהנעם העלען מיטוואך?

א פאר טעג שפעטער האט עס איהם אויך געצויגען ווי מיט צוואנגען אין מקוה אריין. „וואס שאדט עס? געהן מעג איך

דאך? איז ער געגאנגען. ער האט זיך דאך אפילו נישט אויס־געטאן. ער האט געפיהלט, אז קוים געהט ער אריין, וועט ער שוין פון דארט נישט ארויס; וועט ער שוין דארט בלייבען!... געשטא־נען איז ער דאך א גוטע שעה איבער דער מקוה; ער האט זיך נישט געקאנט אפרייסען פון איהר, געקוקט אויפ'ן ברודיגען וואסער און באטראכט, ווי זיין שוואך בילד ציטערט פון אויבען ארום. דער־נאך האט זיך איהם פארגעשטעלט, אז דאס איז גארנישט זיין, נאר חיים שניידערס בילד, אז חיים שניידער שמייכעלט און רופט איהם: „קום, קום! דא איז אזוי שטיל, אזוי קיהל, א מחיה!"

עס איז איהם היים געווארען, און ער איז אנטלאפען פאר שרעק! ערשט אין גאס איז ער צו זיך געקומען. פארבייגעהענדיג פאר א שטריקענמאכער, האט ער באמערקט, אז די שטריק ליגען הפקר; דער שטריקענמאכער איז ערגעץ אוועקגעגאנגען... פארוואס איז ער אוועקגעגאנגען? וואר־אהין? עטליכע אזוינע נארישע שאלות זע־נען איהם דורכגעפלויגען דורכ'ן מח, בשעת וועז די הענט אליין, אהן זיין ידיעה, האבען אוועקגע'גנב'עט א שטריק, וואס איז גראד באזונדער געלעגען ביי דער שוועל.

די גנבה האט ער ערשט אין בית־המדרש באמערקט, ער האט זיך שטארק געוואונדערט. ער פארשטעהט נישט, ווי ארום דער שטריק איז צו איהם געקומען אין קעשענע אריין!

— עס איז א גאט־זאך! טראכט ער מיט טרערען אין די אוי־גען. גאט אליין וויל, איך זאל מיר דאס לעבען נעמען, איך זאל מיך הענגען! און א מין ביטערליך־יאמערליך רחמנות אויף זיך אליין פילט איהם אן דאס הארץ. גאט אליין, דער, וואס האט'ן בא־שאפען, וואס האט'ן פאר א יתום געמאכט, וואס האט אויף איהם פאקען געשיקט, דעם אויווען ארויפגעווארפען, וויל נאך אצינד, ער זאל זיך הענגען! ד י וועלט האט ער איהם נישט געגעבען און וויל נאך, ער זאל יענע וועלט אויך פארלירען! פארוואס?

צי פאר דעם, וואס ער האט נישט גובר געווען דעם יצר־הרע?

ווי אזוי? איינער אליין... אהן טאטע־מאמע, אהן חברים. און דער יצר־הרע איז דאך פארט א מלאך און פיהרט די מלאכה מששת ימי בראשית... און ער פיהלט זיך שרעקליך עלענד און אומגליקליך... גאט אליין איז אומגערעכט געגען איהם, אויב ער וויל, ער זאל זיך

הענגען! ער זעהט עס דאך באשיינפערליך, עס איז קיין ספק נישט.
און וואס קומט ארוים? אז גאט וויל, וואס קאן ער זיך העלפען?
ער, דער ווארים, דער יתום!

ער קאן דעם יצר־הרע נישט גובר זיין, ווי זאל ער זיך אונ־טערשטעהן גאר צו קלערען, צו געהן נעגען גאט אליין? ניין! ער וויל גארנישט פרואווען זיך שטעלען געגען גאט!

ער נעמט דעם שטריק און געהט ארויף אויפ'ן שול־בוידעם. דעם בית־המדרש פארשוועכען וויל ער נישט! ער וויל זיך נישט הענגען קעגען ארון־קודש.

אויפ'ן שול־בוידעם איז דא א האקען, אויך פון זיינעטוועגען אנגעגרייט! ווארים ווי קומט אהין אן אייזערנער האקען? ווער ווייסט, ווי לאנג דער האקען ווארט שוין אויף איהם. גאט האט איהם אפשר אנגעגרייט, נאך איידער ער האט'ן אין דער מאמעס בויך באשאפען!

אזוי טראכטענדיג, האט ער פארלעגט דעם שטריק. עס איז איהם דאך איינגעפאלען:

„און אפשר פארקעהרט? אפשר איז עס גאר מעשה שטן? דער אייגענער שטן, וואס שיקט אויף מיר י ע נ ע גערדאנקען, שיקט אויף מיר אפשר דעם אויך?

און ער האט אפגעלאזט דעם שטריק. — עס געהט נישט אזוי געשווינד, ער מוז האבען א ישוב! די וועלט און יענע וועלט פאר־לירען איז נישט קיין קלייניגקייט...

דערווייל האט דער בית־המדרש־זייגער געשלאגען פיער. עס איז מיטאג־צייט, און ער דערפיהלט פלוצלונג, אז דער מאגען קריגט שיער דעם קראמף פאר הונגער.

א ו ן א י ז א ר א פ ג ע נ א נ ג ע ן פ ו ן ש ו ל ־ ב ו י ־ ד ע ם א ו ן ה א ט ד ע ם ש ט ר י ק א י ב ע ר ג ע ל א ז ט פ א ר ל ע ג ט . . .

נאכט־נעכטליך ציהט עס איהם דאך ארויף צום שטריק. ער ראטעוועט זיך ווי ווייט ער קאן... ער לויפט צום ארון־קודש, שטעקט אריין דעם קאפ צו די הייליגע ספרים און וויינט יאמערליך, זיי זאלען איהם ראטעווען. אפטמאל כאפט ער ארום א שטענדער, עס זאל איהם שווער זיין צו ריהרען זיך פון ארט, שפארט זיך אן מיט אלע כחות אן בית־המדרש־אויווען...

און ווער ווייסט, וואָס דער סוף וואָלט געווען פון דער מלחמה, ווען נישט די מגפה!

אַה! אַצינד האָט ער אָפּגעאָטעמט! אוים הענגען, אוים מרה־שחורה, אוים—אוים! מען וועט איהם מוזען חתונה מאַכען, און נישט מיט דער מלכה שבא; ער איז פּאָרט א י י ן יתום אין שטאָדט!

4.

## סאַוויצקי טרעט אָפּ; יוסל האָט התבודדות.

זייט עס האָט זיך אַזוי געשטאַרקט די שרעק פאַר דער מגפה, אַנטלויפט דער עולם מיילען ווייט פון סאַוויצקי'ן. מען האָט מורא פאַר'ן... אַ קשיא אויף אַ מעשה; אַ מענש איז דאָך נישט מעהר ווי אַ בשר־ודם! עס קאָן גראָד נישט־גוט ווערען, און היינטיגע צייטען האָט אַזאַ סאַוויצקי די גאַנצע ממשלה אין דער האַנט... ער קאָן הייסען, מען זאָל מיט סטראַזשניקעס — לעגען אין בעט אַריין, שמירען, רייבען, אַריינגיסען רעצעפּטען, אַרויסיאָגען די גאַנצע משפחה, פאַרברענען דאָס מעבעל, אָפּ'סם'ן און דערנאָך פּאָלמעסען! אַ רציחה! אַז דאָקטוירים ווילען וויסען, וואָס די קרענק איז, סם'ט מען די ערשטע קראַנקע, און מען זוכט ביי זיי ווערימלעך אין די געדערים! וואָס זאָל מען אָבער טון? אז מען איז אין גלות— איז מען!...

אין אַפּט האָט אַ רופא אויסגעזאָגט, אַז דער דאָקטאָר סם'ט, האָט מען איהם אַריינגעזעצט אויף ברויט און וואַסער אויף דריי חדשים... איהר מיינט דעם דאָקטאָר? הם ושלום, דעם רופא!

און דעריבער, אַז סאַוויצקי ווייזט זיך אין גאַס, ווערט מען פּלוצלונג אוים מענש. ער וואַרפט אָן אויג אויף אַ פענסטער, לאָזט זיך אַראָפּ אַ פאַרהענגעל, פאַרשטעלט מען מיט אַ ליילעך, אַ קישען, מיט וואָס עס איז!

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען איז דאָס געשעל, וואו סאַוויצקי וואוינט, לעדיג געוואָרען... איבער נאַכט האָבען זיך פון דאָרט אַלע בעלי־בתים מיט די שכנים אַרויסגעצויגען. מען וויל נישט זיין אין זיין שטח! דאָס איז דער אמת'ער „אוי לרשע ואוי לשכנו!"

סאַוויצקי האָט עס באַמערקט און שווייגט. נאָך מעהר, ער

טרעט אפּ דערוויי‌ל דער שטאָדט. א קאַץ שפּרינגט אמאל אַזוי אוועק פון א מייזעל, עס וועט ד א ד נישט אנטלויפען!...

ער זיצט גאַנצע טעג אין דערהיים, אָדער ער שפּאַצירט הינ־טער דער שטאָדט אין דער בלאָטע. ער איז זיינס זיכער; נאָך וואָס זאָל ער רייצען דעם עולם און פאַרשען? אז עס וועט צו עפּעס קומען, וועט מען שוין וויסען? עס וועט זיך שוין אַרויסרייסען דורך טיר און פענסטער, עס וועלען זי ן קולות, ווי יום־כפּור; אידע־לעך האַלטען זיך נישט איין. דאָס ׳איז א פאָלק, וואָס שרעקט זיך מאָדנע פאַר׳ן טויט, און שטעהט אומבאַהאָלפען פאַר א קרענק! סאַוויצקי איז שוין געוועזען דאָ ביי א טיפוס־אונטערגאַנג. ער האָט שוין געזעהן, וואָס דאָס אַרבייט איבער, וואָס דאָס שרייט און ליאַ־רעמט אויס! עס האָט זיך איהם דאַמאָלט געדאַכט, אז ער טרינקט זיך אין א ים פון יאָמער און קלאָג! אָה — נייִן, זיי וועלען זיך נישט איינהאַלטען!

ער האָט אָפּגעטראָטען פון גאַס —

און יוסל האָט אויך אָפּגעטראָטען פון בית־המדרש מיט דער גאַס צוזאַמען! יענער האָט געוואָלט; דער האָט געמוזט!

זייט מען רעדט גערדיכטער פון דער מגפה, איז איהם די גאַנצע מרה־שחורה אַוועק, ווי מיט דער האַנט אַוועקגענומען! פאַרקעהרט, ער ווערט טאָג־טעגליך פרעהליכער, לוסטיגער, און, ניט ווילענדיג, לאָזט ער אַלע מאָל אַרויס א געלעכטער. ער קאָן זיך נישט איינ־האַלטען; עס שפּאַרט איהם; ער מוז אַרויסלאַכען! עס קיצעלט איהם אין אַלע אברים! וואָס בלאַסער עס ווערען די בעלי־בתים, אַלץ רויטער און לעבענדיגער ווערט זיין פּנים; וואָס נידעריגער זיי לאָזען אַראָפּ די קעפּ, הויבט זיך זיינער אַלץ העכער; וואָס דעמ־פּיגער עס ווערען זיינע שטימען, ווערט זיין קול לויטערער, קלינ־גענדיגער. און—וואָס מעהר דער בית־המדרש זיפצט, העכער איז זיין כאַ־כאַ־כאַ! און ער איז גאַרנישט שולדיג; עס לאַכט פון איהם אַרויס!

אין קופּקעלעך שטעהען מענשען, ווי די גולמות, מיט אָפּענע מיילער און שרעקען זיך א ריהר צו טון מיט אַן אבר, און אונטער איהם טאַנצען הענט און פיס... ער וואָלט יעדען שטענדער גע־קושט; דעם אויווען, די ווענט געלעקט!

— צי איז ער משוגע?״ פרעגט מען, „צי וועלכע רוחות?“

— „זיכער משוגע!“ ענטפערט מען.

— זיכער! מען דאַרף איהם שיקען אין דול־הויז אַריין!

פאַר'ן דול־הויז האָט אפילו יוסל קיין מורא נישט; ער ווייסט, אַז קהל וועט אויף דעם קיין הוצאות נישט לעגען. פאַר־אַ־יאָהרען איז אַ משוגע'נער פאַרפרוירען געוואָרען אינמיטען גאַס, נאָך אַ גאַנ־צען אַרומגעטאַנצטען ווינטער נאַקעט אין שניי. איבער דער גאַנ־צער צייט איז קיינעם נישט איינגעפאַלען, צו דינגען אַ פוהר, זי אַוועקצושיקען אין אַ הקדש אַריין. מען האָט אויף איהר שטאַרק רחמנות געהאַט: אַן אַנדערע, קריגט אַ דבוק, פאָהרט זי אַרום אויף דער וועלט; מאַכט כאַטש וועלכען גראַשען... זי האָט צו דעם אויך קיין שכל נישט!

די בעלי־בתים האָבען נאָר געזיפצט, און גאַרנישט! פאַר־וואָס זאָל ער, יוסל, זיין מעהר יחסן? ער וויל נישט היינט דער־בייזערען די בעלי־בתים: קיין אַנדער יתום איז טאַקע נישטאָ, נאָר, אַ קשיא אויף אַ מעשה, קהל קומט אין כעס אַריין, קאָן ער זיך ברענגען אַ יתום; אויך קאָן דערוויל עמיצער ו ו ע ר ע ן אַ יתום, אַ דאגה! און ווען נישט, וועלען די בעלי־בתים דאַרפען גע־בען דרשה־געשאַנק... איז טאַקע בעסער גוט צו לעבען מיט די לייט. צווייטענס, האָט ער מורא, מען זאָל איהם נישט אַמאָל טאַקע אָנ־נעמען פאַר אַן אמת'ן משוגע'נעם און זיך מ ו ז ע ן שאַפען אַן אַנדערען. מען וועט דאָך קיין אמת־משוגע'נעם נישט געהן חתונה־מאַכען! דאָס וואָלט אפשר קיין פעולה נישט געהאַט. און נאָך עפּעס — און דאָס איז דער עיקר — ער דאַרף ה ת ב ו ד ד ו ת, ער דאַרף! ער מוז זיין אַליין מיט זיינע געדאַנקען; ער מוז קלע־רען, טראַכטען, חלום'ען ביינאַכט און בייטאָג.

ביינאַכט האָט ער שוין רוה אין בית־המדרש. אַז דער עולם צוגעהט זיך און ער בלייבט אַליין מיט שטענדער און בענק, לויפט ער באַלד צו צום פענסטער, שפּאַרט אַן דעם ברענענדיגען שטערן אַן דער קאַלטער שויב; אין מח ווערט קיהל, די מחשבות געהען מיט אַ סדר... איז אַן אויסגעשטערנטע נאַכט, דאַכט זיך איהם, אַז די לבנה ווינקט איהם צו. דאָס הייסט, אַז יהושע בן נון זאָגט איהם אויף פאַנטאָמימע: „יאָ“, אָדער „ניין“, לויט ווי עס קומט איהם אויס...

בייטאָג, ווייטער, שלאָפט ער אַרום איינער אַליין הינטער

דער שטאדט. ער פיהלט נישט די פוילע קעלט, וואס גנב'עט זיך אריין דורך אלע לעכער פון זיינע בגדים; ער פיהלט נישט די נעץ, וואס געהט איהם אריין פראנק און פריי אין די האלב־אפענע שטי־וועל; ער מאכט מיט די הענט, שמועסט מיט זיך אליין, מיט די בלייערנע וואלקען, אדער מיט דער קאלטער, ווייסער ווינטער־זון... ער האט אזוי פיעל צו קלערען! אזוי פיעל צו רעדען! ער איז א י י ן יחוס, יתומות אבער זענען דא דריי, און ער וויל וויסען, וועלכע זיין באשערטע איז.

**אויפ'ן ערשטען פלאן שטעהט דבשה, ירמיה שוסטערס טאכטער.**

ירמיה שוסטער, איידער ער איז געשטארבען אויפ'ן לעצטען אונטערגאנג, פלעגט אויף איהם רחמנות האבען. אפט אהיים רו־פען צו זיך און פארריכטען איהם די שטיוועל. איינמאל האט ער איהם א פאר שוסטער־שיך געשענקט. ער פלעגט איהם אמאל מכבד זיין מיט א שטיקעל ברויט מיט שמאלץ, אמאל מיט א ציבעלע. יוסל פלעגט דערביי פון דבשה'ן קיין אויג נישט אראפ־לאזען.—א, ער געדענקט זי גוט! זי שטעהט איהם פאר די אויגען! א דיקע, געזונטע בהמה, רויט ווי א שמחת־תורה־עפעל... אן אייזערנע שטיק! ווי זי כאפט די האק אין האנט אריין, פליהען פון דער ליפע־קין שפענער אין דער לופט. ירמיה זאל נישט געוועזען שטארבען, וואלט ער אנגעשלאגען דעם שידוך. ער האט ליעב אזא געזונטע בריאה. אז ער דערמאנט זי, קומט איהם די שליגע אין מויל אריין! איין מאל — דאס קאן ער נישט פארגעסען — האט ער זיך מיט איהר געטראפען אויף די טרעפ. עס האט איהם צו־געצויגען ווי א מאגנעט! ער האט זיך צוגערוקט און אנגעריהרט זי ביים קלייד. האט זי איהם מיט גאר א לייכטען שטויס שיער נישט פון אלע טרעפ אראפגעווארפען. א גליק, וואס ער האט זיך פארטשעפעט אין דער פארענטשע! א צייט האט ער זיך געשעמט ארויפצואווייזען! ער האט מורא געהאט, זי זאל דעם פאטער נישט דערצעהלען... און שפעטער, אז ער האט שוין יא געוואלט זיך איינ־שטעלען דאס לעבען און ארויפגעהן, איז שוין ירמיה קראנק געווע־זען. עטליכע צוואנציג טאג האט ער געקרענקט און איז — גע־שטארבען! דערנאך איז דאס ווייב זיינס אוועקגעפאלען און אויך

געשטאָרבען. דבשה איז היינט א דינסט ביי שאול פּראָצענטניק. ער עסט אַמאָל דאָרט א טאָג. ער טרעפט זי אָפּט איינע אַליין אין שטוב, ער האָט דאָך די העזה נישט מיט איהר א וואָרט צו רעדען; אַזאַ קוק האָט זי שוין! נאָר אַז קהל וועט הייסען, וועט זי די העזה נישט האָבען אָפּצוזאָגען! קהל איז פאָרט קהל! — דבשה, טראַכט ער מיט א פול מויל מיט וואַסער, — וואָלט גוט געווען! ער קאָן זיך גאָר קיין בעסער ווייב נישט ווינשען! ער וועט אפשר אַמאָל לייזען פון איהר א „גלעט איבער דער באַק“, נו, מהיכא תיתי, עס איז מעשים בכל יום, און ער וועט עס אָננעמען פאַר ליעב... ער וועט זי נאָך קושען און האַלזען דערפאַר. ער וועט איהר וואַשען דעם שטויב פון די פּיס. ער וועט איהר נאַכגעהן ווי א קליין קינד. ער וועט זי פאָלגען. ער וועט זי גלעטען, פּיעטשען, דריקען צום האַרץ, פעסט, פעסט, פעסט... נאָך פעסטער, כאָטש דאָס האַרץ זאָל קלאַפּען נאָך מעהר ווי אַצינד. כאָטש עס זאָל פּלאַצען, עס זאָל אַרויסשפּרינגען, עס זאָל פון איהם די נשמה אַרויספליהען, שטאַרבען זאָל ער ביי איהרע פּיס, און דריקען וועט ער!

אַך! קהל זאָל נאָר איינפאַלען אויף איהר! איהר מינדסטע פינגערל איז דאָך מעהר ווערט, ווי אַן אַנדערענס א גאַנץ ווייב! ער וואָלט דערווייל מעהר נישט געוואָלט, נאָר איהר מינדסטע פינגערל!... ער וואָלט עס געקוועטשט און געקוועטשט, געדריקט מיט אַלע כחות, איהר אויסצואווייזען, אַז זי וויל א חתן...

נאָר טאָמער פאַלט איין קהל אַן אַנדער יתומה?

אָט, אויפ'ן הייליגען אָרט איז אויך דאָ א יתומה, ס'איז דאָ, כאָטש ער ווייסט נישט, ווי זי הייסט... זי איז אפילו נאָר א האַלבע יתומה, אָהן א מאַמע נאָר, א טאַטען האָט זי. דאָך איידער אַזאַ טאַטען, איז גלייכער גאָרנישט צו האָבען! א שעהנער פאַרשויןבערל קברן; א גאַנצען טאָג שכור'ט ער און שטאָרט אין אַלע שענקען, און לאָזט זי איבער איינע אַליין אויפ'ן הייליגען אָרט צווישען די קברים... טיילמאָל קומט ער נאָך אַהיים שכור און שלאָגט זי נאָך, זאָגט מען; שלעפּט זי אַרום ביי די צעפּ, מעסט מיט איהר אויס די קברים... די גאַנצע שטאָדט זאָגט עס. נאָר מען וועט זיך נישט אַריינמישען, מען האָט מורא פאַר איהם; א שכור און א גבור דערצו! ער האָט פאַר־א־יאָהרען משה גלעזער א קלאַפּ געטאָן פאַר חבר'קייט אונטער א זייט, האָט ער אויף אייביג א לונג־פעהלער באַ־

קומען. ער ווערט טאָג־טעגליך געלער, פאַלט אין דער זאַך אַריין. קוים וואָס ער אָטעמט נאָך !... אַז די טאָכטער לעבט נאָך, איז זי פון אייזען. די מוטער איהרע האָט ער טאַקע יונגערהייט פאַריאָגט אין קבר אַריין. און וואָס וויל ער פון דער טאָכטער ? — עס כאַפּט יוסל׳ען אַז אַ וועהטאָג ביים האַרץ ! איין מאָל האָט ער זי געזעהן און קאָן זי שוין נישט פאַרגעסען... געזעהן האָט ער זי טאַקע אויף ירמיה שוסטערס לויה. ער האָט דאַמאָלט עפּעס מורא געהאַט צו־צוגעהן נעהנטער צום קבר. ער האָט מורא געהאַט זיך צו טרעפען ביים קבר מיט דבשה׳ן. זי וויינט אודאי, און איהרע טרערען וואַל־טען זיך ווי הייס בליי געגאָסען איהם אויפ׳ן האַרץ... האָט ער זיך אָפּגערוקט און אַרומגעדרעהט זיך פון דערווייטענס לעבען טויטען־שטיבעל און איז אַ פּאָר מאָל פאַרבייגעגאַנגען פאַר בערל קברן׳ס פענסטער. ער האָט זי דערזעהן, ווי זי איז געשטאַנען מיט אַראָפּ־געלאָזטע ברעמען און געשיילט קאַרטאָפעל... אַ בלאַסע, אַן איידע־לע ! ער וואָלט זי מיט איין האַנט אַרומגענומען... נאָר אַ גוטע מוז זי זיין, זי האָט שוין אַזוינע אויגען, אַזאַ בליק ! איינמאָל האָט זי אינגאַנצען אויפגעהויבען די ברעמען, און ער האָט תוך כדי דבור אַן דבשה׳ן, אַן דער גאַנצער לויה פאַרגעסען — אַזאַ גוטסקייט האָט אַרויסגעשטראַלט פון איהרע בלויע אויגען, און אַזאַ זיסער חן איז איהר אויסגעגאָסען געוועזען אויפ׳ן פּנים... אַזאַ גוטען חן האָט גע־קאָנט האָבען נאָר אסתר המלכה. אסתר המלכה איז אָבער גרין גע־וועזען און זי איז ווייס ווי אַלבאַסטער. האָר האָט זי שוואַרצע ווי קויל, נאָר די האָר וועלען שפּעטער נישט זיין. אַי, איז זי אַ שעהנע ! עפּעס כאַפּט זי אַן באַלד ביים האַרץ !

און זי האָט גאָר אויף איהם אַן אַנדער פעולה : אַז ער זעהט דבשה׳ן, קאָכט איהם אויף דאָס בלוט ! אויף איהר אָבער, אַז ער האָט געקוקט, איז איהם עפּעס אַזוי גוט, אַזוי לייכט, אַזוי וואַרעם געווען !

פון דאַמאָלט אָן פלעגט ער געהן אויף אַלע לויות, און אַריינ־וואַרפען אַ בליק אין פענסטערל...

— יאָ, אויף איהר באַשטעהט ער אויך. אדרבא, זאָל זיין זי... מהיכא תיתי... פאַרקעהרט, אפשר בעסער זי...

ער וואָלט זיך מיט איהר אַרומגעטראָגען, ווי מיט אַ צאַצקע. ער וואָלט זי גאַנצע טעג געצאַצקעט און אַלץ פאַר איהר געטאָן. ער

וואלט זי נישט געלאזט ארייגשטעקען די הענט אין קאלט וואסער! ער וועט האלץ האקען, קאכען, באקען, גרעט וואשען, ער וועט אלעס טון פאר איהר. נאר מיט איין באדינג, זי זאל שטעהן און קוקען אויף איהם און שמייכלען! וועט ער האבען צייט, וועט ער זי ארומטראגען, ווי א קליין קינד אויף די הענט. אין דערפריה וואלט ער זיך אויפגעכאפט מיט'ן טאג צוגלייך. ווינטער וואלט ער באלד איינגעהייצט אין אויווען, זומער — באלד צוגעשטעלט א טעפעל וואסער אויף טיי. ארומגעגאנגען וואלט ער שטיל, אויף די נעגעל. שטילערהייט וואלט ער איהר אפגעפוצט דאס קלייד, די שיך... ער וואלט איהר שטילערהייט דאס אנטון צוגעשטעלט צום בעט. דער־נאך וואלט ער ערשט צוגעגאנגען שטיל, גאר שטיל צום בעט. ער וואלט זיך איבער איהר געבויגען, לאנג, לאנג אזוי געקוקט... ביז די זון וואלט ארויף אויף'ן הימעל, עס וואלט רעכט טאג ווערען, די זון זאל שוין ליגען אין פענסטער, דאמאלט ערשט, וואלט ער זי אויפגעוועקט בנשיקה! — עס וואלט געווען א לעבען ווי אונטער דער זון.

און עס איז א גוטער שדוך אויך! אוי, אוי!... דבשה מוז האבען א פאר גילדען, זי זאמעלט! נאר זי האט אבער א חזקה, א פרנסה אין דער האנט! עס איז ידוע לכל, אז בערלען פארברענט דער בראנפען; דער רופא זאגט, אז ער עסט שוין נישט, אז ער געהט ארום מיט געלעבערטע קישקעס, רחמנא־לצלן. וואלט ער טאקע איבער הונדערט און צוואנציג יאהר איבערגענומען דאס קברנות... פארוואס נישט? אין דער התחלה וואלט ער אפילו מורא געהאט פאר די מתים, מען געוואוינט זיך אבער צו... מיט איהר צור־זאמען וואלט ער זיך צום גהינום צוגעוואוינט... קיין שעהנע פרנסה איז עס נישט; פאר דאס אבער וואלט ער געוואוינט הינטער דער שטאדט, באזונדער, קיינער וואלט איהם נישט נאכגעקוקט!... עס קאן זיין א לעבען, א גן־עדן אויף'ן בית־עולם!

און טאמער פאלט דער גורל אויף „לאפיי“? „לאפיי“ איז א צונאמען פון א דריטער יתומה. די אז ער דערמאנט, ווערט איהם קאלט אין אלע אברים! זי איז שוין א שטאדטישע יתומה... אין א יתומה זייט ער געדענקט. א קראנקע, מיט א גרויסען קאפ, אויס־געקראכענע האר און עפעס משונה'דיגע פיס. זי געהט נישט אויף דער פאדעשווע, אויף די פינגער געהט זי, מיט די פיענטעס אין

דער הויך. געהענדיג, שאָקעלט זי זיך און וואַקעלט זיך ווי אַ שכור... זי טרעפט ער שוין אָפּט אין גאַס; קיין אָרט פאַר זיך האָט זי נישט. זי געהט פון הויז צו הויז, באַדינט אַלע דינסטען; ד ע ר טראָגט זי וואַסער, יענער האָלץ, ד ע ר העלפט זי צו־האַקען אַביסעל קיין, דאַ טראָגט זי אַרויס אַ שאַף, דאָרט גיסט זי אָן אַ וואַנע... האָט זי נישט קיין אַרבייט, בעטעלט זי. איין מאָל אין יאָהר וואַשט זי אויס די פּאָדלאָגע אין בית־המדרש. וואו זי נעכטיגט, ווייסט ער נישט... לאַפּיי, לאַפּיי! זי שטעלט זיך איהם פאַר די אויגען, און עס כאַפּט איהם אָן אַ שוידער...

קאַלט ווערט איהם אין אַלע אברים! זי מוז שוין אַלט זיין אַ יאָהר פיערציג; זייט ער געדענקט זי, זעהט זי אַלץ אַזוי אַלט אויס...

— רבונו של עולם! — שרייט ער אויס פאַר שרעק, — דאָס וואָלט שוין ערגער געווען ווי געהאַנגען. ער שיקט די דערשראָקענע אויגען מיט אַ געבעט צום הימעל אַרויף. אויפ'ן בלאַסען שטערן באַווייזען זיך גרויסע טראָפּען שווייס ווי די אַרבעס.

עס דערוועקט זיך דאַך זיין רחמנות אין האַרץ; אויף איהר איז אויך אַ רחמנות... זי וויל אודאי אויך חתונה האָבען... זי איז אויך אַ בלודנע שאָף, אויך אַ יתומה! זי האָט אויך נישט מעהר, ווי אַ גאָט אין הימעל! עס גלוסט זיך איהם צו וויינען אויף איהר און זיין מזל צוזאַמען!

ער האָט אַ ישוב און גיט זיך איבער גאָט אין די הענט אַריין! וויל גאָט, חס ושלום, זי, זאָל זיין זי! ער פאַרלאָזט זיך, בעפאָר אויף גאָט, דערנאָך אויף קהל. וועלכע גאָט, ברוך הוא, וועט באַ־שערען און קהל וועט געבען, מיט דער וועט ער לעבען, די וועט ער עהרליך האַלטען, דער וועט ער געטריי זיין, דער וועט ער זיין אַ מאַן ווי אַלע מענער, — די אַנדערע וועט ער פאַרגעסען...

דערוועקט זיך־אָבער אין איהם אַן אַנדער זאָרג: אויב זיין באַשערטע איז „לאַפּיי", וואו וועלען זיי זיך אַהין טון? וואו וועט מען וואוינען? וואָס וועט מען טון? זי האָט נישט קיין דרייער ביי דער נשמה, געהט אָפּגעריסען, אָפּגעשליסען... די דינסטען קויפען ביי איהר אָפּ די בכורה פאַר אַביסעל נעכטיגע קאַרטאָפעל; פאַר אויסוואַשען די בית־המדרש־פּאָדלאָגע נעמט זי שני זהובים! אויף

טרוקען ברויט איז ווייניג! און ער, וואס קאן ער טון? צו וואס קאן ער טויגען?

וואלט ער נישט לאם געוועזען, וואלט ער א משולח געווארען... קיין מלאכה קאן ער נישט... סיידען — טרייסט ער זיך — ער זאל ווערען א מלמד! צו דער וועטשערע וועלען אלע בעלי־בתים געבען דרשה־געשאנק; פאר דעם געלט וועט ער זיך קויפען א „שטוב“ און זעצען זיך קנעלען! פארוואס נישט? אזוי פיעל לערנען, וויפיעל א מלמד דארף, בפרט א דרדיקער, קאן ער נאך... נאר וואס עס וועט זיין, אבי א ווייב! עס זענען דא אידען, וואס האבען נאך מאוס'ערע ווייבער און זענען גרעסערע קאליקעס... און מען לעבט! א ווייב איז א ווייב... אבי נישט אליין, אבי נישט קיין „טעג“!

און אפשר וועט איהם נאך געראטען צו קריגען איינע פון יענע צוויי... און ער מאלט זיך ווייטער אוים א גן־עדן... און ער שמייכעלט ווייטער צו דער בלאטע און טענ'עט מיט די בלייערנע וואלקען...

שא! עס פאלט איהם איין א שטיקעל יושר: ער זאל וויסען זיכער, אז דער ארעמער „לאפיי“ איז באשערט, זי זאל, חס ושלום, אומקומען אין דער מגפה, וואלט ער געוואלט חתונה האבען מיט איהר... זאל זי נעבעך כאטש פאר'ן טויט האבען א מאן, באדיי אויף א חודש! פארוואס נישט? דאך א אידישע טאכטער! איהם וואלט עס נישט געשאדט און פון גאט, ברוך הוא, וואלט עס א יושר געווען... ער, חס ושלום, ווינשט איהר נישט דעם טויט... פאר־קעהרט, ער האט רחמנות אויף איהר... ער פיהלט און ווייסט, וואס מען מיינט ע ל ע נ ד, איינע אליין, שטענדיג איינע אליין...

## 5.

## סאוויצקי מיט יוסל'ען צוזאמען.

שלאפענדיג, פארטיפט אין די געדאנקען, אין דער בלאטע, האט יוסל ישיבה־בחור איינמאל פלוצלונג דערפיהלט, אז עמיצער האט איהם אנגעכאפט בייס ארבעל. ער דרעהט זיך אום דערשראקען.

און דערשרעקט זיך נאך מעהר, דערזעהענדיג, אז עס איז דער דאָק־טאָר סאַוויצקי.

סאַוויצקי מיט יוסל'ען פלעגען זיך גאַנץ אָפט באַגעגענען הינ־טער'ן שטעדטעל. ביז אהער האָט יוסל יעדעס מאָל אראָפּגעבאַפּט די צוריסענע כובע און געבויגט זיך ביז צום נאַפּעל פאַר'ן קריסט; סאַוויצקי — האָט דאָס ערשטע מאָל אויסגעשפיגען, דאָס צווייטע מאָל געוואָרפען א בייזען אַנטיסעמיטישען בליק, דאָס דריטע מאָל פראָסט געקוקט אין די אויגען אריין, שפּעטער שוין א לייכטע׳ שמייכעל געטאָן און — ערשט היינט — דאָס ערשטע מאָל, איהם אָנגעכאַפּט ביים ארבעל.

זיי האָבען זיך ביידע אין די אויגען דערקענט, אַז זיי האָבען עפּעס בשותפות! אינ'ם בליק האָבען זיי דערפיהלט, אַז זיי ביידע האָבען עפּעס איין „עסק", א י י ן האָפנונג, אַז עס בינדט זיי עפּעס איין זאַך צוזאַמען.

סאַוויצקי איז א י י נ ע ר אליין אין שטאָדט; פריהער פלעגט ער אריינקומען צום אַפּטייקער, נאָר דער האָט איהם, ערשט נישט לאַנג, געגעבען אָנצוהערען, אז ער מאַכט איהם שאָדען אין לייזונג; אז דורך סאַוויצקי'ן, האָט דער עולם מורא צו קויפען ביי־טער־וואַסער און ריצען־אויל, אין וועלכען עס שטעקט דעם אַפּ־טייקערס עיקר פרנסה...

די מעשטשאַנעס, די קריסטען האָבען איהם אויך שפּעטער אָנגעהויבען צו ווייכען; זיי גלויבען אויך, אַז דאָקטוירים סם'ען, און סאַוויצקי וועט אויך נישט בעסער זיין...

עס איז נאָך אַרוים א קול, אז ערגעץ אין א שטעדטעל האָבען די „ליקעס" פאַרברענט א „שפּיטאַלנע באַראַק" און פאַרשטיינט דעם דאָקטאָר. אין די אויגען ביי די מעשטשאַנעס באַוויזט זיך גאַנץ אָפט א מין פייערל, וואָס זאָגט גאָר קיין גוטס נישט צו.

יוסל באַגעהט זיך אָהן מענשען; סאַוויצקי בענקט שוין שטאַרק צו א מענש. עס וואונדערט איהם אליין, פאַרוואָס דעם לאַמען זשידלאָקס געשטופּעלט פּנים זעהט איהם אַצינד אַזוי פריינדליך אויס; אגב האָט ער צו איהם א שטיקעל געשעפט: עס קאָן זיין, אַז די מגפה איז שוין ד אָ, נאָר מען באַהאַלט זי! ביי דעם זשידלאָק קאָן מען עפּעס געוואָר ווערען.

אנגעכאפּט ביים ארבעל, האָט יוסל אַ ציטער געטאָן. ער איז דאָך באַלד צו זיך געקומען און אפילו נישט באַמערקט, ווי גע־שווינד סאַוויצקי האָט צוריקגעכאַפּט די האַנט פון זיין ברודיגען ארבעל; ער האָט נאָר געזעהן, אַז סאַוויצקי איז אַצינד נישט בייז, אַז ער שמייכעלט.

— אַ צאַ — פרעגט סאַוויצקי — אַ צאַ, ניעמאַ כאָלערי?*)

יוסל איז אַ פּאָר מאָל ארויסגעפאָהרען מיט'ן שטאָדט־דין אויף אַ דאָרף אין אַ מיהל אריין, צו היטען ווייץ אויף פּסח, און האָט זיך דאָרט אויסגעלערענט עטליכע ווערטער פּויליש. סאַוויצקיס שאלה האָט ער פאַרשטאַנען; דאָס וואָרט „כאָלערי" האָט איהם אפילו, ביי דער גאַנצער האַפנונג, וואָס ער האָט אויף דער מגפה געהאָט, אַ שטאָך געטאָן „אין דער זיבעטער ריפּ", דאָס פּנים האָט זיך איהם פאַרקרימט. — ער האָט זיך דאָך בארוהיגט און גע־ענטפערט:

— ניעמאַ, וויעלמאָזשני פּאַניע, ניעמאַ!**)

נישט ווילענדיג, האָט זיין תשובה טרויעריג געקלונגען.

זיי זענען זיך באַלד צוגאַנגען; דעם צווייטען טאָג זיך ווייטער געטראָפען. זיי זענען זיך ווייטער אַנטקעגענגעקומען.

יוסל האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ זייט, ווי אַ זעלנער „פּאָד פראַנט", נאָר אַהן דער האַנט צום דאַשעק; סאַוויצקי האָט זיך אביסעל פאַרהאַלטען און געפרעגט:

— אַ צאַ? אי דזשיש ניעמאַ?***)

— ניעמאַ, וויעלמאָזשני פּאַניע, ניעמאַ. — האָט יוסל די איינענע תשובה געגעבען.

דעם דריטען טאָג האָבען זיי זיך ווייטער געטראָפען, און שוין לענגער געשטאַנען צוזאַמען.

סאַוויצקי האָט אויסגעפרעגט, צי מען הערט נישט עפּעס בכלל פון לאַקסירען און ברעכען, כאָלערינקע, דיאַריע, אָדער אַזוי פון מאָגען־ און קישקע־קראַנקהייטען.

נישט אַלץ האָט יוסל פאַרשטאַנען פון סאַוויצקי'ס רעד, גע־

---

*) נו וואָס? נישטאָ קיין כאָלערע?

**) נישטאָ, פּריץ (בעסטער הער), נישטאָ.

***) נו, וואָס? היינט אויך נישטאָ?

שטויסען האט ער זיך דאך ריכטיג, אז ער פרעגט אויף קרענק, וואס זענען א מין הקדמה צו דער מגפה.

— ניעמא, וויעלמאזשני פאניע, ניעמא! — האט ער אלץ אינאיינעם געענטפערט. ער האט געוואוסט, אז אין שטעדטעל איז נאך גאר שטיל.

— ניעמא, אליע בענדזשיע!*) — האט איהם סאוויצקי, אוועקגעהענדיג, צוגעווארפען א טרייסט.

עס איז אוועק א שטיקעל צייט, און זיי פלעגען שוין,ביים טרעפען זיך, צוגעהן א שטיקעל וועג צוזאמען. סאוויצקי האט אלץ אויסגעפרעגט, שטענדיג געהערט די אייגענע תשובה „ניעמא, פאניע, ניעמא", און שטענדיג געטרייסט זיך און יוסל'ען מיט „אליע בענדזשיע"...

— מושי פשישטש!**) — זאגט ער מיט זיכערהייט, און יוסל זעצט זיך עס איבער אויף לשון קודש: „אף על פי שיתמהמה, אחכה לו", און עס וואקסט אין איהם דאס הארץ. ער ווינשט נישט, חס ושלום, קיין שלעכטס דעם שטעדטעל. סאוויצקי אפשר וויל א גרויסע מגפה... ער — האט גענוג א קליין מגפה'לע, א כזית'ל... עס זאל אפילו קיינער, חס ושלום, נישט נפטר ווערען! א פאר בעלי־בתים זאלען נאר אנהויבען... ווי עס איז, וועט שוין גענוג זיין, ער וויל נישט מעהר! זיין ערגסטען שונא ווינשט ער נישט דעם טויט!

עס האט אזוי געדויערט א חודש. סאוויצקי איז שוין אבי־סעל אומגעדולדיג געווארען און האט פארגעשלאגען יוסל'ען אז עסק: ער איז זיכער, אז אין שטאדט מוז עפעס זיין, נאר מען באהאלט... מען היט זיך מיט דער מגפה... אידען האבען שטענדיג מורא... דעריבער שלאגט ער פאר יוסל'ען, ער זאל נאכפארשען, גע־וואר ווערען, און איהם מודיע זיין, כאטש פון אן באהאלטענעם צו־פאל, פון א ליארע וואס... ער וועט איהר זעהר דאנקבאר זיין...

---

סאוויצקי רעדט פאר יוסל'ען צו געשווינד און צו „הויך פוי־

*) נישטא, נאר ס'וועט זיין!

**) זי מוז קומען.

ליש". דאך האט ער דערפיהלט, אז סאוויצקי וויל איהם דערמיט מאכען פאר א מסור; אז ער וויל, ער זאל איהם פאר'מסר'ן אידישע קראנקע.

— ניין, — טראכט ער ביי זיך, — ניין, יוסל וועט קיין מסור נישט זיין! ער וועט נישט אויסזאגען סאוויצקי'ן אווארט. נישט ווילענדיג, שאקעלט ער דאך, פאר דרך־ארץ, מיט'ן קאפ אויף יא, און סאוויצקי געהט אוועק.

יוסל באפעסטיגט זיך מיט דער דעה, סאוויצקי'ן קיין ווארט נישט צו זאגען. נאר ער אליין פאר זיך וועט חוקר ודורש זיין, טאמער באהאלט מען טאקע, זאל ער וויסען.

יוסל הויבט אן ארומצוגעהן צווישען די מנינים פריה און שפעט ביים דאווענען; צי עמיצער פעהלט נישט. האט ער עמיצען ביים דאווענען נישט באמערקט, הויבט ער באלד אן חוקר ודורש צו זיין, וואס די מעשה איז. עס האט אבער צו גארנישט גע־בראכט; עס האט זיך שטענדיג אויסגעלאזט מיט גארנישט. עס האט זיך אויסגעוויזען, אז איינער האט זיך איינגעשטעלט דאס לע־בען און איז ארויס אויפ'ן דארף עפעס איינקויפען. דער צווייטער האט זיך, נאך א קריג מיט'ן ווייב, געשעמט מיט א געשוואלענער באק צו קומען אין בית־המדרש אריין. א דריטער האט זיך א צאן אויסגעריסען ביים רופא און מען קאן איהם עפעס דאס בלוט נישט אזוי געשווינד פארהאלטען. — און נאך אזוינע קליינע קלייניגקיי־טען, וואס געהערען זיך גארנישט אן מיט דעם ענין, וואס יוסל'ען אינטערעסירט, און ער האט יעדעס מאל גאנץ עהרליך אפגעגעבען סאוויצקי'ן דעם אייגענעם רעפארט:

— ניעמא, פאניע וויעלמאזשני, ניעמא!

דערביי האבען זיי שוין טאג־טעגליך איינער אויפ'ן צווייטען געווארט און מיט יעדען טאג לענגער גערעדט.

יוסל האט זיך געהאלפען מיט אלע אברים, אז סאוויצקי זאל איהם פארשטעהען; ער האט געארבייט מיט פיס און מיט הענט. און סאוויצקי, וואס האט זיך שוין צוגעוואוינט צו זיינע תנועות, האט דאך געמוזט גאנץ אפט אפשפרינגען פאר יוסל'ס הענט.

סאוויצקי האט אלץ נישט געקאנט פארשטעהען, אין וואס יוסל'ען געהט, פארוואס יוסל האלט זיך אזוי אפגעזונדערט פון

קהל; פארוואס, לויט ווי מען זעהט בחוש, וויל ער אויך, עס זאל קומען די מגפה—נאר ער האט קיין צייט נישט געהאט מיט דער רעטעניש זיך צו פארנעמען... א איד צו דערגעהן! מן הסתם האט ער א נעשעפט דערינען! אפשר האנדעלט ער מיט ליינוואנט אויף תכריכים! אפשר מאכט ער ארונות! פאר דאס אבער, האט ער אמאל באמערקט, אז יוסל פאלט אפ ביי זיך, אז ער איז נישט אזוי זיכער ווי ער, אז היינט מארגען „מוז זי קומען“, האט ער איהם אויסגערעדט דאס הארץ, געשטארקט און מבטיח געווען, אז קהל קאן נישט ניצול ווערען, אז זי מוז קומען!

סאוויצקי, האלט עס ברור כשמש, אז זי מוז קומען. זי רוקט זיך דאך אלע מאל נעהנטער! מען שרייבט דאך אין אלע צייטונגען! און אזוי האט אפגעדויערט א חודש אנדערטהאלבען. די גרויסע פרעסט, אויף וועלכע קהל האט געהאפט, זענען נישט געקומען; נאר די מגפה, אויף וועלכער סאוויצקי און יוסל האבען געהאפט, האט זיך אויך נישט געוויזען. סאוויצקי אליין הויבט שוין אן מסופק צו זיין. דאך, טרייסטענדיג יוסל'ען, שטארקט ער זיך אליין אין דער דעה. עס איז פארט נישט מעגליך, זי זאל אהער נישט קומען! עס איז דען דא נאך אזא אומריין שטעדטעל?! וואו נאך עסט מען אזוי פיעל אונגערקעס, רויהע אויבס און ציבעלעס! וואו נאך איז מען אזוי נישט געווארענט מיט קאלט וואסער און אומגעקאכטס? אינ'ם גאנצען שטעדטעל זענען פאראן, אפשר ביי צוויידריי גבירים בלעכענע סאמאווארען, דריי־פיער הייזער זענען דא, וואו מען מאכט טיי. דער רעשט עולם טרינקט באר׳ליך־יויך נאך געזאלצענעם טשאלענט; פיש פארקויפט מען פראנק און פריי — אלטע, פוילע...

זי מוז קומען!

עס זענען טאקע דא אזוינע שטעדט, אויף וועלכע די מגפה האט קיין שליטה נישט. למשל: אאכען, בירמינגהאם און אנדערע, וואס יוסל קאן אפילו זייערע נעמען נישט דערכאפען; נאר דארט עסט מען קיין טשאלענט נישט און טיי ווערט געטרונקען פון דיסטילירטען וואסער — דאס איז עפעס אנדערש!

דערווייל איז אריבער נאך א וואך און מען הערט פארט נישט! פארקעהרט, עס איז געקומען א ידיעה, אז אין אפטע האט „זי“ שטארק נאכגעלאזט, ראכעוו איז שוין נעעפענט... אין צויזמיר האט

מען אפילו דאס טיי־הויז, וואס מען האט לעצטענס געעפענט פאר ארעמעליים דעם גובערנאטאר צוליעב. — פארמאכט... יוסל הויבט אן קלערען, אז אין זיין פינסטער מזל וועט זיך פון אלעם אויסלאָזען א בוידעם... אדער, אז זיין שטעדטעל איז אויך אזא מין ביר־מינגהאם, אז אויף איהר האט אויך די מגפה קיין שליטה נישט. ער הויבט צוריק אן אומרוהיג צו שלאפען, ער הויבט אפילו אן צו זיין אומרוהיג בייטאג. די כלות רוקען זיך איהם אפ אלץ ווייטער און ווייטער, און, אויסער, די איינע האלבע שעה, ווען ער טרעפט זיך און רעדט מיט סאוויצקי׳ן, האט ער קיין רגע רוה נישט.

ער זעהט בחוש, אז די שטאדט־לייט ווערען אלע מאל רוהי־גער און רוהיגער... דערווייל איז נאך געקומען א ידיעה, אז אין די דערפער ארום איז שוין גאר שטיל אינגאנצען. דאס גאנצע שטעדטעל האט אויפגעלעבט. די ווייבער האבען אויפגעהערט צו מאכען יללות אין „עזרת נשים“, אינגערע קומען שוין אפילו נישט דאווענען, נאר, ווי אמאל, משבת לשבת. דעם רופא׳ס ווייב קלערט שוין צוריק אנצוטון דאס שייטעל, אויפ׳ן בעדערס דינסט רעדט מען ווייטער אסור לדבר און מען האט זי שוין אפילו פאר׳מסר׳ט פאר׳ן רב. עפעס א משכיל הויבט אן ווייטער צו שרייבען לשון־קודש. תבואה־סוחרים הויבען אן ארויסצופאהרען, מעקלער פאר־דינען, זונטאג איז דער מארק פול מיט פייערען, די שענקען לייזען. מען לייזט אויך פאר זאלץ, פאר נאפט און אנדערע סחורות. דאס שטעדטעל קריגט צוריק די אלטע צורה, די פארהענגלעך פון די פענסטער זענען פארשוואונדען, סאוויצקי׳ס גאס האט צוריק אויפ־געלעבט.

יוסל׳ען ווערט טאג־טעגליך ערגער!...

עס פאלט שוין אויף איהם טיילמאל צוריק די אלטע מרה־שחורה. אויפ׳ן ארט פון כלות, זעהט ער שטענדיג פאר זיך דעם שטריק אויפ׳ן שויל־בוידעם. ער זעהט, ווי ער וויגט זיך. ער ווינקט איהם, ער רופט איהם: קום, קום! ווער פטור קהל, ווער פטור דאס ביטערע יתום׳שע לעבען! נאר ער שטארקט זיך נאך: סאוויצקי איז פארט א דאקטאר, ער מ ו ז דאך וויסען! און סאוויצקי האלט זיך אלץ ביי זיינעם!

איינמאל האט יוסל סאוויצקי׳ן אונטער דער שטאדט נישט

געטראָפען, און דוקא אינ'ם ערגסטען טאָג, וואָס יוסל האָט דאַ־מאָלט געהאַט.

באַלד אין דערפריה, קוים וואָס ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, עס איז נאָך פינסטער געוועזען אין בית־המדרש, איז אריין דער שמש מיט א שמחה, מיט א גדולה: הערסט, יוסל! פון ראַבעוו איז שוין דער דאָקטאָר מיט'ן סטודענט אַפּגעפּאָהרען! און ביינאַכט — הערסט — בשעת'ן מולד, האָט געכאַפּט א שטאַרקער פראָסט, אַ אייזערנער פראָסט! אוים מגפה! האָט דער שמש אויסגעשריגען און געלאָפען קלאָפּען „אין שול אריין" מיט דער בשורה טובה.

יוסל האָט זיך געשווינד אַנגעטאָן, דאָס הייסט: ער האָט גע־כאַפּט אויף זיך די קאַפּאָטע, מיט וועלכער ער האָט זיך צוגעדעקט, און אָנגעהויבען שפּרייזען אומרוהיג איבער'ן בית־המדרש. אַלע מאָל צוגעשפּרונגען צום פענסטער, זעהן, צי עס ווערט נישט טאָג, צי עס איז שוין נישט צייט ארויסצולויפען צו סאַוויצקי'ן. קוים איז טאָג געוואָרען, האָט ער אָפּגעדאַווענט, און איז ארויסגעלאָפען, אומ־געגעסען, אונטער דער שטאָדט. ער פיהלט, אז אהן סאַוויצקי'ס טרייסט, קאָן איהם דאָס הארץ פּלאַצען.

הונגעריג האָט ער זיך אַזוי ארומגעדרעהט ביז מיטאָג־צייט; סאַוויצקי איז נישט געקומען, ער מוז וואַרטען. עס פלעגט אָפט טרעפען, אז סאַוויצקי איז געקומען ערשט נאָך מיטאָג.

ער איז הונגעריג, שטאַרק הונגעריג. עס פאַלט איהם דאָך נישט איין, צו געהן אין שטאָדט אריין עסען; ער מוז וואַרטען אויף סאַוויצקי'ן. אהן איהם, אהן זיין טרייסט, וועט איהם קיין ביסען נישט דורכ'ן האלז; ער וועט נאָך האָבען א שרעקליכע נאַכט. עס וועט איהם ווייטער ציהען דער שטריק... ניין, ער מעג אַמאָל פאַסטען! עס געהט אַוועק נאָך א שעה, עס ווערט טונקעלער. דער מאַטער פלעק פון דער ווינטער־זון אונטער'ן וואָלקען לאָזט זיך אַלץ נידעריגער אראָפּ, און וועט באַלד פאַרשוואונדען ווערען הינטער וואַ־סיל'ס מיהל. ער ציטערט פאַר קעלט; ער לויפט זיך איבער, קלאַפּט איין האַנט אין צווייטער, זיך צו דערוואַרעמען, און סאַ־וויצקי ווייזט זיך אַלץ נישט! אַזוי פאַרשפּעטיגט האָט ער זיך נאָך קיין איינציג מאָל נישט.

ער הויבט אַן קלערען, אז סאַוויצקי'ן האָט געמוזט אַן אומ־גליק טרעפען; ער האָט געמוזט קראַנק ווערען, אַוועקפאַלען... און

אפשר גאר — ווערט ער בייז -- שפילט ער אין קארטען, א קשיא אויף א גוי! און דער פלעק פון דער זון זעצט זיך אלץ טיפער און טיפער, און פון דער צווייטער, ריינערער זייט הימעל, ווייזט זיך אן אנדער ווייסער דינטשיקער פלעק, ווי א סערפ, דאס איז די יונגע לבנה... עס איז שוין מנחה־צייט.

יוסל פארלירט די האפנונג, סאוויצקי וועט שוין זיכער נישט קומען. עס כאפט איהם אן א געוויין. הונגעריג און געפרווירען לויפט ער אין בית־המדרש אריין כאטש אפדאווענען מנחה־מעריב.

אין גאס האט ער כמעט קיינעם נישט באגעגענט. די מענער זענען ביים דאווענען. דורך די שויבען־טירען פון די קליינע געוועלבלעך רייסט זיך אלע מאל ארויס א פרעהליכער, ווייבערישער קול, וואס יאגט איהם נאך ביז די בית־המדרש־טרעפ. עס ציטערען אונטער איהם די פיס פאר מידקייט און פאר שרעק. עס האט געמוזט קומען נ א ך א פרעהליכע ידיעה, אז די ווייבער רעדען אזוי הויך און לאכען!

ער הויבט זיך קוים אויף די טרעפ. הינטער דער טיר בלייבט ער שטעהן. ער האט נישט דאס הארץ אראפצודריקען די קלאמקע. מען דאווענט נאך נישט, נאר דער עולם רעדט אזוי געדיכט, אזוי פרעהליך; גאט ווייסט, וואס פאר א נחת די בעלי־בתים האבען! פלוצים ווערט ער בייז און פראלט אויף די טיר. —

— און סאוויצקי — זענען געוועזן די ערשטע ווערטער, וואס ער האט דערהערט -- איז אויך שוין, ב"ה, אוועקגעפאהרען, פליטה געמאכט!

— זיכער? — פרעגט עמיץ.

— אליין געזעהן! — ענטפערט א צווייטער — מיט מיינע אייגענע אויגען.

יוסל האט מעהר נישט געהערט. די פיס האבען זיך איהם אונטערגעהאקט, דער גאנצער גוף האט אנגעהויבען ציטערען; ער האט זיך קוים צוגעשלעפט צו א באנק און איז געבליבען זיצען ווי פארשטיינערט, מיט גרויסע, ארויסגעזעצטע אויגען...

## 6.

## דער סוף.

דער פרעהליכער עולם האט עס נישט באמערקט; מען איז ארויסגעגאנגען נאך מעריב (טייל ערשט נאך א בלאט גמרא, צי א פרק משניות) און איבערגעלאזט יוסל'ען אליין ווי תמיד. אפילו דעם בעל הבית, ביי וועלכען ער האט היינט געדארפט עסען, איז נאך נישט איינגעפאלען, צוצוגעהן און פרעגען, פארוואס ער איז היינט נישט געקומען צום אנבייסען און געהט נישט צו דער וועטשערע. ער האט זיך גלייך מיט אלע אהיים געיאגט, דערצעהלען ווייב און קינד די בשורה טובה, אז סאוויצקי האט פליטה געמאכט, אז מען איז דעם חמץ אויך פטור געווארען.

ערשט דעם צווייטען טאג האט מען באמערקט, אז יוסל פעהלט. דעם דריטען טאג, אז מען האט אויף איהם געדיכטער איינער ביים אנדערען געפרעגט, האט מען געענטפערט, אז דער שווארצער יאהר האט איהם נישט צוגענומען, און דער שמש האט אליין איינגעהייצט. דער אויוען האט גערויכערט, און מען האט א גאנצען טאג פון יוסלען גערעדט: צום אויווען איז ער גראד א בריה. מען הויבט אן קלערען, צי ער איז נישט אוועק קיין ארץ־ישראל, אדער קיין ארגענטינא? ער האט אפילו נישט געהאט א דרייער אויף הוצאות, נאר א קשיא אויף א מעשה, וועט ער געהן אויפ'ן וועג אין די הייזער!

ערשט אויפ'ן זעקסטען טאג, אז מען האט געקריגען א ידיעה, אז עס קומט א רעוויזאר אויף פאטענטען, האט דער ערשטער סוחר, וואס איז ארויף אויפ'ן שול־בוידעם, באהאלטען א שטיקעל אויסלענדישען סאמעט, דערזעהן יוסלען הענגען שוין פארשטארט.

# משוגעים.

אז יעדע קהלה מוז האבען איהר משוגעת, און אז נישט, ווערט א געזונטער משוגע -- פון דעם זינגען שוין די שוואלבען אויף די דעכער. אבער אז אזא קהל ווי אונזערס: א קהל אהן א רב, אהן א הייליגען ארט, מינץ קוים איין ספר־תורה פאר א מנין; א קהל, וואס איז, אימשטיינס געזאגט, נישט מעהר ווי א געלעגטער ערוב פאר אן אנדער קהלה, וואס נעמט אונז צו דעם רח"ש, מיט די בר־מנן'ס, מיט אלעם גוטען — מיט איין ווארט: אז א קהל, וואס האט זיך צולעגט קוים מיט א האלב געסעל אויפ'ן זאמד ביי דער וויקסעל — זאל מוזען האבען איהר אייגענעם א משוגע'נעם.— דאס רעכען איך פאר א וואונדערליכע זאך. און א וואונדערליכע זאך איז כדאי צו דערצעהלען. מיר דאכט זיך, אז די מעשה מיט אונזער שוחט'ל, וואס איז אמאל געקומען, צווישען מנחה ומעריב, צום מנין און האט א קלאפ געטאן אן שלחן, און אויסגערופען, נישט מיט זיין קול, באשר בכן, ער האט ביז אהער מאכיל טרפות געווען! — האב איך אייך שוין אמאל דערצעהלט... איהר געדענקט אודאי: א קלאפ געטאן, אויסגערופען און — משוגע געווארען! און געהט שוין ארום אויף און אפ אין געסעל, שטיל־שווייגענדיג, שווארץ ווי די ערד, נאר די ליפען ציטערען און מיט דער רעכטער האנט צופט ער זיך אלץ אינאיינעם ביי דער לינקער זייט ברוסט, גלייך ער וואלט געוואלט אויסרייסען פון דארט די מרה־שחורה, די זינד צי דעם שגע'ן... און פלוצלינג — און דאס האב איך אייך שוין זיכער נישט דערצעהלט — איז ער נעלם געווארען. מילא, א גרוש איז ער געווען, קיין קינדער האט ער נישט איבערגעלאזט, האט מען אן איהם פארגעסען. געפיהלט האט מען, אז עס פעהלט עפעס אין גאס, נאר מאלע וואס עס פעהלט; עס פעהלט אפילו

פרנסה! דערנאָך האָט מען דערצעהלט, אַז עס איז געשטאַנען אין בלאַט, אַז אין ים אונטער דאַנציג איז אַרויסגעשוואומען אַ דער־טרונקענער. און אַז מען האָט, אַז די קליידער מיט'ן טלית־קטן, דערקענט, אַז עס מוז זיין אַ פּוילישער איד. האָט מען געקלערט, אַז דאָס מוז ער זיין; ער פלעגט אַרומגעהן גאַנצע נעכט ביי דער ווייקסעל, האָט זי איהם צוגענומען! שווימען האָט ער אפילו גע־קאָנט, נאָר איידער ער איז משוגע געוואָרען! דערנאָך, ווייסט מען נישט. אַי, ווי קומט די ווייקסעל הינטער וואַרשוי צום ים הינטער דאַנציג, דאָס איז קיין קשיא נישט: כל הנחלים — אַלע טייכען געהען צום ים; דאָס האָט נאָך שלמה המלך געזאָגט. און מען האָט ווייטער פאַרגעסען! איינמאָל אָבער האָט מען זיך דערמאַנט, אַז דעם שוחט'ס קעסטעל שטעהט נאָך ביים בעקער, וואו ער פלעגט זיך אויפהאַלטען. נישט נעכטיגען. ווייל, ווי געזאָגט, גאַנצע נעכט פלעגט ער אַרומגעהן אין גאַס און האָט קיין אויג נישט צו־געמאַכט; אויסער אויב ער איז געשלאָפען געהענדיגערהייט! ווייל דער עולם ווייסען, וואָס ביי איהם אין קעסטעל קאָן זיך געפינען; אפשר, זאָגט מען, געפינט מען נאָך „חדושי־תורה“, וואָרים פריי־הער איז ער אַ יונגערמאַן אַ למדן געווען, און פלעגט טינטלען מיט דער פעדער. געהט מען אַריין צום בעקער; דאָס קעסטעל איז דאָ. ער האָט גאָר פאַרגעסען דעריין. עפענט מען אויף. געפינט מען נישט מעהר, ווי עטליכע קרישקעלעך עסענוואַרג מיט אַ צוריי־סענעם טלית־קטן. נעמט מען דאָס קעסטעל, וואָס איז נישט ווערט געווען די רייד, און מען צוהאַקט עס, און מען וואַרפט עס אין אויווען אַריין, צום פאַרברענען. און דאָ הויבט זיך אָן אַ נייע מעשה! איידער נאָך דאָס קעסטעל איז פאַרברענט געוואָרען, קלאַפּט שוין עמיץ אָן אין פענסטער; באשר בכן, זלמן בחור איז משוגע געוואָרען!

● איהר ווייסט נישט, ווער זלמן בחור איז געווען. דער פאָ־טער זיינער איז געווען אַמאָל אַ פישער. אפילו אַן עהרליכער איד. איז ער, לא עליכם, דערטרונקען געוואָרען, איז די מוטער קראַנק געוואָרען פאַר צרות, האָט מען זי פאַר גרויס רחמנות גע־פיהרט אין וואַרשעווער שפּיטאָל אַריין, האָט דער דאָקטאָר גע־זאָגט, אַז עס וואַקסט איהר עפּעס צווישען די געדערים. האָט מען איהר אויסגעשניטען, וואָס מען דאַרף. דאָס געשוויר האָט מען

אפילו נישט געפונען, נאר זי, נעבעך, איז, נישט פאר אייך גע־
דאכט, אומגעקומען אונטער'ן מעסער. מן הסתם איז אזוי באַ־
שערט געווען! בלייבט זלמן א יתום און עלטערט זיך אזוי. ווארים
ווער זאָל איהם חתונה מאכען? רופט מען איהם טאקע: זלמן
בחור! א שפאס? א יונג פון עטליכע און צוואנציג יאָהר! גע־
לעבט האט ער פון שוסטעריי. נאך אינגעלוויז, איז ער איינמאָל
אליין אריינגעגאנגען צו א שוסטער, צו א דאמסקען שוסטער
אפילו, און האט זיך צוגערוקט צו א דרייפיסיגען בענקעלע, און זיך
געזעצט ארבייטען; כאטש טרייב איהם מיט א שטעקען. איך ווייס
אפילו נישט, צי ער האט געקאנט דאווענען! אויסגעזעהן האט ער
טאקע מגושם: הויך, ברייט אין די אקסעל, מיט א פאר גרויסע
אויגענעס. א כח אין די הענט האט ער געהאט גאר אן אויסטער־
לישען; דריי ערלים האבען געהאט עפעס אן עסק צום בעל־הבית
זיינעם, האבען זיי איהם געוואלט שלאגען, אויפ'ן פויערישען שטיי־
גער; כאפט ער איינעם און עפענט מיט איהם די טיר, און כאפט
די אנדערע צוויי ווי די זעקלעך אונטער די ארים און טראגט זיי
ארויס! און אזוינס האט מען, על פי מקרה, באפרייט פון מילי־
טער! דערנאך, אז דער בעל־הבית זיינער איז נפטר געווארען, האט
ער זיך געזעצט אויף ווין ארט און געשפייזט די אלמנה מיט די
יתומים! געמיינט האט מען, ער וויל חתונה האבען מיט דער
אלמנה. מילא, מהיכא תיתי! לאזט זיך אבער אויס, אז ער וויל
גאר ביילע דער אלמנה'ס טאכטער, א שווארץ־חנ'עוודיג מיידעל;
גיטעלע האט זי געהייסען. באשר בכן, ער האט איהר אמאל א
מאס גענומען אויף א פאר שיכלעך, איז זי איהם געפעלען געווא־
רען. שיקט ער צו דער מוטער א שדכן! פארשטעהט זיך, אז
מיט'ן גוטען ווילען געהט דער שדכן נ י ש ט: ווארים, ביילע די
אלמנה האט איהר אייגען הייזעל, טאקע דאס לעצטע אין געסעל.
ביי דער ווייקסעל, און א מחיה האט זי אין שטוב פון זאלץ, און
אנגעגרייט האט זי פאר דער לעצטער טאכטער, פאר'ן מיזיניקעל
(די עלטערע קינדער האט זי שוין לאנג אויסגעגעבען אין פרעמדע
שטעדט אריין) — א גאנץ פיין קניפעל, און מען רעדט איהר א
שדוך מיט משה'לע ר' זבולון דיין'ס אייניקעל, יחוס שביחוס, אחוץ
דער קרן אליין — אז עלוי שבעלויים. עס האלט שוין ביי תנאים
שרייבען, נישט מעהר עס געהט נאך וועגען א קליינינקייט: יענער

ווייל פינף און זי וויל פיער יאהר קעסט. — נו, האט א טעם אנ־צושלאגען אזא שדוך? בפרט נאך, אז דאס איז גראד דער אייגע־נער שדכן, וואס האלט אין אויספיהרען יענעם שדוך!

נעמט אבער אונזער זלמן בחור דעם שדכן און שטופט איהם א וויסען פיערציגער אין דער האנט אריין און גיט דערביי אויף איהם א קוק, אז עס יאגט איהם א קעלט דורך די ביינער. שרייט ער: כ'געה, כ'געה! און ער געהט. און זלמן בחור געהט איהם נאך פון הינטען, יענער פיהלט, נעבעך, זיין הייסען אטעם אויף די אקסעל! און זלמן בחור שטעלט זיך אפ נישט ווייט פון דער טיר; אויף א תשובה ווארט ער! און וואס האט דא געקאנט זיין פאר א תשובה? ביילע די אלמנה איז ארויס צום חתן־דנן מיט א בעזעם! וואס קלערט איהר, מעשים האט זיך געטאן! מען איז גע־לאפען אויף זיין בייז וואונדער! ווארים שטעלט אייך פאר א סצענע — אזא גבר־אלים, א יונג א בוים, אנטלויפט פאר דער איינגעשרומפענער קליינער אלמנה, וואס דריפעט איהם נאך איז א פאר קלאפעדיגע שוסטער־שיך! דאס ארעמע מיידעל, נעבעך, איז ארויס פאר דער טיר מיט א הארצרייסענדיגען געוויין; זי האט געמיינט, ער וועט איהר דורס'ען די מאמען! און ער רוקט זיך אפ אלץ ווייטער און ווייטער!

צו מנחה, קומט ער דאוונען, מאכט מען פון איהם חוכא וטלולא; ענטפערט ער, אז אויב מען וועט איהם נישט געבען גי־טעלע פאר א ווייב, וועט ער זיך א מעשה טון. טו! ווערט ער אבער פלוצלונג א וואווילער יונג און הויבט אן דרשה'נען: ער האט זי ליעב, און זי האט איהם ליעב! געהט זיך די גרינע גאל אן. „סטייטש, פון וואנען ווייסטו, בחור?“ ענטפערט ער מיט נצחון: ער ווייסט. דאס איז שוין זיין דאגה, זאגט ער! און שטרעקט נאך אויס די פלאכע האנט: דא וועט איהם האר אויס־וואקסען, אויב גיטעלע וועט נעמען דאס קרומע משה'לע, וואס ער קאן צוקוועטשען, ווי א פליג, נאר ער מאוס'ט זיך! און דערביי פלאמען איהם די אויגען משונה, ווי עס דארף צו זיין. פלוצלונג שפרינגט ער אוועק און לויפט צו, מיט די פויסטען, צו ר' חיים־יוסעלע'ס, דער כלה'ס א פעטער, באשר בכן — ער מאכט איהם קאליע! ר' חיים־יוסעלע'ס איז אונזער אייז־איינציגער שעהנער איד, א בן תירה; געלט אויף פראצענט, אפילו היבש געלט... און

א ווייסע, שעהנע בארד! וויל ער'ן מאכען כעפרא דארעא! און מען האט איהם קוים מיט מסירת נפש אפגעראטעוועט; ער וואלט איהם צומרעטען! שפרינגט ער אפ פון ר' חיים־יוסעלע'ס, און לויפט, אויף דער צווייטער זייט, צו משה'לען, וואס איז נעבעך געזעסען, ווי זיין שטייגער, איבער א גמרא און געלערענט, — און זאגט צו איהם מיט חוזק: מויסילע, מויסילע (משה'לע האט נישט געקאנט ארויסזאגען קיין שין), פארטויף מיר דיין טאלע! „פארקויף מיר דיין כלה" הייסט עס, וואס קיין כ"ף און קוף האט אויך משה'לע נישט ארויסגעזאגט. נא דיר — זאגט ער — פאר איהר, וואס דו ווילסט: א דריידעל, א טשוועקעלע! און אפשר ווילסט דו א דרייער? מילא, משה'לע האט זיך צואווייגט, אז עס איז א גאטס רחמנות געוועזן!

נאר דאס אלץ איז גארנישט. צרות צרורות האט געהאט גיטעלע! זי האט זיך נישט געקאנט ארויסווייזען אין גאס. ער פלעגט איהר נאכגעהן טריט ביי טריט, און זיפצען און ממש וויי־נען פאר איהר: גיטעלע, פארגים נישט מיין בלוט, מאך מיך נישט אומגליקליך, פארפינסטער נישט מיין וועלט... וכדומה אזעלכע נארישקייטען. דער מוטערס מילך איז איהר אנטרונען געווארען. און זי איז א גוט כשר קינד, און פלעגט איהם קיין שלעכט ווארט נישט זאגען! פארקעהרט, טיילמאל דרעהט זי זיך אוים צו איהם, און הויבט צו איהם אויף די אויגען מיט אזא רחמנות, אז טאקע נישט צום באשרייבען! געהט די מוטער, — וואס זאל זי נעבעך טון? — און פארשליסט זי אין שטוב. געהט זלמן בחור און קרייזעלט גאנצע טעג און נעכט ארום דער שטוב. און דאס מייד־דעל, נעבעך, ליידט, פאר חרפה ובושה, דאס גיהנום! א קליינינ־קייט צו זאגען! קיין בעלת בשר איז זי קיינמאל נישט געוועזן, אצינד פאלען פון איהר שטיקער פאר בזיון, טאג אויף טאג ווערט זי מאגערער! אויסער דעם, איז אויף איהר, נעבעך, געפאלען א מרה שחורה מיט א הארצקלאפונג, אז דאס מיידעל איז, נעבעך, שיעור נישט אומגעקומען פון דער וועלט! דערצעהלט מען עס דעם בחור, זאגט מען איהם, או דו האסט זי ליעב, וואס קוילעסט דו זי אהן א מעסער? ענטפערט ער, אז ער וויל נישט מעהר, נאר זי אליין זאל איהם צורופען צום פענסטער, און זאגען איהם בפרוש, אז זי נעמט

צוריק איהר ווארט! וואס פאר א ווארט? ער ווייסט שוין! זאל זי כאטש איהם ארויסשאקלען מיט'ן קאפ אויף ניין! בעט מען זי, זי זאל צוליעב טון זיין משוגעת, ווארים וואס קאן מען טון מיט אזא עוג מלך הבשן? וויל זי נישט. וויינט זי און חלש'ט. פאר־שטעהט זיך, זי וויל איהם פארט נישט מביש זיין! א אידישע טאכטער! הכלל — צרות! בלייבט, מען מוז חתונה מאכען. גיט נאך די אלמנה, זאגט צו גאנצע פינף יאהר קעסט, מען שרייבט תנאים. און זלמן בחור שטעהט הינטער דער שטוב און שלאגט זיך קאפ אן וואנט, אז עס הילכט!—דאס מיידעל פאלט אין חלשות, מען זעהט בחוש, זי וועט אריין אין א קרענק; גנב'עט מען זי ארויס. פיהרט מען זי קיין ווארשוי, מכלומר'שט צו א דאקטאר. ר' זלמן דין מיט'ן אייניקעל פאהרען בסוד סודות נאך, ביינאכט, אויף א שיפעל איבער דער ווייקסעל! אין א צייט ארום, דער בחור שטעהט אין גאס, און עס קומט אנצופאהרען א בויד מיט די מחותנים, מיט חתן־כלה. — דערזעהט ער, גיט ער א געשריי, ווי א געקוילע־טער אקס, און, תוך כדי דבור — א ווארף זיך אז דער ערד, ווי אן אונטערגעהאקטער בוים, קריגט א מין קאנוואולסיע. אז מען הויבט איהם אויף — א פארטיג משוגעת!

אין וואס איז זיין שגעון? גיטעלע איז שוין געווען א ווייבעל, זי האט א קינד געבוירען, וואס איז אין קינפעט געשטארבען. און ער טראגט זיך ארום מיט'ן יתום'ל אויף די הענט — האלטען האלט ער א שטעקעלע, ארומגעוויקעלט אין א שמאטקעלע — א ליאלקע! און הוידעט עס, און וויגט עס, און זינגט איהם שלאף־ליעדעלער, און שמאטשקעט צו איהם — אזוי גאנצע טעג און נעכט...

טיילמאל ווערט אינ'ם א שנוי, לאזט ער אראפ די הענט, אוים אבי יתומים! און ווערט אנדערש משוגע. דאס טרעפט דער עיקר אין א לבנה־נאכט. ער פאלט פלוצלונג אין כעס אריין, געהט אויף־און־אפ אין גאס, קלאפט אין די פארמאכטע לאדען אריין. שרייט אין די שטיבער אריין: רוצחים! גזלנים! בלוט־זויגער! און וואס עס קומט איהם אין מויל אריין. נאר אז ער קומט אראפ צו ביילע דער אלמנה'ס הויז, צו דער ווייקסעל צו, געהט ער צו אויף די שפיץ נענעל צום לאדען פון יונגען פאר־פאלקס שטוב, בויגט זו צום לאדען אן אויער, הערט זיך איין א ווילע. דערנאך לעגט

ער צו די האנט, קושט דעם לאדען, ווי א מזוזה, להבדיל, און גענהט. וויינענדיג, אוועק...

גיטעלע האט זיך אפילו שוין כמעט ווי צוגעוואוינט. נאר, לא עליכם, קיין קינדער האט זי נישט! —

# דער משוגע'נער בטלן.

1.

ער איז געלאָפען אויף און אָפּ בייטאָג איינער אַליין אין בית המדרש און פּלוצלונג זיך אָפּגעשטעלט.

— רבונו של עולם, ווער בין איך?

— ווער בין איך?... מען רופט מיך: בערעל חנה'טשעס... נו, בין איך דען בערעל חנה'טשעס? בין איך דער נאָמען? — די שילד איז נאָך נישט די קליים! דאָס הייז, וואו דער רב וואוינט, הייסט: „פּאָד־קאָרפּיגס" און איך — בערעל חנה'טשעס!

אין טשאַכנאָווקע קען מען מיך: מען ווייסט, ווער בערעל חנה'טשעס איז; אָבער אין אַמעריקא? ווען איינער למשל גיט אַזוי ראַפּטום אַ זאָג אַרויס אין אַמעריקא, אין בית המדרש: „בער־רעל חנה'טשעס"... נו, וואָלט עמיץ געוואוסט, אַז מען מיינט מיך?

שאני הכא! דאָ איז עפּעס אַנדערש, דאָ גיט יעדער אַ שמיי־בעל, אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ, מאַכט אַזוי אַ תנועה... „אַ באַקאַנטע זאַך, בערעל חנה'טשעס!". איינער טראַכט: דער בטלן, דער צווייטער — דער משוגע'נער, דער דריטער — כ'ווייס וואָס; דער פיערטער ווערט זיך דערמאָנען, אַז איך הייס נאָכ'ן פעטער בערעל.

— טויבעלע, אמת, גיט אַ קרעכץ דערביי, ווייל זי ווייסט, אַז איך בין נעבעך אַ יתום. אָבער אין אַמעריקא, וואו מען קען נישט חנה די זיצערקע, און וואו מען ווייסט נישט, אַז עס איז געוועזען אויף דער וועלט אַ בערעל חקרן, דער מאַמעס אַ ברודער, וואו מען ווייסט נישט, אַז איך בין, וואָס מען רופט מיך: אַ משוגע'נער, אַ בטלן, אַ יתום און אפשר גאָר אַ חקרן אויך. (איך בין, דאַכט זיך, געראָטען אין פעטער אַריין) וואָס פאַר אַ רושם וואָלט דאָרט גע־מאַכט: בערעל חנה'טשעס?!

עפּעס ווייס איך דאָ יאָ, ווער איך בין? איך אַליין זאָג דאָך:

אַ משוגע׳נער, אַ בטלן... נו, דאָס בין איך!

— בין איך דען נישט משוגע? וועלכער מענש שטעלט זיך אַנידער קלערען, ווער ער איז? אַ מענש איז אַ מענש! איך בין אַ מענש און היים: בערעל חנה׳טשעס... וואָלט איך געווען אַ הויז, וואָלט איך אפשר געהייסען: פּאָד־קאָרפּיעס, — אַז אַרעס־טאַנט — וואָלט איך געהאַט אַ לאַטע אויף די אַקסעל און אַ נו־מער... וואָלט מיין טאַטע, נ י ש ט די מאַמע, געווען דער פּאַר־זאָרגער, דער „פּרנסה געבער“, נישט דער בטלן, וואָלט איך גע־הייסען, „בערעל שמערעל׳ס“. עס וואָלט אפילו שווער געווען אַרויסצוזאָגען: „בערעל שמערעל׳ס“, נאָר מען וואָלט שוין געמוזט! און אפשר וואָלט איך דעריבער ווייניגער געווען ביי מענשען אין די מיילער — ווען מיין נאָמען זאָל זיך נישט אַזוי גלאַטיג אַראָפּ־קאָלערען פון דער צונג.

— אָבער, ו ו י איך וואָלט געהייסען — אַ מענש בין איך...

— אַ מענש! נאָר אַ בטלן דערצו... מאַלע אַ מענש בלייבט אַ יתום, נו, וואוינט ער אין בית־המדרש? קראַנק בין איך עפּעס צו טון? אין שליחות געהן, הגלץ האַקען, אַ משרת ווערען און געהן אַנגעטאָן אַ בגד, נ י ש ט קרוע־בלוא; עסען ברויט, נישט זיין ביז דרייסיג יאָהר אַ ישיבה־בחור, עס זאָל מיר פעהלען צוויי טעג אין דער וואָך און אַרומדרעהען זיך אַליין און קלערען: ווער איך בין?!

— איך וואָלט כאַטש געוואוסט, ווער מיין קאָפּאָטע איז; אַצינד, אָסור אויב איך וויים! — אַ שטיק בענדיט, אַ שטיק חיים, אַ שטיק יונה, דריי פיערטעל פון מיסט! אַ מערכה, טויבעלע קאָן נעהען, אַנישט וואָלט איך געווען אָדם נאַקעט.

— איז דען דאָס אַליין נישט קיין שגעון? אַזאַ מין בטלנות, אַזאַ מין בטלנות! גאָרנישט... שמערעל, חיים, יונה... עס האָט אַ שיעור, וויפיעל בית־המדרש׳ניקעס איך האָב איבערגעלעבט!... איי־נער איז שוין אַ סוחר, איינער — אַ טרעגער, איינער — אַ שענ־קער; אַ דאגה, איינער איז שוין אַן אַלמן אפילו, שמערעל האָט שוין דאָס דריטע ווייב; נאָר אַלע האָבען קינדער, געשעפטען, עסקים; גוט, שלעכט, נאָר פּאָרנומענע מענשען, עסען נישט קיין טעג, זענען נישט קיין בטלנים... מענשען! איך וויל אויך זיין אַ מענש!

— וואס הייסט א מענש ?

— ווי איך בין א איד, איך בין קיין מענש נישט !

— ווי איך בין א איד ! איך בין א איד ! אמת, איך בין א איד, נאר גאנץ טשאכנאוועקע זענען אויך אידען און זענען נישט איד ! הלמאי, איך בין א מאנספערשוין, (כאטש א קלאג צו מיין מאנספערשוין, א וועהטאג צו איהם !) נו... אלע מענשען, וואס זע־נען נישט קיין נקבות, זענען מאנספערשוינען, הכלל, זענען אלע בערעל חנה'טשעס !

— ניין, ברודער בערעל ! נאר דיך נישט ! דו ביסט א מאנס־פערשוין, דו ביסט א איד, אמת ; נאר נישט דו ביסט דער מאנס־פערשוין, נישט דו ביסט דער איד !... דו ביסט עפעס אנדערש ; דאס אלץ איז נאר א צולאג, צוגעגעבענע זאכען ; אבער נישט דו אליין...

— איך רעד מיר איין, אז איך בין א בטלן, א משוגע'נער, א יתום, אן אומגליקליכער מאנספערשוין... נאר בטלנים, משוגעים, יתומים זענען דא אסך, אפשר אזוינע מאנספערשוינען ווי איך בין — ווענינער ; נאר דא איז, א דאגה, אפשר איז אן אנדער שטאדט, אפשר אין אמעריקא, נו, זענען אלע איינס ? חס ושלום, יעדערער פאר זיך !...

— נו, ווער זשע בין א י ד, צו אלדי שווארצע יאהר !

— עס האט געמוזט אין מיר אריין א דבוק, עס מוז עמיץ זיצען אין מיר און קלערען איבער מיר, און מיר דאכט זיך : איך אליין קלער ! א והא ראיה, ווען איך האב כח (א גאנצע וואך, אויסער מאנטאג און דינסטאג), האט יענער אויף מיר קיין שליטה נישט ; קלער איך ווענינער ! און באמת, די חקירה איז, אז קיין שום מענש אין דער וועלט קאן נישט איבערקלערען זיך אליין ! — ווי הייסט, איך וויל מיך משיג זיין ? איך וויל מיך ארויסרייסען פון מיר ארוים, אוועקשטעלען זיך אדער איהם אן א זייט, „ער" זאל קור־קען אויף מיר ! איך־ער זאל קוקען אויף ער־איך !...

כא, כא, כא ! ווי הייסט ! זאל איך מיר נאר בארעכענען !... עפעס ווערט מיר ווארעם אין קאפ !...

(ער לויפט צו צום כיור, גיסט זיך אפ מיט קאלט וואסער ;

שלעפּט אַרויס פון הינטער'ן אויווען אַ שמאַטע, און בינדט זיך שטייף אַרום דעם שטערן).

— צינד וועט עס געהן. נאָך אַמאָל!... איך וויל וויסען, ווער איך אַליין בין...

— וואו זאָל איך קוקען, אַראָפּ צי אַרויף? רעכטס — צי לינקס?... א י ך בין דאָך אין מ י ר. ווען איך למשל, קריך אַרויף אויפ'ן אָרון קודש, בין איך אינגאַנצען אויבען; איך וועל אונטען גאָרנישט איבערלאָזען. לאָמיך לויפען אין קעלער אַריין. וועל איך זיין אינגאַנצען אונטען... נו, אַזוי ווי קאָן איך קוקען אויף מיר!?

— היכי דמי?!

— וואָס דען זיצט אין מיר און קלערט פאַר מיר?

— און עפּעס זיצט דאָך פאַרט... האַ?...

— איך ווייס דאָך, אַז ווען עס זענען געלעגען ביי דער שמש־טע אומגעצעהלטע קיכלעך און איך האָב שוין דריי טעג קיין מאכל נישט געהאַט אין מויל, האָב איך גאַנץ שטאַרק חשק געהאַט אַראָפּ־צושניפּען אַ קיכעל... נאָר איך האָב געזאָגט: ניין! מען טאָר נישט! נישט מיין... דערנאָך האָב איך געפונען טויזענט תירוצים... „די שמש'טע האָט געווס פאַרדינט אַן מיר, זי מעג מיר געבען אַ צו־לאָג.“ „איך זאָל זי בעטען, וואָלט זי מיר אַליין געגעבען.“ „איך וועל איהר מיט גאָטס הילף אַמאָל באַצאָהלען“... נאָר א י ך האָב אַלץ געזאָגט: „ניין, מען טאָר נישט“... און עס איז געבליבען — נישט!... פריהער איז עס געגאַנגען איינס נאָכ'ן אַנדערען: מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך אַליין פרעג און איך אַליין ענט־פער, נאָר דערנאָך, שפּעטער אַביסעל, כאָטש תוך כדי דבור, נאָר דערנאָך, איז עפּעס אַנדערש געוואָרען. עס איז געוואָרען צוזאַמען: יאָ און ניין, ניין און יאָ און ווייטער ניין! עס איז געוואָרען אַ מחלוקת, און נ י ש ט איז געוואָרען, נישט ווייל א י ך האָב נישט געוואָלט, אָדער דעם חשק פאַרלוירען; ניין, נאָר די האַנט האָט זיך נישט געקאָנט ריהרען; זי האָט נישט געוואוסט וועמען צו פאָלגען... אַ והא ראיה, איך בין דערנאָך שטאַרק מיד געוועזען. טאַקע ווי נאָך אַ גרויסער מחלוקה, ווי נאָך אַ הייסען וכוח מיט יונה לאַקש. וואָס וויל מיר אַלץ איינרעדען, אַז דער גאון ז"ל, זיצט

אין גן־עדן מיט א באר־אצטער בארד, ווייל ער האט נישט געהאל־
טען פון חסידות!

— אזא פערד!... נאר מיד בין איך געוועזען; איך דערמאן
מיך גאנץ זיכער, זיכע־! דאס איינגעע איז געוועזען פורים, ווען
איך האב געטראגען פון פרץ פיינהאלץ, פון גביר, דעם רב, שלח־
מנות. איך האב געהאט א פול מויל מיט וואסער, די צונג איז
מיר ארומגעלאפען אין מויל ווי משוגע, ווי איך לויף אצינד ארום
אין בית־המדרש. די הענט האבען מיר געציטערט; א שטיק טארט,
מאקאראנען, עפעס נאך עטליכע מינים... איך, נאשער, האב גע־
וואלט, איך, עהרליכער מאן, האב נישט געוואלט!...

— מען זאגט: „יצר טוב", זאל זיין אזוי! אבער סיי ווי סיי,
בין איך דאך נאר א דירה, וואו עס וואוינען צוויי שכנים, איינער
הייסט: יצר טוב, דער צווייטער — יצר הרע. נישט אזוי? ווייטער
די מעשה מיט די נעמען... אבער ווער זענען זיי? ווער בין איך?!

— איך בין א דירה. איך בין אי דער גוטער שכן, אי דער
שלעכטער שכן. אלץ איך, און דערצו וויל איך וויסען, ווער איך
בין?! כא, כא, כא! — שא! נעכטען ערשט, דער עולם האט
געלאכט, וואס איך בין געבליבען שטעהן אויף איין ארט, אפשר א
שעה! א י ך  ו ו י י ס, וואס איך בין געשטאנען! איך האב נישט
געקאנט געהן: מען האט געהאקט האלץ אויפ'ן שול־הויף, האב איך
געוואלט געהן פרואווען, צי איך קאן א שייט־האלץ צוהאקען, צי
קאן איך ארבייטען... איך האב שוין אנגעהויבען געהן; שטעהען
צוויי בענק: אין דער זייט א באנק, אין יענער זייט א באנק. דא
דערצעהלט מען, אז מען הייצט אין באד, הויבט מיר אן בייסען דאס
גאנצע לייב און איך וייל צוגעהן צום קעסטעל, ארויסשלעפען דאס
בעזעמעל און געהן אין באד אריין... קעגענאיבער האט זרח מלמד
דערצעהלט, יענקעל קעצלען, אז אין „בעל עקדה" איז דא אויף דער
היינטיגער סדרא א פלאי פלאים'דיגער דרוש! וויל איך וויסען,
וואס זרח מלמד איז נעפעלען, צולויפען צו דער מזרח־וואנט און
אראפכאפען דאס ספר... נו, בין איך טאקע געשטאנען! די פיס האַ־
בען נישט געוואוסט וועמען צו פאלגען: צ ו  ד ע ם  בערעל
חנה'טשעס, וואס וויל געהן האלץ האקען, צ ו  ד ע ם  בערעל
חנה'טשעס, וואס וויל געהן אין באד אריין, ווייל עס בייסט איהם,
צ ו  ד ע ם  בערעל חנה'טשעס, וואס וויל וויסען, וואס זרח מלמד

איז געפעלען!... איך בין טאקע אזוי לאנג געשטאנען, ביז איך האב מיך דערמאנט, אז איך האב נאך קיין מנחה נישט געדאַ־ווענט!

— נו, על כן? וואוינען אין מיר שוין פיער פארשוינען! א האלץ־העקער, א בעל־עקדה'ניק, א בעדער און דער לעצטער — א מנחה־דאווענער, וועלכער האט אלע ארונטערגעיאגט הינטער'ן אויווען, זיי זאלען קיין פיפּס נישט געבען. נאר ער האט צו שאַ־פען, און די פּיס מוזען א י ה ם פאלגען. א והא ראיה איך בין טאקע צוגעגאנגען צו דער וואנט און האב געדאווענט!

א שטיקעל אמת שטעקט דערינען... ווארים זיי זענען נישט פארלוירען געווארען; זיי האבען זיך נאר באהאלטען הינטער'ן אויוועז, זיי האבען פון דארטען ארויסגעקוקט... זיי האבען גע־וואונקען צו מיר, און האבען מיך מבטל געווען! אינמיטען שמונה עשרה האב איך אלץ אין זינען געהאט: האלץ האקען, שמייסען זיך אויף דער העכסטער באנק אין באד, און דעם בעל עקדה'ס דרשות אויך!...

— נו, א כלל? וואס העלפט דער יצר־טוב מיט'ן יצר־הרע. אז איך בין אמאל דריי, און אמאל פיער!

— אט אצינד פיהל איך, אז „איך" אליין בין עפּעס א נאר־נישט! איך אליין וואלט גארנישט געלעבט. איך אליין, ווען איך לעב אפילו, וואלט איך מיך אין דערפריה אפילו פון דער באנק נישט אויפגעהויבען, איך וואלט געלעגען ווי א גולם עד סוף כל הדורות... איך בין טאקע א גולם, איך האב גאר קיין נשמה נישט; וואס דען? אלץ ארום לעבט, אלץ ארום האט נשמות, די נשמות זייערע לאזען ארויס פון זיך אזוינע לאנגע, דינע, שפּיציגע פע־דעמלעך, אזוינע שטראלען, און זיי כאפּען זיך און טשעפּען זיך אין מיר, קריכען אין מיר אריין, ריהרען מיך, שטעלען מיך אויף די פיס, הייסען מיר געהן, טון, לויפען... אבער איך אליין בין נאר־נישט!

ווער דען פּארט קלערט? הא? ווער זיצט אין מיר און קלערט? ווייטער א פרעמדער? נישט איך?

— נו, זאל זיין א פרעמדער! ווער איז ער? ווי קומט ער צו מ י ר? צי בין איך א שטיין און ער — א פויגעלע?... דוד המלך, עליו השלום, זאגט: יונתי, הייסט עס מיין טייבעלע! —

וויל דאס **טייבעלע** האלץ האקען. אין באד אריין נעהן, אראפ־גנב'ענען פון שלח מנית, אוועקשניפען א קיכעל ביי דער שמש'־טע, און תוך כדי דבור זעהן דעם בעל עקדה'ס דרשה?... פו, טיי־בעלע, נישט שעהן! ביסט דו עס. מעגסט דו זיך שעמען!

— כא! כא! בערעל חנה'טשעס איז א טייבעלע, א פויגעלע; בערעל חנה'טשעס האט א קליין פיסקעלע מיט פליגע־לעך, בערעל חנה'טשעס וועט אמאל ארויספליהען פון דער שטייג...

— נו, בערעל חנה'טשעס, דאמאלט וועסט דו אויך קלערען ווער דו ביסט? אויך זיין א יתום, אויך זיין א בטלן, אויך זיין משוגע?

— אודאי! ווער דען? די שטייג איז משוגע? די שטייג איז א יתום?

— רבונו של עולם! ווער בין איך פארט?

## 2.

עס קומט אין בית־המדרש אריין וואלף סוחר.

בערעל חנה'טשעס דערזעהט איהם, און אנטלויפט אן א זייט. וואלף סוחר וואשט די הענט, ווישט אפ אן דער פאלע, נעמט ארויס פון דער שאנק א ספר און זעצט זיך אריינקוקען. בערעל חנה'טשעס לאזט פון איהם קיין אויג נישט אראפ...

— ווער איז ער? — פרעגט ער זיך און ענטפערט זיך באלד:

— וואלף סוחר! — ער גיט זיך דערביי א שטארקען קניפ אין באק אריין...

— בהמה! חמור! וואלף סוחר איז אזוי ווי בערעל חנה'־טשעס! אזוי הייסט ער; נאר ווער איז ער?... צי איז ער איינער. צוויי, צי דריי? וויפיעל פייגעלעך פישטשען אין זיין שטייג, פאר־שטעהסט דו, וואיטעק!?

ער האט זיך נאך שטייפער צוגעצויגען דעם קאפ.

— לאמיך קלערען....

— אצינד איז ער איינער, איין וואלף סוחר... ער זיצט און לערענט! פארטיפט, ער זעהט מיך נישט. ער לערענט אודאי נדרים, זיין פרק, מעהר קאן ער נישט... אצינד איז א קונח קונם

קונס... אצינד איז ער א „לשון שבדו חכמים". אצינד ווייס איך וואס ער איז, א פרק נדרים... דערנאך? דערנאך וועט וואלף סוחר אראפגעהן אין גאס אריין, וועגען תבואה אויף א פאלשער וואג, אפנארען גאנץ קרוין פוילען און אהיים געהן געבען דעם ווייב, דער ארעמער, דערשלאגענער, טויבע, צוועלף פעטש מיט פיער דושאך! זעהסט דאס לעמעלע, בערעל חנה'טשעס! זעהסט דאס שעפעלע, זעהסט, ווי עס קנייטשט איין דעם שטערן, זעהסט די פרומע אויגעלעך, זעהסט, זעהסט! און דו שוטה, דו בערעל חנה'טשעס, דו חמור, ווילסט מיר איינרעדען, אז דאס איז דער אייגענער גנב פון גאס, דער אייגענער רוצח פון דערהיים? ניין, בערעל חנה'טשעס! מיר וועסט דו דאס נישט איינרעדען! ניין, ניין! — נישט אזוי קוקט א גנב, נישט אזוי זעהט אויס א רוצח!... שוטה!...

— איך זאג דיר, בערעל חנה'טשעס, אז עס זענען דא דריי וואלף סוחר'ס... איינער איז א לעמעלע, א פרום לעמעלע, וואס זיצט און לערענט נדרים און וועט אויף יענער וועלט אויך לערענען נדרים, און טאקע מיט'ן רבונו של עולם'ס פירוש... דער צווייטער — איז א גנב און וועט דארטען אויך כאפען פון די טעלער; דער דריטער איז א רוצח, וואס הרג'עט דאס ווייב מכות רצח...

— א רחמנות אויף איהר!... עס שניידט מיר ביים הארץ. אפט חלום'ט זי זיך מיר... זי בעט מיך אמאל, בײנאכט אין שלאף, איך זאל איהר העלפען... דאס הייסט: זי בעט נישט מיט'ן מויל, זי רעדט נישט, חו"ש, א אידישע טאכטער רעדט נישט מיט א מאנספערשויז... נאר זי קוקט אויף מיר מיט אזא... מיט עפעס אזא... מין קוק...

— רבונו של עולם! קוקען מעג זי דאך! זי מעג קוקען אויף א מאנספערשויז!...

— כא, כא, כא! איך א מאנספערשויז... וואלף סוחר איז א מאנספערשויז, פוילען זאל ער, וואלף סוחר! איך בין איהם א שונא אויף'ן לעבען. איך האב ביי איהם א טאג; נאר א שונא בין איך איהם! שנאת חנם טאקע, נאר א שונא... איך וואלט איהם געשטאכען! יא!... נאר נישט דעם וואלף סוחר, וואס זיצט און לערענט, אפילו דעם גנב נישט, נאר דעם רוצח! איהם וואלט איך געשטאכען... איך אליין קאן נישט, איך אליין האב נישט צו שאפען, איך בין נאר א שטייגעל... איך האב אפילו א קניפיק, א שארפען

קניפּיק, נאָר אַ שאַרפען, מען קאָן מיט איהם נעגעל שניידען, אַ קאָפּ גאָלען...

— איך מאַך מיר אפילו קיין לאַמטערען נישט, ווייל עס איז מיר אַ שאַד דער קניפּיק, ער זאָל נישט שטומפּיג ווערען...

דאַך איך אליין קאָן נישט... מען דאַרף, עס זאָל מיר עמיץ הייסען; עפּעס אַ בת־קול, עפּעס איינער, אפילו זרח מלמד! זאָל ער אליין מיר הייסען! ווער שמועסט, ווען זי זאָגט מיר, אַזוי שטיל, ביינאַכט אין חלום; נאָר זי וועט נישט זאָגען, אַ אידישע טאָכטער וועט נישט זאָגען. חס ושלום! איך וואָלט זי פיינט געהאַט, זי זאָל מיט מיר רעדען.

— אַזוי איז בעסער, קוקען זאָל זי, און שטענדיג, און אַ גאַנצע נאַכט; בייטאָג קאָן נאָך עמיץ דערזעהן, חס ושלום! עס איז געווען יעדע נאַכט...

— אַ! ווי שעהן וואָלט עס געוועזען! איך וואָלט אַרויסגענומען דעם קניפּיק, איבערגעגאַנגען די כאַלעווע, איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, און בוך!...

— כאַ, כאַ, כאַ! עס וואָלטען אַרויסגעלאָפען געדערעם און געדערעמלעך. כאַ, כאַ, כאַ! און בלוט, רויט בלוט... כאַ, כאַ, כאַ!

— ניין, וואָלף סוחר, נדרים־לערנער, נישט דיך מיין איך! יענעם, יענעם, דעם רוצח... גאַרנישט דיך!

— הערסט, בערעל חנה'טשעס, ווען דו ביסט אַ מענש, ווען דו ביסט נישט קיין יתום, קיין בטלן, קיין משוגע'נער, קיין חקרן, וואָלט שוין אַלץ גוט געוועזען... טייבעלע וואָלט אפילו געוויינט, זי וואָלט דאָך געוואָרען אַן אלמנה, נאָר איך וואָלט איהר אין חלום געזאָגט: טייבעלע, נענוג, דו האָסט צוויי מאַנען, איינער גנב'עט, דער צווייטער זיצט און לערענט, וואָס טויג דער דריטער? ווילסט דוקא דריי? דוקא מען זאָל דיך, טייבעלע, שלאָגען, דוקא דו זאָלסט וויינען גאַנצע טעג אין גאַנצע נעכט...

— און אפשר איז ער פאַרט נאָר איינער?...

— בערעל חנה'טשעס! דריי זענען זיי, לאָמיר זיך וועטען! קום אומישנע, ווייל ער זיצט דאָ און לערענט, קום איז גאָט אריין,

ווערסט דו זעהן, ווי יענער גנב'עט דערווייל אין גאס... דערנאך ווי ער שלאגט, קום! ווערסט זעהן!...

ער הויבט זיך אויף, לויפט אויף די נעגעל צו דער טיר, שלעפט ארוים דעם שליסעל און פארמאכט פון יענער זייט...

## 3.

ער קומט צוריק, בלאס און אין כעס...

— זיי האבען זיך באהאלטען, די גנבים! וואס האבען זיי צו טון? עס איז היינט נישט קיין טארג! עפעס א יום־טוב, עס הענגען פעהנער, מען קאן נישט גנב'ענען... טייבעלע איז נישט אין דערהיים... זי האט געמוזט געהן צו א שכנה. די טיר איז צו... זיי האבען זיך אפשרביידע באהאלטען! איך האב ארייגעקוקט דורכ'ן פענסטער. אונטער'ן בעט, האט זיך מיר געדאכט, ריהרט זיך עפעס. אויף דער פאדלאגע האט זיך דער שאטען געהוידעט, גע־ווארפען, געצאפעלט! א קשיא אויף א מעשה, ער זיצט דא און לערענט, און זיי ליגען אונטער די בעטען... וואו דען זאלען זיי ליגען! —

— און וואלף סוחר, דער תם, דער נדרים־לערנער האט אפילו נישט געהערט, אז איך האב אויף און צוגעשלאסען די טיר! ער איז אזוי פארטיפט אין לערנען!

— און אפשר לערענט ער גארנישט? אפשר זיצט דא דער גנב און וויל אפנארען מיך מיט'ן רבונו של עולם?

— וואלף! — רופט ער איהם פלוצלונג.

— וואס איז?

— גארנישט!

— בטלן!

אין א מינוט שפעטער.

— וואלף!

— וואס איז?

— איך האב א קניפיקעל!

— וואויל דיר!

— ווילסט זעהן?

— ניין!

— דארף מען נישט!

אין א פאר מינוט ארום:

— וואלף!

— וואס?

— דו לערענסט, צי דו מאכסט נאר אזוי?

— וואס געהט עס דיך אן?

— איך דארף נויטיג וויסען, כ'לעבען, נויטיג!...

— שטיל, משוגע!

און נאך א פאר מינוט:

— וואלף!

— וואס איז?

— וויפיעל ביסט דו?

וואלף סוחר ווערט בייז, מאכט צו די גמרא און געהט ארויס פון בית המדרש; בערעל חנה'טשעס בלייבט אליין.

— צי האב איך גערעדט מיט וואלף'ן? און וואס האב איך מיט איהם אזוינס גערעדט? וואס איז ער אנטלאפען? ווי בין איך ארויסגעגאנגען? הא? וואס טוט ביי מיר אין האנט דאס קני־פיקעל?

ער וואונדערט זיך שטארק, און נאך מעהר, בפרט, אז ער דערזעהט, אז ער האט זיך דורכגעשניטען די כאלעווע. ער ווערט בייז.

— בערעל בטלן! דו אליין האסט צושניטען דיין כאלעווע! דו האסט אנדערע כאלעוועס? טייבעלע וועט דיר ווייטער שענקען א פאר שטיוועל? זי האט ווייניג געלעזט פאר יענע שטיוועל! זעהסט דו, בטלן, זעהסט דו, משוגע, זעהסט, עס איז עמיץ אין דיר און נישט דו! זעהסט?

— לאמיר נאר אליין זעהן, ווי דו זעהסט אויס, חמור, וואס לאזט זיך די שטיוועל צושניידען! לאמיך דיך אנקוקען, בטלן!

ער לויפט צום כיור, כאפט די שמאטע אראפ פון קאפ און הויבט אן רייבען און פוצען דאס מעש.

— איך זעה דיך שוין אביסעל, בטלן, —ווארט, ווארט, איך וועל דיך נאך בעסער זעהן. איך וועל דיין גאנץ טרפה פרצוף זעהן, דיין חמור־קאפ!...

ער לאזט זיך אראפ אויף די קני און רייבט מיט'ן גאנצען כח. ער בלייבט דאך פלוצלונג שטעהן.

— ווער פוצט דעם כיור? ווער? איך? איך האב כח? איך האב דען היינט געגעסען, נעכטען געגעסען? וואס איז היינט? דינסטאג! מאנטאג און דינסטאג האב איך דאך נישט קיין טעג. ווער רייבט?!

ער האט זיך צוריק צוגעכאפט צו דער ארבייט.

— זאל רייבען ווער עס וויל, איך, צי דער פויגעל, צי די טויב. דער יצר הרע, צי דער יצר־טוב, נאר דיין בטלנ'יש טרפה פרצוף מוז איך זעהן! באלד, באלד! און אויף אמאל!

ער פארמאכט די אויגען און רייבט ווייטער א ווײלע מיט כח. דערנאך עפענט ער די אויגען און דערזעהט זיך.

— כא, כא, כא! אזוי זעה איך אויס, א מת, א ריינער מת! צו נעמען אויף דער טהרה־ברעט, צו לעגען שערבלעך אויף די אויגען!

— זעהסט, טייבעלע, ווי איך זעה אויס! זעהסט! און אזוי זעה איך אויס, ווען דו דערלאנגסט מיר אלעמאל א שטיקעל ברויט... אנישט, ווי וואלט איך נאך אויסגעזעהן?

ער פארטראכט זיך, און דערמאנט זיך ווייטער.

— א מת! דאס בין איך, יא, יא! דאס איז בערעל בטלן, בערעל יתום, בערעל משוגע! אט דאס! דאס! און ו ו ע ר בין א י ך פארט?

ער קוקט אויפ'ן כיור און קוקט אויף זיך.

דארטען זעהט מען נישט די צוריסענע כאלעוועס! וואונדערט ער זיך און ווערט בייז.

— א מכה דיר! — שרייט ער פלוצלונג אויס — א מכה דיר, דו כיור־מענש! דו דארפסט אויך האבען צוריסענע כאלע־וועס! אז איך האב, דארפסט דו אויך האבען!

ער האט זיך אראפגעלאזען מעהר אויף דער פאדלאגע, אנגע־שפארט דעם קאפ אויף דער ערד און אריינגעשטופט די פיס אין כיור.

— איך זעה נישט, נאר דו האסט, דו האסט צוריסענע כא־לעוועס! זעהסט!... אויפצוהויבען זיך איז איהם שוין שווער. עס האט זיך איהם געדאכט, אז דער מענש אינ'ם כיור האלט איהם

צו ביי די פיס; ער האט זיי דאך אפגעריסען, אויפגעהויבען זיך. אביסעל פארוואונדערט, אביסעל דערשראקען.

— כיור־מענש! בטלן! — האט ער זיך גערייצט און פארט מורא געהאט צו קוקען אין כיור אריין. ער איז צוגעלאפען צום אויווען, אנגענומען אויף די הענט קאלך און פארשמירט דעם כיור.

ליג דארט אין דער קרענק, קוק נישט ארויס!

קאפ האט איהם אנגעהויבען שטארק וועה טון און די פיס האבען איהם געבראכען. ער האט זיך ווייטער פארטראכט.

— לאמיך נאר עפעס דערמאנען...

— אצינד טוט מיר וועה דער קאפ... אז דער רוצח שלאגט טייבעלען טוט מיר וועה דאס הארץ... עס ברעכען מיר די פיס. אז איך גיב מיר א קניפ אין באק, פלאמט מיר די באק, ווייל איך האב א באק, איך האב הענט און פיס, איך האב א קאפ מיט א הארץ און האב אפשר א נשמה אויך — אלץ האב איך. נאר וואס בין איך אליין? נישט די באק, די פיס, נישט דאס הארץ, נישט דער קאפ, נישט די נשמה. וואס דען? גארנישט...

— איך זאל מיך קאנען מאבד עצמו לדעת זיין, און אליין זעהן, וואס עס וועט זיין, וואס עס וועט בלייבען, אז עס וועט אוועק־פאלען דער קאפ, די הענט, די פיס, די באקען, די צוריסענע באלע־וועס... דאמאלט וואלט איך אפשר עפעס געוואוסט? צי וואלט נישט א יושר געוועזען צו פרואווען...

— ווען זי זאל נאר הייסען! אפשר וואלט איך עס ביי איהם געפרואווט?

# וואָס הייסט „נשמה“.

## 1.

איך געדענק ווי אין א חלום, אז עס האָט זיך ביי אונז אין שטוב אַרומגעדרעהט א קליין דאַר אידעל מיט אַ שפּיציגען בערדעל. וואָס פלעגט מיך אלעמאָל אַרומנעמען און קושען.

דערנאָך, געדענק איך, איז דאָס אייגענע אידעל קראַנק געלעגען אין בעט, ער האָט זעהר געקרעכצט און די מאַמע איז געשטאַנען און געהאקט זיך אין קאָפּ אַריין.

אַמאָל כאַפּ איך מיך אויף ביינאכט און דערזעה א פולע שטוב מיט אידען; פון דרויסען הער איך א יאָמערליך געוויין... איך האָב מיך שטאַרק דערשראָקען און אָנגעהויבען שרייען.

עס איז צוגעקומען צו מיר איינער פון די אידען, ער האָט מיך אָנגעטאָן און אוועקגעפיהרט צו א שכן שלאָפען.

דעם אַנדער טאָג האָב איך די שטוב נישט דערקענט: אויף דער ערד איז געלעגען אָנגעשיט שטרוי, דער שפּיגעל אויף דער וואַנט — איבערגעדרעהט, דער הענגעל־לייכטער פאַרהאַנגען מיט אַ טישטוך, און די מאַמע איז געזעסען אין די זאָקען אויף א קליין בענקעלע אויף דער ערד...

אז זי האָט מיך דערזעהן, האָט זי אַרויסגעלאָזט א שרעקליך געוויין, און האָט אָנגעהויבען שרייען: „דער יתום, דער יתום!“...

אויפ׳ן פענסטער האָט זיך געברענט א קאַגעניק, דערנעבען איז געשטאַנען א גלאָז וואַסער און געהאַנגען אַ שמאַטע...

מען האָט מיר געזאָגט, אז מיין טאַטע איז געשטאָרבען; אַז זיין נשמה וואַשט זיך אינ׳ם גלאָז וואַסער און ווישט זיך אָפּ מיט

דער ליינוואנט... אז אויב איך וועל זאגען ערנסט קדיש, וועט זי פליהען גלייך אין הימעל אריין.

און מיר האט זיך פארגעשטעלט, אז די נשמה איז א פויגעלע...

## 2.

איינמאל האט מיר דער באהעלפער אפגעפיהרט אהיים. לעבען אונז זענען דורכגעפלויגען גאנץ נידעריג, עטליכע פייגעל.

— „נשמה'לעך פליהען, נשמה'לעך פליהען!“ האב איך מיר צוגעזונגען.

דער באהעלפער האט זיך אומגעקוקט.

— געה דו, נאר, — מאכט ער צו מיר — דאס זענען פייגעל. פראסטע פייגעל!

דערנאך האב איך געפרעגט די מאמען: ווי אזוי ווייסט מען דעם חלוק פון א נשמה ביז א פראסט פייגעלע?

## 3.

אז איך בין אלט געווארען פיערצעהן יאהר, האב איך שוין געלערענט גמרא מיט תוספות, מיט מהרש"א, און מאנ'ן ביי „זרח קנייפ“.

עד היום ווייס איך נישט, צי האט ער טאקע אזוי געהייסען, צי האבען עס איהם די תלמידים דעם צונאמען געגעבען, ווייל ער פלעגט קנייפען אהן רחמנות.

און ער פלעגט נישט ווארטען ביז מען וועט פארדינען א קניפ; ער פלעגט צאהלען פאראויס. „ירמאן מיך, זאגט ער, וועל איך דיך אפשלאגען!“

דערצו איז ער געוועזען מוהל, געהאט א שפיציגען פריעה־נאגעל, און יעדער קניפ האט צוגעשלאגען צום הארץ.

און ער פלעגט זאגען: „ווייז נישט, וויין נישט אומזיסט! איך קנייפ דאך נאר דיין גוף! וואס שאדט דיר! אז די ווערים אין קבר וועלען האבען ווייניגער צו עסען?“

און דער גוף, זאָגט זרח קנייפּ, איז טאַקע נאָר עפר ואפר, אַ והא ראיה: רייב איין האַנט אָן דער אַנדערער וועסט דו זעהן!

און מיר האָבען געפּרואווט און טאַקע געזעהן בחוש, אַז דער גוף איז עפר ואפר.

— און וואָס איז די נשמה? — האָב איך געפרעגט.

— אַ רוחניות! — האָט מיר דער רבי געענטפערט.

4.

זרח קנייפּ האָט פיינט געהאַט שנאת מות זיין ווייב די רבי'־צין; פאַר דאָס איז שפּרינצע, די בת יחידה זיינע, געווען ביי איהם איין אויג אין קאָפּ.

מ י ר ווייטער האָבען פיינט געהאַט שפּרינצע'ן, ווייל זי פלעגט אונז צוצו'מסר'ן צום פאָטער, און — ליעב געהאַט די רבי'־צין, וואָס פלעגט אונז פאַרקויפען אויף קרעדיט באָבעס מיט אַר־בעס און נים איינמאָל מציל זיין פון רבי'נס הענט.

דער גרעסטער חשוב ביי דער רבי'צין בין איך געוועזען. איך פלעג קריגען דעם גרעסטען צולאָג, און ווען דער רבי האָט זיך גע־נומען צו מיר, פלעגט זי שרייען: „רוצח, וואָס ווילסט דו פון יתום, זיין טאַטענס נשמה וועט זיך אָן דיר נוקם זיין!“

דער רבי האָט מיך אָפּגעלאָזט און די רבי'צין האָט געלעזט מיין חלק.

איינמאָל, געדענק איך, ווינטער ביינאַכט, בין איך אַהיים גע־קומען פון חדר אַזוי צוקניפּען און פון פראָסט אַזוי דורכגענומען, אַז די גאַנצע הויט האָט אויף מיר געשטאַרט.

דאַמאָלט האָב איך אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און האָב יעמערליך געוויינט און געבעטען: „טאַטישי! זיי זיך נוקם אין זרח קנייפּ!... רבונו של עולם, וואָס וויל ער פון מיין נשמה האָבען?!“

אַז ער קנייפּט נאָר דעם גוף, האָב איך פאַרגעסען!

אין אדם נתפס על צערו!

5.

**דאך**, אז זרח קנייפ האט אמאל אין א „יומא דפגרא" פאר־מאכט די גמרא און גענומען זיך צו דערצעהלען מעשיות, איז ער גאר געווען אן אנדער מענש.

ער האט אראפגעלעגט דעם ספאדעק, געבליבען זיצען אין די גרויסע פעדערען (קיין יארמולקע האט מען נישט ארויסגעזעהן). ער האט אויפגעקנעפעלט די סטראקעס, אויסגעגלייכט דעם שטערן, די ליפען האבען איהם געשמייכעלט, און דער קול איז אויך גאר אנדערש געווארען.

געלערענט האט ער מיט׳ן הארטען, גראבען, בייזען קול, מיט וועלכען ער פלעגט רעדען צו דער רבי׳צין; מעשיות דערצעהלט — מיט דעם אייגענעם ווייכען, דינעם, גוטען קול, מיט וועלכען ער פלעגט זיך ווענדען צו שפרינצען, צו „דער טייערער נשמה".

און מיר פלעגען זיך ביי איהם שטענדיג בעטען ווי ביי א גזלן. ער זאל אונז דערצעהלען א מעשה. מיר האבען נישט געוואוסט, אז זרח קנייפ קאן נישט מעהר ווי א י י ן פרק „איזהו נשך". מיט וועלכען ער הויבט אן און לאזט אוים דעם זמן, און מ ו ז שטוקעווען מיט מעשיות, בפרט א ווינטער־זמן, וואס איז אהן ימים־טובים! מיר נאראנים פלעגען פאר יעדער מעשה צאהלען מיט באבעס און מיט ארבעס, און איינמאל זיך צונויפגעלעגט פאר שפרינצען אויף א רויטען בארכענעם שפענצער.

פאר דעם בארכענעם שפענצער, האט אונז זרח קנייפ דער־צעהלט, ווי אזוי דער רבונו של עולם קלייבט אוים פון זיין אוצר א נשמה און בלאזט זי אריין אין א גוף.

און איך האב מיר פארגעשטעלט, אז ביים רבונו של עולם אין אוצר זענען אויסגעלעגט די נשמות, ווי די סחורה ביי מיין מאמע אין געוועלבעל, אין אלערליי שאכטלען, רויטע, גרינע, ווייסע, בלויע... און ארומגעבונדען מיט שטריקלעך.

## 6.

— און אז גאָט — דערצעהלט דער רבי — קלייבט אויס א נשמה, און איז גוזר אויף איהר, זי זאָל אראָפּגעהן אויף דער זינדיגער וועלט, ציטערט זי און וויינט...

דערנאָך קומט צו איהר א מלאך אין דער מאַמעס בויך אריין און לערענט מיט איהר אויס כל תורה כולה. נאָר אז עס קומט די רעכטע צייט, גיט איהר דער מלאך א שנעל אין דער נאָז און זי פאַרגעסט צוריק דאָס לערנען.

— דעריבער — זאָגט דער רבי — האָבען אַלע אידישע קינ־דער צושפּאָלטענע אויבערשטע ליפּען...

דעם אייגענעם טאָג פאַרנאַכט האָבען מיר זיך געגליטשט הינטער דער שטאָדט און איך האָב דערזעהן, אז די שקצים: יאַנ־טעק, וואָיטעק און יאַשעק האָבען צושפּאָלטענע אויבערשטע לי־פּען גלייך מיט אונז.

— יאַשעק! — האָב איך מיר איינגעשטעלט דאָס לעבען און געפרעגט: „טי טאַקזשע מאַש דושע?“

— א טאָביע, פּשאַ דושא, צאַ דאַ טענגאַ? — האָב איך גע־האַט א קלאָרע תשובה.

## 7.

חוץ ביי א מלמד, האָב איך מיך געלערענט ביי א לעהרער שרייבען.

דעם לעהרער האָט מען געהאַלטען אין שטאָדט פאַר א גרוי־סען אפּיקורס און די שכנים האָבען זיך נישט געמישט מיט זיינע כלים.

ער איז געוועזן אַן אלמן, און מען האָט נישט געגלויבט, אז גיטעלע, זיין טאָכטער, א מיידעל אין מיינע יאָהרען, זאָל קאָנען גוט כשר מאַכען פליייש.

ער איז אָבער געוועזען א גרויסער מושלם, און מיין מאַמע האָט געוואָלט, אז איהר בן יחיד זאָל קאָנען שרייבען.

— איך בעט אייך זעהר, ר' לעהרער, — האָט זי געזאָגט, —

איהר זאלט מיט איהם נישט לערנען קיין שום אפיקורס'ישע זא־
כען: קיין תנ"ך, קיין פסוק, נאר לערנט איהם אוים שרייבען אז
אידיש בריוועל, פשוט א „שלום לאהובי" בריוועל.

און פונדעסטוועגען ווייס איך נישט, צי דער לעהרער האט
געהאלטען ווארט.

אז איך האב איהם דערצעהלט די שאלה מיט די צושפאל־
טענע ליפען, איז ער אריינגעפאלען אין א שרעקליכען כעס; ער
האט זיך ראפטום אויפגעשטעלט, אוועקגעקאפעט מיט'ן פוס דאס
בענקעל און אנגעהויבען ארומשפרייזען אין שטוב מיט א געשריי:
„גראבע יונגען, רוצחים, פלעדערמייז!"...

ער האט זיך פאמעליך בארוהיגט, צוריק אנידערגעזעצט, איי־
בערגעווישט די פארלאפענע ברילען און מיך צוגעצויגען צו זיך:

— גלויב נישט, מיין קינד, — האט ער מיר געזאגט, — איז
אזוינע נארישע זאכען! דו האסט דיך גוט צוגעקוקט צו די שקצים
אויף דער גליטש? ווי הייסען זיי?

איך האב איהם געזאגט די נעמען.

— נו, — פרעגט ער מיך, — צי האט אי־נער פון זיי אנ־
דערע מאדע אויגען? אנדערע הענט און פיס, אדער אנדערע
אברים ווי דו? צי לאכען זיי נישט מיט דיר גלייך? און אז זיי
וויינען, גיסען זיך ביי זיי אנדערע מאדע טרערען ווי ביי דיר?
פארוואס זאלען זיי נישט האבען קיין נשמה גלייך מיט דיר? אלע
מענשען זענען גלייך. גלייבע קינדער, איין גאט איז זייער טאטע,
איין ערד איז זייער לאנד! אמת, אז היינט האבען זיך די פעלקער
איינס דאס אנדערע פיינט, יעדעס פאלק רעדט זיך איין, אז ער איז
די קרוין פון אלע פעלקער, אז נאר איהם האט גאט אין זינען; נאר
מיר האפען, אז עס וועט קומען א בעסערע צייט, א בעסערע, ליכ־
טיגערע צייט, ווען אלע מענשען וועלען דערקענען איין גאט, איין
געזעץ, ווען עס וועט מקוים ווערען אונזערע הייליגע נביאים'ס ווער־
טער, אז עס וועלען אויפהערען אלע מלחמות, פארשוואונדען ווע־
רען קנאה־שנאה, אלע וועלען דינען איין בורא עולם, און עס וועט
זיין ווי דער פסוק זאגט: כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים!...

דעם פסוק האב איך געדענקט פונ'ם „ויהי בנסוע" אין דאוו־
נען.

דער לעהרער האָט נאָך לאַנג גערעדט, נאָר איך האָב שוין וועניג וואָס פֿאַרשטאַנען; איך האָב נישט געקאָנט גלויבען, אז אַ „גוי האָט אויך שכל", אַז אַלע מענשען זענען גלייך! איך האָב געוואוסט, אַז דער לעהרער איז אַן אפּיקורס; ער גלויבט נישט אפילו אין גלגול, כאָטש איך האָב אַליין געזעהן, נאָך פֿראַדעל מופקרת'ס טויט, ווי עס האָט זיך אַרומגעדרעהט אַ שוואַרצער הונט אויפ'ן דאַך פֿון הויז, וואו זי האָט געוואוינט.

אויך האָט ער זיך געשעניטען די נענעל נישט איבערגעהי־פּערט, קיינמאָל נישט צוגעשניטען קיין עדות און אַזוי אַרויסגע־וואָרפֿען דורכ'ן פֿענסטער!

איך וואָלט שוין לאַנג אַנטלאָפֿען פֿון איהם, איך וואָלט אויס־געזאָגט דער מאַמען, אַז ער רעדט „על השם ועל משיחו", ווען נישט...

איהר טרעפֿט שוין אודאי, וואָס און ווּעמען איך מיין...

8.

נאָר דאָס איז מיר אין קאָפּ אַריין, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען די אומות העולם וועלען קומען צו אונז לערנען תורה, און דאָס האָט באַדאַרפֿט צו זיין היינט־מאָרגען.

ביי אונז זענען דאַמאָלט געוועזען שוין אמת'ע משיח'ס צייטען: מען האָט געפֿונען דאַרויף אַ שטאַרקען רמז אין דניאל און אַ זי־בערען לפ"ק; מען האָט געוויזען עפּעס אַ זוהר מיט אַ מדרש הנעלם, מען האָט אויך פֿון אויער צו אויער דערצעהלט, אַז דער קאָזעניצער האָט אויפֿגעהערט צו זאָגען תחנון. אויך איז געווע־זען אַ קלאָרע ידיעה פֿון ארץ ישראל, אַז ד אָ ס יאָהר האָט זיך נישט געוויזען קיין פּוקס לעבען כותל מערבי.

און מען האָט זיך טאָקע געריכט אַלע טאָג אויף משיח בן יוסף'ן. קהל האָט זיך געלאָזט קאָסטען און איינגעהאַלטען די פּאַראָטקעס; אַז משיח וועט קומען, ווער וועט געדענקען אַזאַ קליי־ניגקייט צוריק צו מאַנען!

דעם ערגסטען סוף האָבען געהאַט די ווייבער. נאָך פֿאַר־אַ־יאָהרען זענען איינגעפֿאַלען די טרעפּ פֿון מקוה. אַ צעהן מאָל האָט

מען נישט געלאזט „אויסנעמען“. איידער מען האט צוזאמען געגנר־
מען געלט אויף ניי געהילץ. נו, עס ליגט שויז, בה"ש, גרייט. עס
איז אבער פארט א שאד צו דינגען א בעל מלאכה, אז עבדה די
פאר קערבלער!

און איך בין זיכער געווען, אז אין א קורצער צייט וועט דער
אייגענער יאשעק, וואס איז מיר נעכטען אונטערגעלאפען אויף
דער גליטש, בשעת איך האב געמאכט „א שוסטער“, וואס דורך
איהם האב איך שיער נישט האלז און לייב צובראכען; דער איי־
גענער וואיטעק, וואס ווייזט מיר אלע מאל א חזיר־אויער, און
דער אייגענער יאנטעק, וואס צעהלט אונז: ראז, דווא, טשי —
אז אלע דריי וועלען קומען צו מיר בקידה והשתחויה פרעגען א
דין, למשל: פון מוקצה!

און איך, רחמן בן רחמנים, וועל זיי נישט געדענקען זייער
שלעכטס, וואס זיי האבען מיר געטאן; איך וועל זיי זאגען. איך
וועל זיי מקרב זיין און אויסזאגען דעם סוד פון דער אייזערנער
מיט דער פאפירענער בריק; אנזאגען זיי הזהר והזהר, אז זיי זא־
לען זיך נישט דערוועגען צוצוגעהן צו דער אייזערנער בריק. אמ־
בעסטען, האב איך מיך געטראכט, וואלט געווען, זיי זאלען זיך
גאר האלטען פון דערווייטענס, אבי זיי זאלען ראטעווען זייערע
נשמות...

## 9.

ערב ראש השנה האב איך געענדיגט „איזהו נשך“ און האב
געפיהלט דעם טעם פון יציאת מצרים.

ר' יוזל, מיין נייער רבי, האט מען מיר געזאגט, קנייפט נישט.
אפילו שלאגען, שלאגט ער נישט אומזיסט. רב יוזלען האב איך
אלע מאל געזעהן ביים דאווגען. ער איז געווען א הויכער איד
מיט גרויסע ברעמען, אז מען האט ביי איהם קיין אויג נישט
ארויסגעזעהן. ער פלעגט טראגען אפען דעם קאפטען און פון אונ־
טער דער לאנגער צוויי־שפיציגער ווייסער בארד האט פוןביידע
זייטען ארויסגעשטארט דער טלית קטן. געגאנגען איז ער שטיל
און שטיל האט ער גערעדט, גלייך אלץ וואלט געווען א סוד. דער־
ביי האט ער גאנץ לאנגזאם ארויף און אראפ געשאקעלט מיט'

קאפּ, אויפגעהויבען די ברעמען, צוזאַמענגעצויגען דעם שטערן, אַרויסגעשטעקט ביידע ליפּען מיט די וואָנסען און אריינגעשטעקט ביידע הענט אין גאַרטעל אַריין; יעדעם וואָרט, האָט זיך געדאַכט, איז איינס פון די וויכטיגסטע זאַכען, אַז די רעד שטעהען טאַקע ברומו של עולם.

ר' יוזל איז אַמאָל געווען אַ „משולח“ ביי איינעם פון די גרויסע גוטע אידען. עד היום האָט ער פון רבים אין קאָמיסיאָן: פּאַרשפּאַרכענעס בוימאויל, מטבעות, קמעות און שמירה'לעך; ער איז דער ערשטער אין שטאָדט אָפּצושפּרעכען עין הרע'ס, און אַז דער רב איז נישט בקו הבריאה, זאָגט ער פאַר איהם שבת הגדול, ראש השנה, און מאַכט אַמאָל אַ הספד. דער רב איז געווען אַן אַלטער שוואַכער איד און רבי יוזל האָט זיך געריבט „איבער הונ־דערט און צוואַנציג יאָהר“ זיין אָרט צו פאַרטרעטען.

אחוץ דעם איז ר' יוזל געווען אַ באַריהמטער בעל־תקיעה, און אַז ער פלעגט מאַכען די ברכה פאַר תקיעות, האָט טאַקע, ווי זאָגט מען, אַ פיש אין וואַסער געציטערט.

און איך בין געוואָרען מלא גאוה, אַז איך וועל זיין ר' יוזל'ס תלמיד.

נאָך פאַר יום־כפור האָב איך געהאַט די געלעגענהייט צו רע־דען מיט ר' יוזל'ען וועגען דער נשמה.

די נשמה איז געוואָרען ביי מיר אַ מין אידעע פיקס, זי איז מיר נישט אָראָפּגעגאַנגען קיין רגע פון די געדאַנקען. דאָס ערשטע האָט מיר ר' יוזל אַרויסגעשלאָגען פון קאָפּ די חבר'קייט מיט די אומות העולם, און אריינגעשלאָגען אין אַמביציע מיט „אתה בחרתנו.“

„נישט אומזיסט, — האָט ער געזאָגט, — ליידען מיר גלות, בזוי בזיונות און אַזוינע מכות, וואָס שטעהען נישט אין דער תוכחה! מיר זאָלען גלייך זיין מיט די אומות העולם, וואָלטען מיר געהאַט עולם הזה גלייך מיט זיי. דאָס קינד, וואָס דער טאַטע האָט ליעב — דאָס שמייסט ער, עס זאָל וועלען לערנען און אריינקומען אין אַלע שערי בינה“...

— נאָר אפילו ביי אונז אידען, — זאָגט רבי יוזל, — זענען נישט אַלע נשמות גלייך: עס זענען דאָ גראָבע, פּראָסטע נשמות, ווי זרח קניפּ למשל. דיין לעהרער, דער אפיקורס, האָט אַ נשמה

בבחינת קרח; עס זענען פאראַנען נשמות גרויסע, גאָר גרויסע: טייל קומען אַרויס פון דער „התירה" פון אונטער'ן כסא הכבוד; עס זענען פאַראַנען גאָר, גאָר נשמות עליונות בבחינת קמח סולת.

איך האָב וועניג פאַרשטאַנען פון די בחינות און בפרט פון דער התירה פון אונטער'ן כסא הכבוד; איך האָב נאָר געוואוסט, וואָס מען מיינט קמח סולת, און האָב מיר פאַרגעשטעלט דעם חלוק פון נשמות, ווי צווישען ראַזאָווע־מעהל, קאָרן־מעהל, ווייצען־מעהל און מעהל, וואָס מען נעמט לכבוד שבת אויף חלה. די גרעסטע נשמות מוזען זיין מיט זאַפּרען און ראָזשינקעס!

## 10.

— נאָר דער עיקר, — זאָגט ר' יוזל, — זענען יסורים.

— קיין איינציגע נשמה ווערט נישט פאַרלוירען, אַלע מוזען צוריקקומען צו דער מדרגה, אויף וועלכער זיי זענען געוועזען, איידער זיי זענען אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט, און גערייניגט ווערען די נשמות נאָר דורך יסורים; דער בורא עולם מיט זיין גרויס רחמנות שיקט אויף אונז יסורים, מיר זאָלען זיך דערמאָנען, אַז מיר זענען נאָר בשר ודם, א חרס הנשבר, אַ גאָרנישט און אַז ער גיט אַ קוק אויף אונז, צופאַלען מיר און ווערען בטל כעפרא דארעא... נאָר אויף יענער וועלט רייניגט מען אויך די נשמות.

און ער האָט מיר דערצעהלט, וואָס מען טוט אַלץ מיט די אָרעמע נשמות אין די שבעה מדורי גיהנום...

## 11.

צווישען די ימים טובים האָב איך געהאַט מעהר צייט אומצו־קוקען זיך אין דערהיים. פאַר סוכות איז געווען ביי אונז אַ וועש.

איינמאָל, ביינאַכט, האָט זיך מיר גע'חלום'ט, אַז איך בין אויף יענער וועלט. איך זעה, ווי מלאכים שטעקען אַרויס די הענט פון הימעל און כאַפּען אַרויף נשמה'לעך, וואָס קומען צוריק פון דיזער וועלט. די מלאכים קלייבען זיי איבער: גאָר די ריינע, די

ווייסע ווי שניי, פליהען ווי טויבען ארוים פון די הענט, גלייך אין גן־עדן אריין. די ברודיגע — שיט מען אן א בארג, און דעם בארג ווארפט מען אריין אין ים הקרח, וואו עס שטעהען שווארצע מלאכים מיט פארשארצטע הענט און וואשען זיי. נאך דעם קאכט מען זיי ערשט איבער אין גרויסע, שווארצע טעפ, ביים פייער פון'ם גיהנום.

און אז מען דריקט אוים פון זיי דעם ברוד, און אז מען פרעסט זיי, הערט מען דאס געוויין פון די נשמות מסוף העולם עד סופו.

צווישען דער ברודיגער וועש דערקען איך דעם לעהרערס נשמה; זי האט געהאט זיין לאנגע נאז, זיינע איינגעפאלענע באַ־קען, זיין שפיציג בערדעל און האט געטראגען זיינע גרויסע בלויע ברילען, מען האט זי געוואשען, און זי איז וואס אמאל שווארצער גע־ווארען...

און א מלאך האט אויסגערופען: „דאס איז דעם לעהרערס, דעם אפיקורס'ס נשמה!"... דערנאך האט דער אייגענער מלאך צו מיר געזאגט מיט כעס: אז דו וועסט געהן אין זיינע דרכים, וועט דיין נשמה אויך זיין אזוי ברודיג און מען וועט זי אלע נאכט אזוי וואשען, ביז זי וועט פארפאלען ווערען אויף כף־הקלע.

— איך וועל נישט געהן אין זיינע דרכים! — האב איך ארויסגעשריען פון שלאף.

די מאמע האט מיך אויפגעוועקט, אראפגענומען מיר די האנט פון הארץ.

— וואס איז מיט דיר, תכשיט מיינער? — האט זי געפרעגט, דערשראקען. — דו שווימסט דאך ארום אין שוויים!

— פאו, פאו, פאו! — האט זי מיך אפגעבלאזען.

— מאמע, איך בין געוועזען אויף יענער וועלט!

אין דערפריה האט מיך די מאמע גאנץ ערנסט געפרעגט, אויב איך האב נישט דארט דעם טאטען געזעהן? איך האב געזאגט: ניין!

— א שאד, א שאד! — האט זי באדויערט, — ער וואלט דיר אידאי עפעס אנגעזאגט פון מיינעטוועגען.

## 12.

וואס קומט ארויס, אז דער לעהרער מאכט חוזק אפילו אויס חלומות! איהם צוליעב, נאך מעהר גיטעלען צוליעב, האב איך איהם געוואלט ראטעווען; איך האב איהם דערצעהלט מיין גאנצען חלום. ער האט אבער געזאגט, אז א חלום איז א נאר; ער מאכט זיך נישט פון אזוינע זאכען.

ער וויל מיר ברענגען ראיות פון תנ"ך און פון דער גמרא. אז חלומות זענען פלעועס, שישקעס און וואנצען; איך פארשטעק מיר אבער די אויערען מיט די קליינע פינגער און וויל נישט הערען.

איך האב געזעהן באשיינפערליך, אז ער איז פארפאלען, אז זיין גזר דין וועט זיין ביטער, אז איך דארף איהם וייכען ווי אז עפוש, אז ער וויל אומברענגען מיין נשמה — מיין יונגע נשמה!

וואס קומט אבער ארויס? הונדערט מאל האב איך מיר צו־געזאגט, אז איך וועל אלץ דערצעהלען דער מאמען, און האב קיין איינציג מאל נישט געהאלטען ווארט.

אסך מאל האב איך שוין געהאט אפען דאס מויל צו זאגען— האט זיך מיר אבער אלץ גערדאכט, אז גיטעלע שטעהט הינטער דער מאמעס פלייצעס, פארשפרייט צו מיר איהרע דראבנע הענטלער, ווינקט צו מיר מיט די גרויסע אויגען: „ניין! בעט זי זיך, ניין! זאג נישט!"

און דאס געבעט אין איהרע אויגען איז שטארקער פאר מיין פרומקייט. איך פיהל, אז נישט נאר אין פייער און וואסער, נאר אין גיהנום אריין וואלט איך מיך פאר איהר געווארפען.

און עס איז מיר דאך געוועזען א גרויסע שאד: די מאמע און אלע מיינע מלמדים האבען געגלויבט באמונה שלמה, אז פון מיר וועט אמאל ארויסוואקסען עפעס גאר א גרויסע זאך...

## 13.

איך בין פטור געווארען זרח קנייפ מיט זיין פריעה־נאגעל. עס איז מיר דאך נישט בעסער געווארען.

איך בין שוין אלט געוועזען זעכצעהן יאהר. שדכנים האבען שוין געריסען ביי דער מאמען די פאלעס און איך האב נאך געהאט א קינדישע טבע אראפצוכאפען וואקס מוצאי יום כפור פונ'ם שלחן און צו קנעטען אין חדר אונטער'ן טיש.

דער שמש פלעגט מיר זיין דערפאר א שונא אויפ'ן לעבען. און איך האב געהאט דערפאר צרות אין חדר.

— וואו האלטסט דו? — פרעגט ר' יוזל.

איך בין פארטראכט און לעג אויף דער גמרא די גאנצע האנט: אלע פינף פינגער מיט'ן שטיק וואקס.

ר' יוזל איז בלאס געווארען פאר כעס. ער עפענט דאס שופ־לעדעל, נעמט ארויס א דין שטריקעל און בינדט מיר צוזאמעןביידע גראבע פינגער און אזוי שטייף, אז עס האט מיך אנגעכאפט ביים הארץ.

נישט דאס נאך האט ער געמיינט.

ער איז צוגעגאנגען צום בעזעם און האט גאנץ לאנגזאם אויס־געקליבען און ארויסגעריסען א ווייך דין ריטעל. מיט דעם רי־טעל האט ער מיך געשמיסען איבער די צוזאמענגעבונדענע הענט... ווי לאנג? מיר האט זיך געדאכט, עס דויערט אייביג. און א וואונ־דערליכע זאך, איך האב די יסורים מקבל געווען באהבה; איך האב אין זין געהאט, אז דאס שיקט דער רבונו של עולם אויף מיר יסורים, איך זאל תשובה טון און נישט מעהר געהן צום לעהרער.

אז די הענט זענען מיר שוין גוט געשוואלען געווארען און די הויט איז אנגעלאפען מיט אלערליי קאלירען, האט ר' יוזל אוועק־געלעגט דאס ריטעל און געזאגט: גענוג! מעהר וועסט דו שוין קיין וואקס נישט קנעטען!

איך האב פונדעסטוועגען ווייטער געקנעטען.

איך האב געהאט דאס גרעסטע פארגעניגען דערפון, אז איך האב געמאכט פונ'ם וואקס וואס איך וויל. איך האב געפיהלט, אז איך האב איבער עפעס צו שאפען.

איך פלעג אויסקנעטען א קאפ פון א מענש, דערפון געמאכט א קאץ אדער א מייזעל. דערנאך האב איך ארויסגעצויגען פון די

זייטען פליגעל, געשפּאַלטען דעם קאָפּ אויף צווייען און עס איז אַרויס א קרויז־אַדלער. נאָר דערנאָך האָב איך פוןביידע קעפּ און ביידע פליגלען געפלאָכטען א קוילטש אין פיערען.

איך אליין בין אָבער אויך געוועזען אַזאַ שטיק וואקס... מיר האָט געקנעטען ר' יוזל, דער לעהרער, די מאמע און ווער עס האָט נאָר געוואָלט. גיטעלע האָט מיך צוגאַסען!...

## 14.

מען האָט מיך געקנעטען ווי וואקס, נאָר מיר האָט עס וועה געטאָן!

איך געדענק גאַנץ גוט, אז עס האָט מיר וועה געטאָן; נאָר פאַרוואָס? וואָס איז גראַד מיך אָנגעגאַנגען די נשמה?

מיינע חברים האָבען פון מיר געלאַכט, זיי האָבען מיר א נאָמען געגעבען „נשמה יונג“, און ווי נאַריש דער נאָמען איז געוועזען, אזוי פיעל צרות האָב איך פון איהם געהאַט.

איך בין פאַרטראַכט, איך קלער, וואָס מיין סוף וועט זיין. ווען איך וועל שוין כח האָבען מיך אויסצורייסען פון שטן׳ס האַנט; איך רעכען מיך אָפּ מיט מיין אייגענער נשמה, איך זאָג איהר מוסר, איך זידעל זי... ראַפּטום גיט מיר איינער א שנעל אין דער נאָז: „נשמה יונג!“ — איך וויל פאַרגעסען אין מיינע צרות, פאַרטיף מיך אין א וועלט־קשיא, שפּאַן צוזאַמען א שווערען תוספות מיט א האַרבען רמב״ם, בראָק איין א „פּני יהושע“ און מיש אויס מיט׳ן „תומים“; איך בין שוין גאָר אויף אַן אַנדער וועלט: אויס לעהרער, אויס גיטעלע, אויס נשמה... עס הויבט זיך שוין אָן צוזאַמענצושרייפען אין׳ם מח, אַט פאַל איך שוין אויף דער המצאה, דאָס ריכטע וואָרט ליגט מיר שוין אויף דער שפּיץ צונג — ראַפּטום גיט מיר עמיץ א פייף אין אויער אַריין: „נשמה יונג!“; עס הילכט, אין מח פּלאַצט עפּעס, אויס רמב״ם, אויס תוספות, אויס פּני יהושע, אויס תומים... צוריק אויף דער ערד!

איך שטעה שמונה עשרה, איך האָב א פול האַרץ און פולע אויגען מיט געוויין. „רפאנו ה׳ ונרפא“, בעט איך מיט גרויס כונה. און מיין נישט חלילה דעם גוף, די נשמה מיין איך: הייל, רבונו

של עולם, הייל מיין ארעמע יונגע נשמה! „דאס איז דער נשמה יונג“ — ווייזט איינער אינמיטען אויף מיר. אוים כונה!
אזוי האב איך געליטען טאג אזוי נאכט.

## 15.

גיטעלע האט מען געהאלטען פאר א גרויסע חכמה; דער פאטער פלעגט זי אנדערש נישט רופען נאר „חכמה מיינע“; שכנות פלעגען זאגען, אז זי איז קלוג ווי דער טאג; ווען זי זאל אזוי פרום זיין ווי קלוג זי איז, וואלט געוועזען א פרייד פאר איהר מאמען אין גן־עדן. מיין מאמע פלעגט זי אויך שטענדיג לויבען. אז זי איז א גרויסע מחוכמת, וואלט זי נאר בעסער כשר גע־מאכט פלייש, וואלט זי זיך אליין אזא שנור געוואונשען.

און איינמאל, אז איך האב נישט געטראפען דעם לעהרער אין דערהיים און גיטעלע איז אליין געוועזען, איז מיר איינגעפאלען, איך זאל זיך מיט איהר אן עצה האלטען איבער דער נשמה.

די פיס האבען אונטער מיר געציטערט, די הענט — געוואר־פען, דאס הארץ — געצאפעלט, די אויגען האב איך ארייגעשטעקט אין דער ערד ווי א טרפה מעסער און האב פארט געפרעגט: מען זאגט, גיטעלע, אז דו ביסט א קלוגע, זאג מיר, איך בעט דיך, וואס איז אזוינס נשמה?

זי האט געשמייכעלט און געענטפערט:

— אסור, אויב איך וויים!

נאר פלוצלונג איז זי טרויעריג געווארען, טרערען זענען איהר געקומען אין די אויגען אריין.

—איך האב מיך דערמאנט — זאגט זי מיר — אז ווען די מאמע, עליה השלום, האט געלעבט, האט דער טאטע שטענדיג געזאגט, אז זי איז זיין נשמה... זיי האבען זיך אזוי ליעב געהאט!...

איך וויים נישט פון וואנען עס האט זיך צו מיר גענומען, נאר איך האב זי אין דער איינענער רגע אנגעכאפט ביי דער האנט און געציטערט, און געפרעגט:

— גיטעלע, דו וואלסט געוואלט זיין מיין נשמה?

און זי האט מיר גאנץ שטיל געענטפערט: יא!

## 16.

און וויפיעל גליקען האב איך אלץ געהאט!

א גליק, וואס גיטעלע איז געוועזען א בת יחידה, איך — א בן יחיד אוןביידע יתומים, איז עס אונז לייכטער געווען צו פועל'ן; א גליק, וואס דער לעהרער האט צוזאמענגעלעגט א פאר הונדערט רובל נדן און מיין מאמע האט זיי נייטיג געדארפט אין געוועל־בעל אריין; א גליק, וואס איך האב פלוצלונג באקומען — און טאקע גאר אומזיסט — א שלעכטען שם, אז איך וואקס אן אפיקורס און קיינער האט מיך נישט געוואלט אויפכאפען. און דאס גרעסטע גליק איז געוועזען, וואס איך בין געפאלען אויף א שכל און האב אונטערגעשיקט ציפע די וואטע מאכעריז, א שדכנ'טע, א מויל אויף שרויפען, און האב איהר צוגעזאגט גאר באזונדער צו געבען א סך געלט! פונדעסטוועגען האט נאך אלץ די מאמע געוויינט איבער מיר: אוי, ווען דיין טאטע זאל אויפשטעהן פון קבר און זאל זעהן, מיט וועמען איך טו, וואלט ער דאך נאך אמאל פון חרפה געלעגט זיך אין קבר אריין.

דאמאלט בין איך געפאלען נאך אויף א שכל; איך האב ווייטער אינמיטען דער נאכט אנגעהויבען שרייען, איך בין נאך אמאל געוועזען אויף יענער וועלט. נאר דאס מאל שוין אפגעגעבען דער מאמען א גרוס, אז דער טאטע באשטעהט אויפ'ן שדוך.

און איך האב געקריגען א נייע נשמה...

# קינדער.

מיין טאטע איז געווען: ווינטער א שניידער, זומער — א סאדאווניק. געפעלט אייך נישט דער יחוס, לענט אוועק די מעשה. ס'איז אבער א שאד: א שעהנע מעשה.

איך בין נאך דאמאלט א חדר־אינגעל געווען, און פלעג זו־מער, נאכ'ן אפדאווענען מנחה ומעריב, ארויסגעהן צו טאטע־מאמע, אין סאד אריין, וואס זיי האבען געהאלטען בשותפות מיט א וואַ־טענמאכער, און צוזאמען מיט איהם דארט איבער'ן זומער גע־וואוינט.

מיין טאטע, א פראסטער איד, האט געוואלט, אז פון זיין ראובן־בנימין, זיין בן־יחיד, זאל ארויס, נישט קיין שניידער און נישט קיין סאדאווניק, נאר א בן־תורה, א רב, כאטש א דיין! און ווען א גוטער מלמד, איז אויך א כבוד!

א קעפעל האב איך אפילו געהאט נישט קיין שלעכטס, נאר קיין מתמיד בין איך נישט געווען: מעהר חשק געהאט צו שפּי־לען און צו היימיש־אידישער קונסט: הבדלות מאכען, דרעדלעך גיסען, אויסשניידען פאפירענע פייגעלעך און נאך אזעלכע זאכען. און דעם סאד האב איך ליעבער געהאט פאר'ן חדר... האט אמאל שטארק גערעגענט, און עס איז מיר אויסגעקומען צו בלייבען אין שטאדט און צו נעכטיגען ביים רבי'ן אין שטוב, אויף א געמאכטען געלעגער, צווישען טיר און פעסעל־וואסער, — האב איך געמיינט, איך וועל דערשטיקט ווערען. און האב נאך א גאנצע נאכט בייזע חלומות געהאט: אט איז מען דעם סאד באפאלען. מע שאקעלט די בארלעך, דער טאטע שלאפט, די מאמע שלאפט. אויף דער צווייּ־טער זייט, אין ביידעל ביים וואטענמאכער, שלאפט מען אויך. איך איינער שטעה אין העמד אינמיטען סאד און שריי:

— טאטע! מאמע! ר׳ זעליג זלמן! טריינע! — אזוי האט ר׳ זעליג־זלמנ׳ס ווייב געהייסען — גאלדעלע!

— שייגעץ איינער, — וועקט מיך איינמאל דער רבי איבער. און נישט זעהר לייטזעליג, — וואס פאר א גאלדעלע? —

געה, זאג א רבי׳ן, אז גאלדעלע איז א מיידעל, ר׳ זעליג זלמן וואסענמאכערס און זיין ווייב טריינעס איינציג טעכטערעל, — א מיידעל עטוואס אינגער פון מיר, מיט וועלכער איך שפיל מיך אפילו אין זאמד, צוליעב וועלכער איך מאך אמאל א פייפערעל און שפיל צווישען טאג און נאכט צווישען די בוימעלעך אין סאד...

דרעה איך מיך, שווייגענדיג, איבער אויף דער צווייטער זייט, שלאף איין און חלום ווייטער...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איינמאל, אנהויב זומער, האט דער רבי מודיע געווען, אז ער האט שטארק קאפ־וועהטאג און צולאזט דעם חדר מיט א האלבער שעה פריהער. איך האב שיער נישט אויסגעשריגען פאר פרייד! חברים ווילען מיך פארהאלטען, שפילען אין „ציג־און־וואלף“, האנדלען קנעפלעך מיט שטאלפעדערען. איך הער נישט, איך אנט־לויף פייל פון בויגען. מעשה־סאדאווניק, וואַרף איך באלד הינטער דער שטאדט די שטיוועל אראפ, פארבינד זיי און ווארף איבער די אקסעל. דורכלויפען דריי וויארסט איז נישט קיין סך, שוויץ איך און לויף. כ׳קום אין סאד אריין, ווארף די שטיוועל אוועק ביי דער פארטקע, לויף דורך די בייטען אינמיטען סאד אריין. געוואלט מיט אמאל ארומנעמען ווערען מיט סאד.

אין סאד איז שטיל. אלע דרימלען אודאי אין די ביידלעך. אין סאד איז נאך קיין ארבייט נישטא. און אויסשלאפען מוז מען זיך אויף שפעטער. עס געהען גאנצע חדשים צום וואכען: ארום — דערפער מיט שקצים — גרויסע בעלנים אויף אויבס...

איך שטעל מיך אפ, קוק מיך אום...

באמערק איך, עפעס ריהרט זיך אונטער א צובליהטען באַ־רען־בוימעל. איך קום עטוואס נעהנטער — גאלדעלע. עפעס גראבט זי אין דער ערד, שטעקט אריין ריטלעך, און איז אזוי פארנומען, אז זי הערט נישט מיינע בארוועסע טריט... שלייך איך מיך שטיל נאך נעהנטער און פון א זייט צום בוימעל צו, נעם און

דעם יונגען דינעם שטאם און טרייסעל, דער בארען־בוים רעגענט מיט שנייעלעך איבער גאלדעלע׳ס קעפעלע...

גאלדעלע האט זי געהייסען און — גאלדענע האר געהאט, און עפּעס אזוינע שטיל־לאַבענדיגע אויגעלעך און טאפּעלטע חן־גריב־לעך אין די בעקלעך. הערט זי אויף צו גראבען אין דער ערד, לאזט אויף זיך רעגענען די ווייסע בליטען איבער׳ן קאפּ, אין שוים אריין, און ערשט אין א גוטער מינוט ארום, הויבט זי די אויגען אויף און זאגט, אביסעל נערוויטעלט.

— א שאד, ראובן־בנימין, מאכסט א היזק!

איך לאז אפּ דאס בוימעל און פרעג, וואס זי טוט.

גאלדעלע דערצעהלט:

זי מאכט זיך א באזונדער גערטעל, און ווייזט מיר די אריינ־געשטעקטע ריטלעך.

— וואס וועט וואקסען אין דיין גערטעל, גאלדעלע?

וואקסען, וויל זי, זאלען ערשטענס בלומען, רויטע רויזען, ליליען ווייסע און נאך, און נאך...

— און פּירות נישט?

— פּירות אויך! נאר נישט אזוינע פּירות... פּערגאמוטען מעגען זיין... אבער דער עיקר: ציטרינען, אתרוגים... ל־ו־ל־בים....

ציהט זי מיט׳ן דינעם קול׳כעל און פאר׳חלום׳טע אויגלעך.

און כדי די שקצים פון די דערפער זאלען נישט באפאלען איהר גערטעל און אפּשאקלען די פּירות, מאכט זי ארום גערטעל א פעס־טונג — אין אונזער שטאדט איז א פעסטונג געווען. איך זעץ זיך צו, מיר געפעלט די המצאה, און מיר ארבייטען צוזאמען.

עס פאלט צו דער אווענט.

ווערט א גערופעריי פון איין זייט:

— גאלדעלע, וואו ביסטו, גאלדעלע?

און פון דער צווייטער זייט:

— ראובן־בנימין! ראובן־בנימין! — און אומרוהיג פאר־וואונדערט: — נאך פון חדר נישט געקומען?

דער מאמעס קול!

איןביידע זייטען פאר די ביידלעך ברענט שוין א פייער,ביים פייער שטעהען טעפּ, וועטשערע קאכט מען. מען רופט גאלדעלען.

מען הופט מיך, מיר הערען אזוי ווי אין א חלום, אין דער ארבייטס פארטאז, און ענטפערען נישט.

דריי וואלען וועט מען מאכען ארום, אזוי ווי אונזער פעסטונג אין שטאדט. צווישען די וואלען וועט מען אנגיסען וואסער.

— ווייסטו וואס, גאלדעלע ?

— וואס ?

— זעלנער וועלען שטעהן אויף די וואלען !

זי פרעגט :

— זעלנער, פון וואס ?

איך קלער נישט לאנג און ענטפער :

— פון דינע שטעקעלעך. איך וועל אויסשניצען ; ווייסט דאך, א מעסערל האב איך !

זי ווייסט.

און איך דערמאן מיך, אז איך האב מיין אייגענס עטליכע פארצעלייענע שערבלעך.

— „וועט דאס זיין אפיצערען !"

זי הייבט דאס קעפעל אויף, פאר'חדוש'ט :

— פון וואנען האסטו פארצעלייענע שערבלעך ? !

— כ'האב שוין, — ריהם איך מיך, — געקויפט פאר קנעפלעך ! אויסגעטוישט ! זעהסט ? און איך ווייז איהר, וויפיעל קנעפלעך עס פעהלען ביי מיר.

— און איך האב, — זאגט זי, — געפונען אין שטאדט א לענגעביג גלעזעל — כ'בין געוועזן קויפען זאלץ — א לענגעביג רויט גלעזעל. עס לייכט דורך אזוי שעהן !

— וועט זיין, — זאג איך, — א גענעראל !

— א גענעראל ! — איז גאלדעלע מסכים.

און מען ארבייט ווייטער.

— גזלן, — שרייט טריינע צום מאן, — לויף דורך דעם סאד. אפשר אונטער א בוימעל איינגעשלאפען.

און מיין מאמע פון דער צווייטער זייט סאד לאזט זיך הערען. אן אנגעשראקענע :

— רוצח, בערעל ! (מיין טאטענס נאמען) לויף אין שטאדט אריין ! וועה מיר, געמוזט עפעס געשעהען... אפשר די ווערימלעך זיך אנגערופען !

מען מוז איבערהאקען! מיר קריכען ארויס פון אונטער'ן באַרען־בוימעל און צולויפען זיך, יעדעס צו זיין ביידעל.

— — — — — — — — — — — — — — — —

די זאך האט אויסגעזעהן ביי טאטע־מאמע נישט גלאט... אזוי שפעט, איגנאנצען איינגעשמירט אין ערד, אין גראז. נאר — אבי ר'איז דא! און די קארטאפעל זענען פארטיג... נאכ'ן עסען ווערט מען שלעפעריג.

בשלום אריבער. און ביי דער פעסטונג ארבייט מען יעדען אווענט! טיילמאל שלייכט מען זיך אוועק נאך דער וועטשערע נאך אמאל, און מען ארבייט ווייטער.

די שותפים — ביידע פאר־פאלק — שפאצירען ארום איבער'ן סאד, באקוקען דאס גערעטעניש, באשטימען, וועלכע בוימלעך מען וועט דארפען אונטערשפארען; מען רעכענט אויס, וויפיעל עס וועט זיין אויבס, און אויב עס וועט זיין א מקח — וויפיעל עס וועט בלייבען. מען פארגעסט אז אונז אביסעל... און עס ארבייט זיך געשמאק. די פעסטונג וואקסט פון טאג צו טאג. פאר מיר, וועניגסטענס, איז די פעסטונג דער עיקר! גאלדעלע וויל דאס גערטעל אויך נישט פארלאזען. וואו זי געפינט א שעהן פריש ריטעל, זעצט זי אריין; מיט יעדען טאג נעמט זי דאך די פעסטונג אלץ מעהר און מעהר. מארגען, אז גאלדעלע וועט ארויסגעהן מיט דער בלעכערנער קאן באגיסען די מערען מיט די רעטעכלעך, וועט זי אנגיסען וואסער. אז איך וועל קומען פון חדר, וועלען שוין צווישען די דריי וואלען פליסען צוויי טייכער!

— אבער וואס וועלען די זעלנער עסען? — פאלט מיר פלוצלונג איין צו פרעגען.

— ברויט! — ענטפערט גאלדעלע. — פאראן אין יענער זייט גארטען ליים, וועל איך ברענגען קנעטען בולקעס. א מולטערעל וועל איך מיר מאכען פון א גרויסען רעטאך. נאר — פארזארגט זי זיך. — וואו וועט מען באקען דאס ברויט?

— כיוז מען, — זאג איך, — מאכען א בעקעריי, א זעלנערישע בעקעריי, אין א פעסטונג מוז עס זיין!

גאלדעלע שפרינגט אויף, פאטשט מיט די הענטלעך פאר פרייד.

— שטילער, שטילער! מען וועט דערהערען!... און איך נעם מיך באַלד צו דער מלאכה. גאָלדעלע העלפט. באַלד ווערט אויסגעגראַבען אין דער דיק פון אינעווענינגסטען וואַל אַ באַק־אויווען. מען דאַרף נאָך אַרויף און אַרויסציהען אַ קוימען. ערגעץ אין סאָד ליגט אַ שטיק בלעך, גאָלדעלע ווייסט וואו.

זי שפּרינגט אויף, פליהט אויף די באַרוועסע קליינע פיסלעך. איך קוק איהר נאָך און ציטער, זי זאָל זיך נישט איינשניידען אַ פיסעל אין אַ שאַרף גלעזעל... נאָר אָט איז זי צוריקגעקומען בשלום...

זי לאַכט:

— זיי שטעהען ביי די בייטען און צעהלען די ריבען!

גאָלדעלע דערלאַנגט די בלעך. איך נעם און וויל זי אויסבויגען קיילעכדיג, און שנייד מיר איין אין אַ פינגער.

גאָלדעלע דערשרעקט זיך, שפּרינגט אויף מיט אַ געשריי. איך שפּרינג אויך אויף, כאַפּ איהר אַרום דאָס קעפּעל, פאַרשטאָפּ איהר דאָס מיילעכעל מיט דער געזונטער האַנט:

— מען וועט דערהערען!

און מען האָט דערהערט.

— וואָס שרייסט דו, גאָל—דעלע, גאָל—דע—לע!

איהר מאַמעס קול.

— גאַרנישט, גאַרנישט! — ענטפער איך פאַר איהר.

זי איז געלאָפען איןביידעל אַריין נאָך שפּינוועבס, אַ שטיקעל לייטוואַנט און אַ פאַדעם אַרומצובינדען.

— דו? ראובן־בנימין? — הער איך מיין מאַמעס קול.

— וואָס טוסט דו דאָרט ערגעץ אין סאָד, שייגעץ איינער! — כאַפּט אונטער דער טאַטע.

— גאַרנישט! — ענטפער איך, — גאָר נישט! כ'געה שוין שלאָפען... און לאָז מיך צו אונזער ביידעל צו, און וואַרף מיך מיט'ן בלוט־טריפענדיגען פינגער אויף מיין געלעגער.

— איך שלאָף שוין, טאַטע! — שריי איך אַרוים אין סאָד אַריין.

—גוט! גוט! — ענטפערט די מאַמע, נאָר עפּעס אַזוי ווי לאַכענדיג. אפשר האָט זיך מיר נאָר געדאַכט. דערוויילע

שלייכט זיך צו מיר אריין גאָלדעלע, פאַרבינדט מירביים בלאַסען לבנה־שיין דעם פינגער — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צומאָרגענס פיהרען מיך טאַטע־מאַמע אָפּ אין חדר אריין. דער טאַטע געהט פאַראויס, די מאַמע — פון הינטען, איך — אין דער מיט. די פּנים׳ער פון טאַטע־מאַמע זעה איך נישט, נאָר איך פאַרשטעה, אז זיי זענען „אנגערוקטע“. איך האָב גענוזט עפּעס זינדיגען, מען וועט מיך פאַר׳ן רבי׳ן פאַר׳מסר׳ן...

שטאַרק מורא האָב איך נישט. איך בין דאָך פאַרט א בן־יחיד. די מאַמע זאָגט: „איינער פון אכט געבליבען“. —

און די געדאַנקען פאַרפיהרען מיך באַלד אן א זייט. „ווי גוט! איך — א בן־יחיד, גאָלדעלע — א בת יחידה.“ פאַרוואָס עס איז גוט, גיב איך מיר קיין חשבון נישט אָפּ, נאָר ארויס פון דעם געפיהל קאָן איך עפּעס נישט. „עס איז פאַרט גוט!“

ענדליך אנגעקומען.

— רבי, — הויבט אן דער טאַטע נאָכ׳ן „גוט מאָרגען — גוט יאָהר“. מהיום והלאה קומט דער יונג נישט מעהר אין סאַד אריין.

און פאַרטייטשענדיג:

— א יונגאַטש, שפּילט זיך אין זאַמד!

— און מיט מיידלעך. — גיט צו די מאַמע.

— איי־איי־איי! — שאָקעלט דער רבי מיינער מיט׳ן קאָפּ, ווי אן אומרוה אין דער ברייט.

און די רבי׳צין, וואָס קאָן נישט אוועק פון קוימען און שוימט עפּעס אין טאָפּ, זיפצט אָפּ:

— הײנטיגע קינדער! הײנטיגע קינדער!

נאָר פון איהר מאַכט זיך קיינער נישט.

— ער וועט שלאָפען ביי אייך! — איז גוזר דער טאַטע.

מיך פרעגט מען קיין עצה נישט. מען רעדט ווייטער. דער טאַטע, די מאַמע, דער מלמד, נאָר איך הער שוין נישט:

שוימענדיג אזוי ערנסט אין טאָפּ, האָט די רבי׳צין, וואָס לעגט קיינמאָל נישט דעם זאַק פון האַנט ארויס, ארויסגעלאָזט פון אונטער׳ן אָרעם די קנויל מיט׳ן פאָדעם... די קנויל קאָלערט זיך איבער דער פּאָדלאָגע, די קאַץ באַווייזט זיך איבער׳ן ראַנד פון אויווען און שטעלט ארויס א פּאָר בליצענדיגע אויגען; זי האָט

מורא פאר די פרעמדע, און קאן זיך דאך נישט איינהאלטען, און גיט א שפרונג אראפ, און הויבט זיך אן שפּילען מיט דער קנויל...

„ווי זיי זעהען דאס אלץ נישט." וואונדערט מיך שטארק. אבער אט כאפּט מיך דער טאטע ביים אקסעל:

— און וואס וועט זיין פון דיר? א בור, א שניידערוק, ווי איך?

איך האב מורא צו זאגען, אז איך וועל האלטען א סאד, און מאכען ארום סאד א פעסטונג צו פארהיטען פאר די שקצים.

— געדענקט זשע, רבי, צוויי גילדען א וואך פאר'ן שלאפען! און אכטונג זאלט איהר געבען...

דער רבי שאקעלט מיט'ן קאפ אין דער לענג.

— נאר שלאגען — נעמט איהם די מאמע אן א זייט, פון טאטען אוועק — חס ושלום! איינער פון אכט געבליבען!...

אוי, ווי ליעב איך האב מיין מאמען!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

שווער איז מיר געווען אויסצוהאלטען אין חדר אהן דער פעסטונג. ווער ווייסט, צי זי וועט זי קאנען ענדיגען אהן מיר... און עס בענקט זיך אביסעל צום סאד אליין, און — צו טאטע-מאמע, און וואס אמאל מעהר — צו גאלדעלען. מאך איך די אויגען צו — זעה איך זי זיצען אונטער'ן בארען-בוים, מיט ווייסע בליטען באשיט...

מען טאר אבער נישט וועגען דעם טראכטען... איידער מען קוקט זיך אום — אלול. איך לערען מיך שופר-בלאזען. עס געהט א גאנג.

— וואלסט דו אזוי צוגעלענט די חושים צו דער גמרא! — מאכט דער רבי.

— און שופר-בלאזען — פרעג איך — איז א קלייניגקייט? נישט א גרויסע מצוה?!

— דאס קאן — ענטפערט דער רבי — א שניידערוק אויך!

— וואס רעדסטו, מיכל — מישט זיך אריין די רבי'צין.

— א מענש, — בורטשעט זי ביים קוימען — פארגעסט, וואו ער האלט אויף דער וועלט...

— מיין טאטע, — רוף איך אויס, באליידיגט, — איז דער עיקר א סאדאווניק...

דער רבי וויל זיך פאַרענטפערן, פאַרענדערנדיק:

— נישט דאָס בלאָזן איז דער עיקר; דער עיקר איז די כונה פון שופר־בלאָזן!

שלאָגן שלאָגט מען מיך נישט. מיט מיין מאַמען מאַכט מען קיין קונצן נישט. זי וואַרפט שקצים אַריבער איבער'ן פּלויט. און מאַכט זיך א סכסוך מיט א סוחר פון אויבס, כאַפּט זי אַזא אידען אַן ביי דער האַנט און שלעפּט פון סאַד אין שטאָדט אַריין צום רב... דריטהאַלבען וויאָרסט!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף ראש־השנה האָט מען געדונגען גוי'שע שומרים צום סאַד און אַלע זענען געקומען אין שטאָדט אַריין. מיין טאַטע־מאַמע — צו זיך, נישט וויית פון מיין מלמד, און דער שותף מיט'ן ווייב אין מיט גאָלדעלען — אויך צו זיך, נאָר, וואו זיי וואוינען, וויים איך נישט. פרעגען לאָזט זיך נישט.

דעם ערשטען טאָג ראש־השנה, אין דער שטילקייט פון „למנצח". איך שטעה ביים פענסטער, קוק אַרויס און פאַרבלאַנדזשע מיך פריהער אין דער ווייטקייט... אונטער'ן הימעל זענען אַזוינע מאָדנע חברות מיט פייגעלער געפלויגען, — אַז זיי זענען אוועק, וואַרף איך א בליק איבער'ן שול־הויף, — גאָלדעלע! געקומען הערען שופר־בלאָזן! איינגעהילט אין א זויים טיכעל, עפּעס אַזוי פרום, צנועה'דיג איינגעבויגען... שטעהט צו מיר מיט א זיים. זעהט מיך נישט, קוקט נישט. דער חזן לאָזט אַרויס:

— למנצח!

דער בית־המדרש צוזודערט זיך. די פאָליע כאַפּט מיט מיין נשמה און טראָגט זי אוועק, אוועק...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מוצאי־יום־כפור געהען מיר, מיין טאַטע־מאַמע און איך, צוריק אין סאַד אַריין. איך וויל פרעגען, וואו גאָלדעלע און איהר טאַטע־מאַמע זענען, און קאָן נישט! דעם וואַטענמאַכער ביי קדוש לבנה האָב איך געזעהען, געוואונשען איהם א גמר חתימה טובה... מען דאַרף טריינען אויך ווינשען, גאָלדעלען אויך. פרעגען קאָן איך פאָרט נישט, די ווערטער בלייבען אין האַלז. און אומרוהיג בין איך: צי האָט נישט גאָלדעלען דער תענית געשאַדט? איז זי, חס ושלום, נישט קראַנק געוואָרען און אין שטאָדט געבליבען? דאָס

גלעזעל ווארעמס מיט'ן פארבייסעכטס באקומען מיר נישט. עס קריכט נישט אין האלז אריין. באלד אבער נעמט די מאמע דעם טאפ מיט די כפרות אין דער יויך.

— א שאד — זאגט זי — האלץ ! און זי געהט ווארעמען צו טריינען. דארט איז שוין א גרויס פייער געמאכט. הייסט עס, יע־נע זענען שוין פריהער געקומען.

— געלויבט איז גאט ! — רייסט זיך מיר פון לייכט גע־ווארענעם הארץ ארויס.

— וואס ?

פרעגט דער טאטע. די מאמע שטעלט זיך אפ.

— גארנישט ! — זאג איך ראש — גארנישט ! געלויבט איז גאט, אלע זענען בשלום איבערגעקומען דעם תענית... גאט האט מוחל געווען די זינד...

איך פלאפעל, די מאמע קעהרט זיך עפעס צו פלוצלונג אפ און געהט ארויס. איך פיהל, אז ארויסגעהענדיג, שמייכעלט זי.

און דער טאטע פרעגט :

— און וואס דארף מען טון אצינד ?

— איך וויים !

איך נעם און צינד אן א לאמטערען, דער טאטע נעמט א שייטעל האלץ און א האק. מען געהט אריינשלאגען א פלאקען צו דער סוכה.

— געה, רוף דעם שותף !

מען דארף אבער נישט רופען. פוןביידעל קעגענאיבער לאזט זיך שוין אין גארטען אריין דער וואטענמאכער. דעם לאמטערען הינ־טער איהם טראגט גאלדעלע. — די בשותפות'דיגע סוכה וועט שטעהן אינמיטען גארטען...

— איך א פלאקען און דו — א פלאקען ! — זאגט דער טאטע.

— איך אויף ד ע ר זייט, — ענטפערט דער וואטענמא־כער, און שטעלט זיך אויף אן ארט. דער טאטע שטעלט זיך קעגענאיבער.

זיי בויגען זיך איין, איך און גאלדעלע קומען זיך צוזאמען און בויגען זיך אין דערמיט איבערביידע, און לייכטען.

וויל דער מזל און אונזערע קעפלעך טרעפען זיך, ריהרען זיך

אז; ציטערען מיר ביידע. די לאמטערען אין די הענט ווארפען זיך...

די העק קלאפען און איך רוים איהר איין:

— א גמר חתימה טובה, גאלדעלע!

— גם אתם! — ענטפערט זי שטיל.

— — — — — — — — — — — — — — —

די מאמעס האבען יום־טוב געמאכט, די טאטעס — די סוכה. זי אויסגעצירט האב איך מיט גאלדעלעס הילף. אויסצירען א סוכה איז דאך א מצוה! לאזט מען. דאס איז נישט „שפיעלען!“

האט גאלדעלע ערגעץ צוזאמענגעקליבען האלבע אייער־שאלען און אויסגעהאנגען ארום די ווענט; האב איך אויסגעשניטען פון רויטען פאפיר פייגעלעך; און אין יעדער האלבער אייער־שאל א רויט פויגעלע ארייגעזעצט; מיט'ן פיסקעלע ארויס, אין דער מיט סוכה אריין. כמעש לעבעדיגע פייגעלעך. גאלדעלע שעפט נחת, פאטשט אין די הענטלעך אריין:

— ווערסט זעהן, זיי וועלען זינגען! זיי מוזען זינגען...

דערנאך האב איך געמאכט א לאמטערען פון א גרויסער, אויס־געהוילטער דיניע. אויסגעשניטען אין דער שאל שעהנע גע־כתיב'עטע אותיות: בסוכות תשבו —

„דאס איז טייטש, — האב איך גאלדעלען ערקלערט, — גאט האט געזאגט צום פאלק ישראל, און געהייסען, ער זאל זיצען אכט טאג אין סוכה.

און האב אריינגעשטעלט אין דער דיניע אריין א ליכט. פאר־נאכט איז שוין געווען, ווען מען פרואווען! גאלדעלע לויפט און ברענגט זאפאלקעס. זי קומט צוריק צוהיצט; די אויגעלעך בלי־צען. איך צינד אן, נאר די הענט ציטערען מיר עפעס; קוים אנ־געצונדען. אט, עס ברענט. א פיין־צנועה'דיגער שיין צושפרייט זיך אזוי ווייך איבער דער סוכה. דער פסוק שיינט העלער, ווערט בולט און בולט'ער...

— אוי, האב איך ליעב סוכות! — שרייט אויס גאלדעלע.

מיר טרעטען עטוואס אפ און בלייבען שטעהן אינ'ם וואונדער פארקוקט...

— די פייגעלעך וועלען נאך זינגען, זינגען! — האלט זיך גאלדעלע ביי איהרם!

הינטער אונז שטעהען שוין טאטע־מאמעס.
מיין טאטענס קול:
— שוין פארטיג, באסע־קאמאנדע? !
זיי בלייבען שטיל, פארקוקט און פארוואונדערט פון דער שעהנקייט, און קוקען זיך דערנאך איבער. די מענער שמייכלען עפעס אונטער די וואנסען. ביי די ווייבער אין די אויגען באוויי־זען זיך פייערלעך...
נישט ווילענדיג כאפ איך אן גאלדעלען ביי דער האנט.
מען שרייט נישט — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
סוכות.
נאכ'ן עסען. אונטער א בוים אין סאד שלאפט דער טאטע מיט'ן וואטענמאכער.
„אונטער די פערגאמוטען!" ווייסט גאלדעלע צו זאגען.
איך קוק זי אן און שמייכעל:
— און די מאמעס ביי די בייטען!
— אונטער די פלוימען! — ווייסט זי א נעהנטערען באַ־שייד.
מיר זיצען אין סוכה.
איך מאך אומישנע מיט דער האנט פאר'ן פנים, גאלדעלע זאל זעהן, וואס פאר א שעהנע לולב־פינגערלעך איך האב אויף די פינגער.
— אליין — באריהם איך מיך — געפלאכטען!
— זאלסט זעהן, — ענטפערט זי — ווי איך פלעגט קווילי־טשען!
קיין פינגערעל בעט זי נישט.
מיר שווייגען א ווייל.
די רויטע פייגעלעך זינגען נישט, נאר ביי מיר עפעס אין הערצעל זינגט.
— ווייסט, גאלדעלע, פארוואס מען זיצט אין סוכה? —
און ענטפער אליין:
— זכר ליציאת מצרים.
און פארטייטשט איהר.
פרעגט זי נאך א ווייל:

— ווייסט, ראובן־בנימין, פארוואס מען עסט ריבען און מערען?

איך ווייס און שעם מיך צו זאגען...

— און האניג? — פרעגט זי ווייטער.

— זאלסט האבען — ענטפער איך שטיל — א זיס יאהר...

— און שמחת־תורה — זאגט זי — שניידט מען די מער־לעך אין פלאכע רעדעלעך, אזוי ווי רענדלעך גאלדענע!

און נאך א ווײלע — איך:

— ווייסט, גאלדעלע, ווער עס קומט צו גאסט אין סוכה אריין? די אבות און די אמהות... און ווייסט, גאלדעלע, וואס „שמחת בית השואבה" איז?

זי ווייס נישט, און איך זאג איהר.

— אוי, — ענדיג איך מיט א זיפץ — איז דאס אין בית־המקדש א שמחה געוועז — ווער עס האט דאס נישט געזעהן, האט קיין רעכטע שמחה נישט געזעהן!

— דערצעהל, ראובן־בנימין, דערצעהל, — בעט זי זיך: זי קוקט אויף מיר, רויטעלט זיך, ווענדט אפ דאס גאלדענע קעפעל און שפארט עס אן, הינטערוויילעכס, ביי מיר אויפ'ן הארץ, — צי הערט זי, ווי עס קלאפט? איך וויל פרעגען. בלייב אהן לשון.

— דערצעהל! — בעט זי נאך אמאל און עפעס אזוי שטיל־ציטעריג.

און איך דערצעהל איהר:

— פון נאך מיטאג הויבט זיך אן די שמחה אין עזרת־נשים (איך פארטייטש איהר). אלע אידען פון גאנץ ארץ־ישראל, אלע עולי־רגל פרעהען זיך. די עלטסטע, די ראשי ישיבות, די זקנים פון סנהדרין, — אלע שבעים לשון האבען זיי געקענט, כשוף אויך! — אלע פרעהען זיך. אלע האלטען שטורקאצען אין די הענט, אזוי־נע ברענענדיגע פלאקערען, און טאנצען... די לויים האלטען אלער־ליי כלי־זמר, וואס זענען אויסגערעכענט אין תהלים, און זינגען גאנצע קאפיטלעך תהלים... און דער עולם ארום טאנצט... א ראד אין א ראד... אזוי רעדער אהן א שיעור...

ר' שמעון בן גמליאל — א גרויסער תנא געוועז — גאר א גרויסער! האט געהאלטען אכט שטורקאצען, צו פיער אין יעדער האנט. און טאנצענדיג, האט ער די פלאקער, איינעם נאכ'ן צוויי־

טען, אין דער לופט געשליידערט, פון דער לופט געכאפּט... און אזוי קונציג, אז קיין איינציגער פּלאַקער איז אויף דער ערד נישט געפאלען, קיין איינציגער האט זיך אין דער לופט נישט פארלאַ־שען! און אזוי א גאנצע נאכט געטאַנצט. קיינער נישט געשלאַ־פען. ווערט מען נאר מיד, שפּארט איינער אַן זיין קאָפּ אַן צוויי־טענס אַקסעל און דרימעלט א ווײַלע; כאפּט זיך אויף און טאַנצט ווייטער... און אזוי ביז אין דערפריה, ביז די צוויי כהנים, די הי־מער ביים טויער פון דער עזרה, האבען א בלאָז געטאָן שופר — א צייכען, מען זאל זיך צוגעהן. דאמאלט ערשט איז מען זיך צו־גאנגען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך האב אנגעהויבען דערצעהלען האט זיך גאָלדעלע'ס קאָפּ אַראָפּגעגליטשט ביז צו מיין שויס... די אויגעלעך קוקען אַרויף, צו מיר, צו מיינע ליפּען... און ווערען וואס אמאָל גרעסער און גרעסער... וואס לענגער איך דערצעהל, זעה איך, ווערען זיי פאר'חלום'טער, שמעלער און שמעלער. די לאנגע ברעמען לאזען זיך פאמעלעך, פאמעלעך אראָפּ. איך דערצעהל דעריבער אלץ שטי־לער און שטילער. זי אָטעמט פאר דאָס אלץ העכער און העכער. איך זאָפּ איהר אָטעם איין. די פרישסטע עפּעל שמעקען נישט אַזוי...

אָט, זענען די אויגעלעך שוין אינגאַנצען געשלאָסען...

און עס פאלט מיר איין, אראפּצונעמען א פינגערעל פון מיין פינגער און אַרויפצוזעצען אויף איהרס א פינגער פון הענטעל, וואס זי האלט אונטער'ן קעפּעל...

און איך טו עס.

זי הערט, צי ניין?

איך זעץ אַרויף, און מיינע ליפּען, גאָר אַהן מיין וויסען, רוי־מען שטיל, שטיל גאָלדעלע'ן צום אויער:

— הרי את...

איך ענדיג נישט. גאָלדעלע שפּרינגט אויף. אין די ברייט־גע־עפענטע אויגען: שרעק, צאָרן, אבער אויך ליעבשאפט. און אלץ ווערט צוזאַמענגעגאָסען אין א געשריי:

— וואס האסטו געטאָן?

— ניש־קשה, — דערהער איך באַלד מיין מאַמעס קול אין סוכה־טיר, — חול־המועד, אם ירצה השם, וועט זיין תנאים!

ווייזט זיך אויס, אַז די אַלטע זענען שוין לאַנג אויפגעשטאַנען; אונז זוכענדיג, צו דער סוכה געקומען, אָפּגעשטעלט זיך, אונטערגעהערט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

חול־המועד זענען תנאים געווען.

שמחת־תורה איז גאַלדעלע צוגעקומען קושען די ספר־תורה, וואָס איך האָב געטראָגען ביי דער הקפה.

צוויי פאָהנען האָט זי געטראָגען, אין יעדער האַנט א פאָהן; זעלטען געזעהענע פאָהנען. וואו זי האָט זיי באַקומען, ווייס איך נישט: „דגל מחנה ראובן" און „דגל מחנה בנימין!"

# דאָס קראַנקע אינגעל.

מאַמעשי, איך וויל דיר אויסזאָגען אַ סוד; דער עיקר — דער טאַטע זאָל נישט וויסען!

פרעגסט פאַרוואָס? ווייל דער טאַטע האָט מיך ווייניגער ליעב...

ניין, מאַמעשי, איך זינדיג מיט די רייד; ווייניגער ליעב האָט ער מיך נ י ש ט; ער האָט מיך נאָר אַנדערש ליעב!

ער איז דאָך אַ טאַטע, איז ער שטרענגער...

דער טאַטע האָט אַ לאַנגע באָרד; אַ טאַטענס פּנים איז נישט אַזוי צום גלעטען, ווי דער מאַמעס אַטלאַסען פּנים... און אויגען האָט ער גאָר אַנדערע, גאָר אַן אַנדער בליק; דו, אַז דו קוקסט אויף מיר, האָסט דו עפּעס אַזוינע לאַבענדיגע, דערביי פייכטע... האָסט דו עפּעס אַזוינע גוטע, און דערביי האַרציג־רחמנות'דיגע אויגען... דו ביסט אַ מאַמע מיט אַ חבר צוזאַמען... פאַר דיר קאָן איך קיין סוד נישט האָבען... מיט די אויגען שעפּסט דו מיר איהם פון האַרץ אַרויס...

דער טאַטע קוקט נאָר אַנדערש, שטענדיג ערנסט, מכלומר'ש קאַלט...

ניין, מאַמעשי, עס זענען גאָר אַנדערע, אַנדערע אויגען!

קינדווייז, מאַמעשי, פלעג איך ווענינער פורכט האָבען פאַר'ן טאַטען. איך געדענק, ווי איך פלעג איהם אַרויפשפּרינגען אויף די קניען, צושויבערען דעם גאַנצען קאָפּ, צובערשטען און פאַרפלעכ־טען די באָרד, איבערבייגען די ליפּען. און אַז ער האָט געוואָלט אָפּשטעלען אַ בייזעריגען בליק, האָב איך איהם גאָר אַראָפּגע־דריקט די ברעמען און די אויגען פאַרמאַכט... היינט קאָן איך נישט...

איינמאָל, הערסט, מאַמעשי, קראַנקערהייט, האָב איך מיך אַמאָל אויפגעכאַפּט, און איהר בײדע זענט געשטאַנען ביי מיר בײם בעט... דו האָסט אַזוי שטיל, אַזוי האַרציג־שטיל געוויינט... און דער טאַטע... מאַמעשי! דעם טאַטענס פּנים איז אַזוי שרעקליך געוועזען... איך האָב געזעהן, אַז ער איז בייז געוועזען דאַמאָלט אויף גאָט! פאַר שרעק האָב איך צוריק די אויגען פאַרמאַכט. — — —

פון דאַמאָלט אַז קאָן איך נישט צוטרעטען צום טאַטען ווי אַמאָל.... עפּעס האַלט מיך איין; אַפּט וויל מיר דאָס האַרץ איהם אַקעגען שפּרינגען, אַקעגען לויפען, נאָר איך קאָן נישט!

מיינסט, איך האָב דעם טאַטען װעניגער ליעב... זאָל גאָט היטען... איך האָב דעם טאַטען זעהר ליעב. איך קריג איהם מיט יעדען טאָג, מיט יעדער מינוט ליעבער... אַז ער געהט צו מיר צו, קלאַפּט מיר דאָס האַרץ פאַר פרייד; ציטערט אין מיר די נשמה פאַר האָפנונג: אָט װעט ער מיך אַנגעמען ביי דער האַנט, אָט װעט ער מיך צודריקען צום האַרץ...

ביי דיר ציטער איך נישט... דו האָסט מיך שטענדיג אין גלייך ליעב... האָסט שטענדיג צו מיר צייט, דו האַלזט מיך און קושט מיך יעדע מינוט... דו ביסט שטענדיג, שטענדיג מיין... דער טאַטע האָט אַזוי פיעל געשעפטען...

איך ווייס, ער וויל איך זאָל זיין רייך!

---

ווילסט שוין, מאַמעשי, וויסען דעם סוד?

איך שעם מיך!

פאַר אַ מאַמען, — זאָגסט דו — דאַרף מען זיך נישט שעמען? אמת... דאַך... ווייסט דו וואָס, מאַמעשי? אָט, זעץ דיך דאָ אויף דער שטול, געגענאיבער דעם פענסטער... גוט אַזוי!

אַך, ווי שעהן די זון געהט אונטער, ווי שעהן לעגען זיך איהרע לעצטע רויטליך־נעבעלדיגע שטראַלען אויף דיין עדעל, בלאַס פּנים...

אַך, מאַמעשי, ווי שעהן, ווי עדעל שעהן, דו ביסט!

וואַרט... אַצינד וועל איך זעצען דיר צופוסענס... דו זאָלסט מיר ביים דערצעהלען אין פּנים אַריין נישט קוקען... אויפ'ן

פוסען־בענקעלע וועל איך זיצען און ארויסקוקען פון פענסטער...

ניין... נישט גוט אזוי! איך וועל מיך שעמען פאר דער זון... זעהסט, איינמיטען טאג ברענט זי, פארנאכט געזעגענט זי זיך מיט אונז אזוי טרויעריג, אז איך שעם מיך פאר איהר צו רעדען פון זיך...

איך וועל אנשפארען מיין קאפ אויף דיין שויס... איך וועל די אויגען פארמאכען, און דו — דו לעג נאך ארויף דיין האנט מיר אויפ'ן שטערן...

איז דיר נישט שווער, מאמעשי, מיך צו האלטען אויף דיין שויס? ניין?

זעכצעהן יאהר איז אלט דיין קינד און האט אזא קליין, אזא לייכט קעפעלע... און איך איינגאנצען — — —

קרענק נישט, מאמעשי! גאט האט מיך נישט פארטיילט... ער האט מיר ווייניג פלייש, דערפאר פיעל אנדער גוטס געגעבען... דיך, דעם טאטען... טעג און נעכט מיט וואונדערליכע חלומות... און היינט — א כוד...

אצינד זעה איך נישט... מיט געשלאסענע אויגען וועל איך אפשר קענען דערצעהלען... איך וועל פרואווען...

עס איז אזוי שווער...

דאכט זיך — גארנישט, א נעץ פון עטליכע וואונדערליכע שטראלען — און דאך ליגט עס מיר אויפ'ן הארץ ווי א שטיין... נישט ווי א קיזעל־שטיין... עס איז ניט קיין שטיין פון גאס, צי פון פעלד...

עס איז א טייערער שטיין... עס שטראלט... עס לייכט...

עס ליגט ביי מיר טיף אין הארץ און זייהט ארום און ארום אין אלע גלידער אריין אזוי פיעל ליכט, אזוי פיעל היימליכע, וואַרעמע, לעבענדיגע ליכט...

עס זאל נאר נישט אויסלעשען, מאמעשי!

עס לעשט זיך אזוי פיעל אויס!...

---

הערסט, מאמעשי!

ניין, ווארט! אזוי פראסט צונעהן צו דער זאך קאן איך נישט...

נאר הער! געדענקסט, מאמעשי, נעכטען האסט דו מיר קליינ־געלט געגעבען? געדענקסט?

איך האב נאך גארנישט אויסגעגעבען און עס פעהלט מיר שוין...

עס פעהלט מיר א צעהנערעל!

צי איך האב עס פארלוירען? ניין... דו גיסט דאך מיר פאר ארעמע לייט, פאר ארעמע קינדער, וואס איך טרעף אויפ'ן שפא־ציר... ארעם־געלט וועל איך נישט פארלירען.

צי איך האב עס אוועקגעגעבען? געוויס... צי אן ארעמאן? איך ווייס נישט... אפשר יא און אפשר ניין... הער, וועסט דו אפשר וויסען!

נעכטען איז אויך שעהן אונטערגעגאנגען די זון... אפשר שענער...

דו האסט מיך אויסגעלערענט קוקען, און איך קוק און זעה, וואס אנדערע פון מיינס גלייכען זעהען נישט... דעריבער שפאציר איך געוועהנליך אליין... און שפאצירט האב איך הינטער דער שטאדט, דארט, וואו מען זעהט זי אינגאנצען ארויס ביים טייך. ווי דו ווייסט... די הייזער הויבען זיך אלץ העכער און העכער. איינס איבער'ן צווייטען, איינס איבער'ן צווייטען... די, וואס שטע־הען ווייטער, ווילען אריבערקוקען, גאטס וועלט זעהן, און הויבען זיך, וואס ווייטער אלץ העכער און העכער, און די זון, אונטער־געהענדיג, קוקט אויף זיי, שפרייט אויף זיי אויס די לעצטע שטרא־לען... געזעגענט זיך... קושט זיי...

און איך זעה, ווי די שאטען יאגען אונטער די שטראלען און לעגען זיך אלץ דיקער און דיקער, און פליסען, און זאפען זיך איין וואו נאר זיי קאנען; זיי פארפילען אלע לעכער צווישען די הייזער, אלע פרייע ערטער צווישען די מויערען, און הויבען, און טרייבען דאס רויטליכע לעצטע ליכט ארויף, ארויף, צוריק אין הימעל אריין... „אין אייער רוה אריין, שטראלען, אצינד איז א ו נ ז ע ר צייט!... א גוטע נאכט!“...

און פאמעלעך ווערט אלץ טונקעלער און טונקעלער, און דער הימעל ווערט טיפער און טיפער... באלד וועלען זיך איינס נאכ'ן צווייטען אנצינדען די שטערען... אזוי קוקענדיג, בין איך געקומען צו דער סטאליאר־גאס, צו דער הינטער־גאס, וואס לאזט זיך אלץ

טיפער און טיפער אראפּ... ביז צום טייך, נישט ווייט פון דער גרויסער שול...

איך בין צוגעגאנגען נעהנטער צו דער שול.

בייטאג זעהט זי שרעקליך אויס... ארעם, אפּגעריסען, פאר־שווארצט... די אויסגעהאקטע שויבען ווילען די שפּינען פאר רחמנות פארוועבען און פארשטעלען... און — געגענאיבער, אויפ'ן בארג, אין אנהויב גאס, שטעהט דער הויכער, שפּיציגער קלויס־טער און לאכט...

פארנאכט האט די שול גאר אנדערש אויסגעזעהן... דאס ערשטע מאל האב איך זי אזוי געזעהן... א לייכטער, ליעבליכער, טונקעל־בלויער נעבעל האט זי ארומגענומען... די אויסגעהאקטע פענסטער זענען נישט בלינד געוועזען... זיי האבען ערנסט און טיף געקוקט אין דער וועלט אריין... אין דער הויך די געזימסען האבען געלעבט, כמעט געריהרט זיך... עטליכע לייבען פון געזימס האבען זיך געוואלט אפּרייסען פון דער וואנט... אט, אט, הויבען זיי אן ברילען!

מיינסט, אז דאס איז דער סוד? א, ניין, מאמעשי! דאס, אייגענטליך, האב איך ערשט אצינד געזעהן, ערשט אצינד מיט די נעכטיגע אויגען.

אך, מאמעשי, ווען איך זאל זיין רייך!...

וואס איך וואלט געטאן?

איך וואלט אויפגעריכט די שול!

איך וויל, זי זאל אויך זיין הויך, זי זאל אויך שפּארען אין הימעל אריין; און זי מוז זיין העכער, ווייל זי שטעהט נידעריגער! און א גאלדען דאך זאל זי האבען, און קריסטאלענע פענסטער!

הערסט, מאמעשי, איך קלער מיר אזוי: אהן א שול קאן מען זיך באגעהן, גאט איז דאך אומעטום... וואו עס פאלט א טרער, זעהט ער! וואו עמיץ הויבט די אויגען אויף צו איהם, זעהט ער! וואו עס קרעכצט א טרויעריג הארץ, הערט ער!... נאר האט מען א שול, מוז זי זיין הויך, שעהן און שטראלענדיג ערנסט.

אזוי האב איך נעכטען אויך געטראכט. אינמיטען — דערהער איך א געוויין! א שטיל טרויעריג געוויין... זיס און טרויעריג, עפּעס אזוי הארציג...

דו, אַז דו שפּילסט, ציהסט דו אַמאָל פון פּיאַנאָ אַרויס אַזאַ געוויין...

און איך האָב געמיינט, מאַמעשי, — דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך געוואָלט מיינען, איך האָב'מיך אַמישנע נישט אומגעקוקט, איך זאָל קאָנען וואָס לענגער מיינען, — אַז דאָס וויינט און ברומט פון דער שול אַרויס... אַז דאָרט אינעווייניג זיצט, אין אַ לייכט־בלויען נעבעל איינגעהילט, די נשמה פון דער אָרעמער שול און וויינט, און ברומט...

און זי קלאָגט זיך, וואָס די זון פאַרטיילט זי... וואָס זי שיט גאַנצע בונטען גאָלדען ליכט אויפ'ן קלויסטער־דאַך און איהר קאַרגט זי אַ שטראַל... וואָרפט איהר אינמיטען שעהנעם, העלען טאָג, ווי אַ נדבה, קוים אַ בלאַסען שטראַל... און דער גליטשט זיך איבער איהר און גנב'עט זיך באַלד אַוועק ווי פאַרשעמט!...

און דאָך איז עס נישט געווען די שול...

---

עס איז אַ קליין מיידעלע געוועזען... זי איז געלעגען אויפ'ן זאָמד, האָט עפּעס געזוכט און געוויינט...

אַז איך האָב מיך אומגעקוקט, האָב איך נאָר איהר אַלט־אָפּ־געריבען קליידעל, ווי אַ טונקעל־גרויען פלעק אויפ'ן געלען זאַמד געזעהן... אַ פּאָר אויסגעקרימטע שיך!...

נאָך עפּעס האָב איך געזעהן...

מאַמעשי... איך שעם מיך... עס ווערט מיר עפּעס אַזוי וואַ־רעם... שטעל דיר פאָר אַ פאַליע רויטע, רויט־פלאַמענדיגע האָר... עס האָט פונקען געשלאָגען...

„וואָס וויינסט דו, מיידעלע, וואָס זוכסט דו אין זאַמד?“

הערסט, די מוטער האָט איהר אַ צעהנערל געגעבען, עפּעס קויפען געשיקט; האָט איהר עמיץ, דורכגעהענדיג, אונטערגעשלאָ־גען די האַנט, דאָס צעהנערל איז אין זאַמד אַריין... דעריבער וויינט זי...

איך זאָל איך־ווייס־וואָס פאַרלירען, וואָלט איך נישט גע־דאַרפט וויינען...

איך פרעג זי: אַ גרויסען צעהנער צי אַ ווייס צעהנערל?

— א ווייס! — זאגט זי און קוקט זיך אפילו נישט אום.

— איך וועל דיר העלפען זוכען, — זאג איך.

איך בויג מיך אראפ. מאך מיך זוכענדיג, און געפין איהר א ווייס צעהנערל.

„נא!"

זי איז אויפגעשפרונגען פאר פרייד. מיט א ריהר מיט'ן קאפ האט זי צוריק ארונטערגעווארפען די רויטע פאליע האר... ווי פון אונטער א וואלקען איז ארויס א קליין, אלבאסטער־ווייס פנים... מיט אויגען, מאמעשי — מיט אויגען...

ניין, מאמעשי, די אויגען קאן איך דיר נישט אויסמאלען...

עס האט אין זיי געבליצט אזוי פיעל פרייד — — — —

א גאנצע נאכט האבען זיך מיר די אויגען גע'חלומ'ט... א גאנצע נאכט...

---

אט, דאס איז, מאמעשי, מיין גאנצער סוד.

דו שמייכעלסט?

לאך נישט, מאמעשי, די אויגען וועל איך קיינמאל נישט פאר־געסען...

---

מאמעשי —

מעג איך שפאצירען אויף דער סטאליאר־גאס, קוקען — — — אויף דער אלטער שול?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

# אַ ליעבע.

## 1.

רויטע בעקעלער, קלאָרע אויגעלער, זיסע, שטילע חלומות.—
וואו זענט איהר?

אַ שטילע טויב האט שטיל געלעבט אין אַ שטילען טויבען־
שלאָג.

אַ פרומע, שטילע טויב.

ליעבליך האט זי געברומט די ברכה אין דערפריה:

„וואס דער טאַטע הייסט, וואס די מאַמע הייסט און וואס
אַלע גוטע, פרומע לייט..."

און די קריאת־שמע ביינאַכט:

„נעם, ליעבהארציגער גאָט, ביז מאָרגען מיין זיסע נשמה צו
דיר...

„באַהאַלט זי איבער־נאַכט אונטער'ן פליגעל פון דיין גנאָד
און שיק זי מיר אָפּ אין דערפריה דורכ'ן ערשטען בעסטען מלאך,
וועל איך זאָגען דעם טאַטען „גוט מאָרגען", דער מאַמען קושען די
האַנט"...

אַ בליץ האט אין שטילען טויבען־האַרץ אריינגעטראָפען, און
עס האט זיך צופלאַקערט...

און אַ ווילד פאַרלאַנגען האט אויפגעפלאַמט אין דער שטילער
טויב:

איבער'ן בלויען לופטיגען ים זאָל קומען אויף מעכטיגע פלי־
געל דער אַדלער צו שווימען; זי וועט איהם באַגעגענען מיט פרייד!

מיט אַדלער־קראַלען זאָל ער איהר שפּאַלטען דאָס יונגע
האַרץ, מיט'ן אַדלער־שנאַבעל אויסטרינקען דאָס הייסע יונגע בלוט;
זאָל ער שטילען זיין דורשט...

און זאָל ער אָוועקשליידערען די רעשט, וואו ער וויל...

## 2.

דער טאטע פרעגט פארזארגט:

— טאכטער, וואס ביסט דו אזוי בלאס?

אומרוהיג קוקט ער מיר טיף אין די אויגען אריין. — „וואס פלאמען זיי אזוי ווילד?"

שטעהט צו די מאמע:

— צי האסט דו, טאכטער, ביינאכט פון שלאף ארויסגע־ווייגט? פייכט איז צומארגענס דיין קישען געווען — וואס האסט דו פאר א חלומות געהאט?

און לויף איך פון שטוב ארויס, טרעפען מיך חבר'טעס און רינגלען מיך ארום, און טאנצען ארום מיר, און בויערען מיך דורך מיט די בליקען:

— וואס איז מיט דיר, גאלדעלע, געשעהן? וואס ברענט אזוי דיין אטעם?

לייכטער איז צו באהאלטען פארפומעס פאר לייט, איידער אז אויפגעבליהט הארץ.

## 3.

אז איך וועל אמאל האבען א שטילע ליעבהארציגע טאכטער, ווי מיין מאמע האט, איין איינציגע, — וועל איך זי נעמען פון צייט צו צייט אויף דער שויס און שטיל גלעטענדיג איהרע גאל־דענע לאקען און טיף קוקענדיג אין איהרע בלויע אויגען אריין, וועל איך איהר איינרוימען גוטע רעד, הארציגע שטראף־רעד:

— ווילסט דו, טאכטער, שפאצירען געהן און האסט מיט ווע־מען, — געה!

נאר געהן זאלסט דו ביי־טאג, אין שעהנעם העלען טאג, ווען עס שיינט די זון... זאל זי באשיטען מיט גינגאלד דיין קעפעלע, דארפסט זיך פאר דער זון נישט שעמען, נישט פורכטען; געטריי און עהרליך איז די זון.

נאר היט דיך, טאכטער, פאר'ן כשוף פון שטילע זומער־נעכט...

פאַר דער דינער ציטעריג־ליכטיגער זילבער־נעץ, וואָס צושפּרייט זיך אין דער שטילער לופט..

און אַ כשוף־מאַכעריז איז די לבנה; געפעהרליך זענען איהרע מאַט־זילבערנע שטראַלען... זיס איז איהר ליכט, ווי זיסער וויין. און עס טרינקט זיך, ווי קיהלער, זיס־שמעקענדיגער וויין, און עס באַרוישט...

פּלוצלונג בליהען פרישע רויזען אויף אין האַרץ און דיין אָטעם הויבט אָן צו שמעקען.

פּלוצלונג הייבט דיך אָן אַ ווירוואַר פון ליכטיגע שטערען צו טאַנצען אין מח און שטראַלען דיר פון די אויגען אַרויס.

און דער קאָפּ ווערט שווער און זוכט זיך אַן אַקסעל אָנצור לענען, און אויף'ן וועג טרעפט זיך אַ ליפּ מיט אַ ליפּ — — נישט אָפּצורייסען...

## 4.

איך מוז שטעהן פאַר מיר אַליין אויף דער וואַך, היטען מיך יעדע מינוט, יעדע רגע.

איך מוז איינציהען די פיס, זיי ווילען אַלץ לויפען אין דער ווייטער וועלט אַריין.

איך מוז האַלטען פעסט די הענט ביי די נעט פון קלייד, זיי ווילען כאַפּען שטערען פון הימעל און וואַרפען אין דער וועלט אַריין.

און מוז די ליפּען ביז צום בלוט פאַרבייסען, זיי ווילען אויס־שרייען אַ בשורה פאַר דער וועלט.

און מוז היטען די פאַרהענגלעך איבער די טיף־בלויע פענס־טערלעך מיינע; שטורקאַצען ברענען אין זיי — אַ באַשטענדיגע אילומינאַציון; אַן אייביגער יום־טוב אין האַרץ!

## 5.

מאַמע, אַז דו ביסט דעם טאַטענס כלה געווען, וואָס פּלעגט ער דיר זאָגען הינטער פּיער אויגען אויף'ן שפּאַציר?

שעהן ביסט דו, מאמע, געווען; דאס ווייס איך. ווי א כלה זעהסט דו אויס היינט, א בת־מלכה האט דאך מעהר כשוף אין זיך!

גאָלדען גלאַנצט דיין זומער־טאג, ווי האט דיין פריהלינגס פריהמאָרגען געבליהט?!

איך זעה דאך, ווי ער קוקט אויף דיר נאך היינט, מיינענדיג. איך זעה נישט.

נאָר דאמאָלט, — דאמאָלט, וואס פלעגט ער דיר זאָגען?

וואס פלעגט ער דיר זאָגען אין די זיסע שטילע זומער־נעכט, ווען די לבנה כשופ'ט און די זילבער־ליכטיגע נעץ ציטערט אין דער טיפער בלויער שטילקייט?

צי האט ער דיר געזאָגט, אז נישט לבנה און שטערען לייכטען איהם אויף זיין וועג, נאָר דיינע טיף בלויע אויגען?

און אז איבער דער ציטעריג־זילבערנער נעץ איז דורכגע־שוואומען א ריח פון בשמים, צי האט ער דיר איינגערעדט, אז נישט רויזען און ליליען שמעקען איהם, נאָר דיין ריינע נשמה?

און פאַרנאַכט, ווען עס צוגיסט זיך די זיסע שטילע קריאת־שמע פון די נעסטען אין די קרוינען פון פאַר'חלומ'טע ביימער, צי האט ער דיר געזאָגט, אז זיסער, פרימער און הייליגער קלינגט דיין איינציג וואָרט?

## 6.

מיט פלאַמענדיגע ליפען האב איך מיך געלעגט, און אויפגע־כאַפּט האב איך מיך אין קאַלטען שווייס...

צווישען צוריסענע שטיקער וואָלקען, איבער נאַקעטע פעלזען און זידענדיגע ימים האט מיך אַ אָדלער געטראַגען, צווישען שטור־רעם און ווינט.

נאָר אַליין האב איך קיין פליגעל נישט געהאַט און האב מיך פון זיינע אויסגעגליטשט.

איך פאַל... וואס נידעריגער און נידעריגער טראָגט מיך דער ווינט און שליידערט מיך, ביז איך בלייב הענגען ווי אבשלום ביי די האר אויף אַ צווייג פון אַ בוים, וואס איז איבער אַ וואַסער גע־שטאַנען.

אויבען צווישען די צוריסענע וואלקא פליהען אדלער.
— „ראטעוועט מיך. אייער חבר האט מיך פארלוירען!"
זיי הערען נישט און פליהען זייער וועג.
און אונטען פליסט א געשרומפען וואסער; פון צייט צו צייט שווימט ארויס א בלאסער פיש, מיט קיילעכדיגע הונגער־אויגען, און צושפרייט דאס מויל!
— ווען פאלט זי אראפ!

## 7.

איך ליג מיט אפענע אויגען און ווארט אויף דעם ערשטען שטראל פון פרישען פריה־מארגען; איך בענק צו איהם, ער וועט מיר די שאטען פון הארץ פארטרייבען.
אין פענסטער אריין קוק איך און איך ווארט אויף א צייכען פון א ניי־געבוירענער זון, — פאר איהר וועלען די וויסטע חלומות אנטלויפען.
דער ערשטער קוש, וואס דער שטילער הימעל וועט געבען דער ערד, איינגעהילט אין נעבעל און שרעק, וועט אויסלעזען פון שרעק מיין נשמה.
פון זאמען, וואס גאטס האנט וועט אראפלאזען דער פאר־שמאכטער וועלט, וועט ארויסבליהען פאר איהר דער נייער טאג, און פאר מיר — דאס נייע לעבען.
די לופטען ציטערען, באלד וועט זיך הערען די בשורה:
— שרעק דיך נישט, פארוואגעלטע ערד! דיין אויסלעזער, דיין חתן געהט צו דיר פון זיין חופה ארויס, זיינע אויגען שטראלען און טרייבען פאר זיך די שלעכטע רוחות פון דער נאכט. אלע שרעקען פארשווינדען!
און האפענדיג צום טאג, ליג איך שטיל און וויין.

## 8.

שטיל האב איך געוויינט, און נאר א מאמעס אן אויער האט מיינע זיפצען דערהערט — איך פארנעם שוין איהרע בארוועסע טריט.

די פארהעננגלעד פארבויגען זיך. אט שטעהט זי, דאס בילד פון ליעבשאפט און רחמנות, און נעמט ארום מיט׳ן הארציגען בליק איהר צום טויט־דערשראקענע קינד.

מיט שטילע, בארוועסע טריט קומט זי צו מיין בעט, זעצט זיך לעבען מיר, לעגט מיר די האנט אונטער מיין האלז און ציהט מיין הייסען קאפ צו זיך אויף דער שוים:

— צי איז ער עס ווערט, טאכטער? וואס איז ער?

## 9.

א העלד איז ער, א שטימע פון א וועלט־באצווינגער האט ער; און ער זאגט, אז דאס האב איך איהם אנגעגאסען דעם קול מיט זאפט און קראפט, ווי די געבענשטע זון גיסט די טרויבען אן... איך מיט מיינע פארציטערטע ליפען...

וועלטען קאן ער שליידערען אין דער לופט; און די קראפט, זאגט ער, האט ער פון מיר, פון מיר, וואס איך בין אזוי שוואך, אזוי שוואך.

ער האט שוין, דערצעהלט ער, פארלאשענע אויגען געהאט, און איך האב זיי איהם צוריק אנגעצונדען און זיי לייכטען ווי שטערען אין הימעל: און איך, מאמע, זעה נישט צומאל מיין וועג.

און פארוויסט איז שוין געווען זיין הארץ; איך האב דארט נייע בלומען געפלאנצט, און זיין אטעם שמעקט מיט רויזען פון די העכסטע בערג, און איך, מאמע, וועלק פון בענקשאפט, ווי דאס ארעמסטע גרעזעל אין טאל.

איך האב איהם די אויגען פון דאס ניי געעפענט, און ער זעהט די פערעל, וואס ליגען, נאך נישט געפונען, אינ׳ם אפגרונט פון טיפסטען ים.

און ער פיהלט צינד די בלומען, וואס קיין מלאך האט נאך נישט געוועקט פון טיפסטען שלאף אין פארבארגענעם שוים פון דער ערד.

און הערען הערט ער דעם געזאנג, וואס ערשט די שפעטסטע דורות וועלען זינגען, דעם „הללויה“ פון צייטען, וואס שווימען נאך

אין די נישט־געפּאַרעמטע נעבעל אונטער'ן כסא הכבוד, אויף וועל־כע גאָט, דער באַשעפער, האָט נאָך קיין אויג נישט געוואָרפען.

קאָנסט עס פאַרשטעהן, מאַמע? !

## 10.

נייִן...

און דאָך לעגט זי איהרע ווייסע הענט אויף מיין פאַרווירט קעפּעלע — זי בענשט מיך.

פון די האַרציגע מוטער־אויגען פאַלען טרערען ווי טוי אויף מיין דורשטיג־ברענענד־יג פנים און קיהלען עס.

און איהרע טרייע ליפּען ציטערען; זיי ווינשען מיר גליק.

מאַמע, מיך וואַרט נישט קיין שטיל, ליעב נעסט, אויסגעבעט מיט בלעטער און פּוך און גלאַנצענדיגע שטיינדעלעך.

ער וועט נישט אַרויספליהען זינגענדיג־טאַנצענדיג און גאָט־לויבענדיג פון נעסט, זוכען פרישע ווערעמלעך אין דער לופט פאַר זיין געטרייער „זי", וואָס זיצט איבער זיינע הייס־געליעבטע „קליינע" און וואַרעמט זיי.

אַז „אַדלער־ווייב" וועל איך זיין.

ער וועט מיך אויסרייסען פון דיין שויס און אַוועקטראָגען ווייט־ווייט, צווישען שטורעם און ווינט, איבער זידענדיגע ימים, ווילד־נאַקעטע פעלזען און וואַלקען, וואָס רייסען זיך אויף זייערע שפּיצען און קאַנטען אויף צוויטען...

און אַז ער וועט מיך פאַרלירען, מאַמע, וועל איך צוריק אין דיין שויס אַריין נישט פאַלען.

## 11.

— מאַמע!

— וואָס, טאָכטער?

— ער איז נישט פון די, וואָס לעבען לאַנג... נאָר פון די, וואָס קומען און פאַרשווינדען ווי דער בליץ...

ער איז נישט פון די, וואָס ווערען גרוי ערשט נאָך לאַנגע־לאַנגע יאָהרען; איבערנאַכט ווערט אַזוינער גרוי, ווי די טויב.

ער איז נישט פון די, וואס טרינקען דאס לעבען פון גאנץ בעכער ארויס פאמעלעך און טראפּענווייז; נישט פון די, וואס מעס־טען די צייט מיט'ן אומרוה פון שטאָדטישען זייגער: טיק־טאק, טיק־טאק — א טריט נאך א טריט.

ער איז נישט פון די, וואס עלטערען זיך, און זיי ווערען אלט און דערזעהען מיט אפּגעשוואכטע אויגען, אז דער שווארצער שאַ־טען קומט זיי אקעגען, פארקרימען זיי זיך פאר גרויס רחמנות אויף זיך אליין, אויף ווייב און קינד און אויף אלע שטאָדט־לייט, און געהען אהיים, שרייבען צוואות, און לעגען זיך אונטערטעניג אין בעט אריין, און זאגען ודוי, און דרעהען זיך איבער צו דער וואנט.

ער איז פון די, וואס פאלען פּלוצלונג, ווי שטערען פון הימעל אראפּ; פון די, וואס ווערען אונטערגעשאסען, ווי די ווילדע פויי־געל אין וואלד.

— פון היץ רעדסט דו, טאכטער!

— פון היץ, מאמע!

12.

נעם מיך שוין מיט, אדלער.

רייס מיך אויס פון דעם טאטענס ארעם, פון דער מאמעס שויס.

איך געה מיט דיר.

איך געה מיט דיר צווישען ווינט און שטורעם, איבער מצבות, איבער קברים, צווישען פארוואונדעטע, וואס בלוטיגען אין פעלד.

און זייער קרעכצען וועט מיך נישט אפּהאלטען; איך וועל מיך נישט אפּהאלטען עמיצען א טראפּען וואסער צו דערלאנגען.

איך וועל נישט ציטערען פאר די דונערען, וואס צורייסען די הערצער אין די פינסטערע נעכט; מיט אפענע שטאלענע אויגען, אהן א ציטער פון א האר אין דער ברעם, וועל איך קוקען אקעגען דעם בליץ.

איך בין אן אדלער־ווייב!

# משופע.

אז דער אלטער מנשה האט געענדיגט זיין חצות מיט א צו־לאג פון עטליכע קאפיטעל תהלים, איז שוין דער בלאסער זומער־דיגער פריהמארגען געלעגען אין פענסטערל פון קעלער־שטוב.

טרויעריג, מיט מידע אויגען, קוקט מנשה אויפ׳ן פרישען געבוירענעם טאג. ער קנאקט זיך אוים די דארע פינגער, פארמאכט דאס תהלים׳ל, פארלעשט דאס קליינע נאפט־לעמפעל און שטעלט זיך ביים פענסטער. ער קוקט ארויף צום שמאלען פאס הימעל, וואס בלייכט זיך הויך איבער׳ן ענגען געסעל און אין דעם ראם פון זילבערנע בארד און פאות, אויפ׳ן גרינליך איינגעשרומפענעם פנים, באווייזט זיך א בלאסער שיין פון א טרויעריגען שמייכעל.

— אפגעגעבען — טראכט ער — דעם פקדון! א שעהנעם דאנק, רבונו של עולם!

— און נויטיג — זיפצט ער — דארפסט דו מיך דא, רבונו של עולם! ווילסט נאך א חצות, דארפסט נאך א קאפיטעל תהלים... הא? עס פעהלט דיר!

ער דרעהט זיך איבער צו דער שטוב און טראכט, אז, לויט זיין שכל, וואלט גלייכער געווען, אז אין בעט, וואס ער פאר־נעמט, זאל שלאפען זיין אייניקעל רבקה; זי וואלגערט זיך נע־בעך ארום אויף דער פאדלאגע צווישען אלטווארג, מיט וועלכען חיים, דער זוהן זיינער, האנדעלט.

אז לויט זיין יושר, דעם יושר פון א בשר־ודם, וואלט בעסער געווען, דאס גלאז מילך, מיט וועלכען ער לעבט כמעט איבער א טאג, זאל געניסען שרה, די שנור זיינע, וואס לויפט גאנצע טעג ארום אויפ׳ן מארק אהן א לעפעל ווארעמס...

יענקעלע׳ן, דעם פרישען צולאג צו דער משפחה, וואלט אויך דערפון קיין רעה נישט ארויסגעקומען!

ברויכען ברויכט ער ווייניג, דער אלטער; עס וואלט זיי דאך גרינגער געווען, ער זאל גארנישט דארפען...

חיים איז אהז א מלבוש... חנה, דאס עלטערע איינעקעל, איז א קראנקע... ווייניג בלוט... דער דאקטאר זאגט: „בלאדאטשקע"... הייסט נעמען אייזען־טראפען, טרינקען טראן... וויין אביסעל... מען זאמעלט פאר איהר א באזונדער קניפעל... חדשים לאנג זאמעלט מען און עס איז אלץ ווייניג. און די ארעמע חנה וואקסט נישט; דער שכל איהרער וואקסט אויך נישט... אלץ שטאקט... זיבעצעהן יאהר — און פארשטעהט ווי פון צוועלף!

— וואס האסט דו מיך אויף זיי געווארפען, רבונו של עולם?

ער הערט זיך איין, ווי שארף און אפגעריסען חיים אטעמט אין שלאף. ער זעהט ווי שרה'ס בייניגע האנט, וואס האט, קענטיג, ערשט געוויגט דאס קינד, הענגט נאך שלאבעריג אראפ פון בעט...

ער דערזעהט נאך, אז יענקעלע ריהרט זיך אין וויגעל. „באלד וועט ער שרייען און די מוטער וועקען!" און מיט איילענדיגע, נאר קורצע שריט, לויפט ער צו צום איינעקעל און הויבט אן שאקלען דאס וויגעל.

— און אפשר, — טראכט ער, זיך אויסדרעהענדיג צום פענסטער, — ווילסט דו, רבונו של עולם, איך זאל נאך אט אין דעם יענקעלע'ן נחת דערלעבען? איך זאל מיט איהם נאך ברכה זאגען, עברי זאל איך איהם לערנען... הא?

---

ווי א רויטער עפעל בליהען יענקעלע'ס בעקעלעך אין שלאף. א זיסער שמייכעל בלאנקעט זיך איהם ארום די קליינע ליפעלעך... זיי ריהרען זיך אויף און אפ... „דער פרעסער, אין שלאף וואלט ער געזויגט!"

ער באמערקט דערוויל, אז רבקה וואלפט זיך אויפ'ן געלעגער. זי ליגט אויף א זאק־שטרוי, צוגעדעקט ביז דער ברוסט מיט א שווארץ־געשפרענקעלטען ליילעך. וואס זי האט צוקאפענס, זעהט מען נישט.

דאס פיין־געגרויטעלטע פנים, מיט'ן אלבאסטער־ווייסען, לאנג־

געטאקטעו האלז, ריהרט זיך חנ׳עוודיג אויף אז אונטערלאג פון צופלאנטעטע, שרייענדיג־רויטע האר, וואס פארדעקען דאס גאנצע צוקאפענס, און באריהרען נאך די פארלאגע מיט עקען, וואס ציטערען ביי רבקה׳ס יעדען אפאטעמען.

— מיינע, עליה השלום, אוים׳ן אויג... — טראכט דער אלטער — היים בלוט, חלומות... איהר צו לענגערע יאהר!

— רבקה! — געהט ער צו און ריהרט זי ביי דער בלויזער האנט, וואס האט זיך באפרייט פון ליילעך.

— וואס? ווען? — ווערט רבקה אויפגעשראקען און עפענט ווייט א פאר גרויסע בלויע אויגען.

— ש... ש... — בארוהיגט ער זי מיט א שמייכעל, — א י ך בין עס... געה אין מיין בעט אריין...

— און דו, זיידע? — פרעגט זי מיט א ברייטען, געזונטען גענעץ.

— איך וועל שוין נישט שלאפען... עס שלאפט זיך נישט אין מיינע יאהרען... איך וועל מאכען טיי... האסט דאך געהערט בייי נאכט! זיי וועלען פריה אויפשטעהן... דער טאטע האט אן עסק אין שטאדט, די מאמע דארף איינקויפען פאר די פימפסענהאלצ׳נס אויף תנאים...

— וועל א י ך מאכען טיי, זיידע.

— ניין, רבקה... דו געה אין מיין בעט אריין... קאנסט נאך לאנג שלאפען... דו וועסט היינט, האט די מאמע געזאגט, נישט געהן אין פאבריק. זי וועט דיך דארפען... שלאף דיך טאקע אוים...

— אהא! — גענעצט רבקה ברייטער.

זי האט זיך שוין אלץ דערמאנט. דער פאטער איז נעכטען אהיים געקומען מיט א פרייד, אז גאט האט איהם באשערט א שפאר ביסעל אלטווארג.

די מאמע האט אויך געבראכט א בשורה: ביי די פימסענהאלצ׳ס, וואו זי איז אן איינגעהעריג, וועט שוין ענדליך זיין תנאים, כאטש די כלה קרימט זיך נאך; זי וועט האבען פאר ס׳איהריגע און תנאים וועט זיין!...

קיין גרויסע הנאה האט רבקה נישט דערפון. אויסשלאפען טאקע וועט זי זיך, ארומגעהן אויפ׳ן מארק מיט דער מוטער איז בעסער ווי זיצען אין פאבריק, נאר שפעטער — דאס נאכטראגען

די קיישלעך מיט אייער און הינער. בפרט דאס כאפען אינמיטען נאס אן אנטלאפענע הון, איז נישט פון די גוטע זיבען זאכען!

נאר, אז מען מוז, מוז מען.

זי נעמט צוזאמען ארום זיך דאס ליילעך און שפרינגט איבער צום אלטענס בעט.

פון שפרונג האט דער אלטער ווייטער הנאה, אויך „זיין אלטע אויס'ן אויג"...

---

איידער דער אלטער האט פייער געמאכט, איידער ער האט צוגעשניצט א קינדעל אויף עטליכע דינע העלצלעך, אויסגעלעגט זיי אונטער דער בלעך, באשיט מיט קליינע שטיקלעך קוילען, (טיי־ערע קוילען, טראכט ער דערביי), באגאכען מיט נאפט, אונטער־געצונדען און געשטעלט אויף דער פייערקע, אז אלטען, פון ראסט רויטליך געשפרענקעלטען, בלעכענעם טשייניק, — האט שוין שרה געהאלטען יענקעלע'ן ביי דער ברוסט און געוואונשען זיך, זי זאל שוין דערלעבען צו הערען, ווי יענקעלע וועט מאכען א ברכה איבער דער מילך...

די בלאסע חנה האט זיך אויך אויפגעכאפט און אויפגעזעצט זיך אויפ'ן בעט.

הינטער דער מוטערס פלייצעס שפילט זי זיך מיט'ן קליינעם ברודערל, מאכט איהם: „קוקו".

איהר קליין קעפעל, די בלייכע באקען מיט די פאר'חלום'טע אויגען אין דעם ראם פון א מאסע אש־גרויע, צוואווארפענע האר, באוויזט זיך אמאל רעכטס, אמאל לינקס. די באוועגונגען איהרע זענען דאך צו לאנגזאם, דער שמייכעל אויפ'ן פנים — צו בלאס און דער בליק אין די אויגען — צו שטאר, דאס שפיל זאל קאנען אפרייסען „יענקעלע פרעסער", ווי מען האט איהם גערופען אין שטוב, באלד אין דערפריה פון דער ברוסט.

ער איז שטארק פארטוען. ער קוקט אויף דער שוועסטער. נאר קיין צייט צו איהר האט ער נייטט.

איין הענטעל האט ער אונטער דער זייט, אויף וועלכער ער ליגט אויף דער מוטערס שויס. מיט'ן צווייטען בויגט ער אוועק

די זוים פון דער מוטערס אפּגענעם העמד, עס זאָל איהם נישט פאַלען אין פּנים אַריין, און קוקט דערבּיי אויף דער שוועסטער געלאַסען און רוהיג, — זי וועט איהם נישט אַנטלויפען...

חיים שטעהט שוין אין טלית און תּפלין און דאַווענט, שפּריי־זענדיג אויף און אָפּ איבּער דער שטוב.

אָפּט שטעלט ער זיך אָפּ, וואַרפט אַן אויג צו שרה׳ן, קענטיג, ער האָט מיט איהר עפּעס צו רעדען, נאָר ער וואַרפט אַ צווייטען בּליק אויפ׳ן אַלטען און דאַווענט ווייטער, און שפּרייזט ווייטער איבּער דער שטוב.

פאַר׳ן אַלטען האָט ער מורא.

דער אַלטער מיינט, אַז עס זענען נאָך זיינע צייטען, די אַלטע, גוטע צייטען, ווען אַ איד האָט צייט געהאַט צו דאַווענען, צו זאָגען וואָרט בּיי וואָרט פון סדור „אורח־חיים“... היינט איז זיבּען סוחרים אויף איין פאַר אַלטע פּלודערען!

ער האָט אפילו נעכטען פאַרזאַרגט... די קניה האָט ער בּאַ־דונגען פאַר זעקס רובּל אָהן אַ צעהנערעל, איבּערגעלאָזט האָט ער זיבּען גילדען מיט צוועלף גראָשען אַ ד׳רויף... אַרויסגעהענדיג פון הויז, האָט ער גענעבּען אַ זעקסער דעם סטרוזש, ער זאָל, בּיז ער וועט קומען, קיין „האַנדעל“ אין הויף אַריין נישט לאָזען.

אומרוהיג איז ער דאָך! ווער ווייסט... איידער ער וועט קריי־גען אַ שותּף!

ער טרינקט שוין טיי, האַלטענדיג דאָס גלאָז אויף דער פלאַ־כער האַנט און בּלאָזענדיג פאַר יעדען זופּ, און ווייסט נאָך נישט וואָס צו טון.

שווער צו קריגען אַ שותּף!

צו וועמען געהט מען? צום וואַכער? ער וועט איהם אָפּ־שינדען די הויט; צום סקלאַדניק — די קעשענע וועט ער איהם אָפּשניידען!

און אַז מען קריגט שוין אַ שותּף, מוז מען דאָך איהם אָוועק־געבּען האַלבּ פאַרדינסט, כאָטש יענער האָט זיך נישט געדונגען!

אַמאָל קריגט ער בּיי שרה׳ן עטליכע גילדען. היינט — ווי! נאָך נעכטען האָט זי איהם געזאָגט, אַז עס וועט פעהלען צום איינ־קויפען!

און אפשר וועט זי איהם פארט געטרויען פון חנה'ס קניפעל אויף א טאג...

ער האט אבער מורא צו פרואווען... ער האט נישט איינמאל געפרואווט און חרטה געהאט!

ער ווארפט נאך אמאל א בליק אויף שרה'ן און עס דאכט זיך איהם, אז עס איז א שעת־הכשר!

זי האט שוין יענקעלע'ן צוריקגעלעגט. שטעהענדיג ביים וויגעל, טוט זי זיך אן און שמייכעלט אזוי גוט, אזוי מחיה'דיג גוט צום קינד. עס וועט אפשר געהן!

— איך האב בייגאכט גערעכענט, שרה, — פרואווט ער זיך.

— די קניה איז גאר א גוטע! כ'וועל, ברוך השם, פארדינען....

— הלואי, רבונו של עולם, — ענטפערט שרה — זאל עס זיין אין יענקעלע'ס זכות! זייט ער איז געבוירען, מאכט זיך געשווינדער אמאל א פארדינסט!

— איך מיין, — ווענדט חיים אפ מיט א חנופה־שמייכעל — אז עס איז אונזער חנה'ס זכות; הערסט דו, שרה, — ביים קויפען האב איך מיר אזוי געטראכט: בלי נדר ובלי פסקנא, וועט מען פון פארדינסט אראפנעמען פאר חנה'ן כאטש א דריטעל! און, ווי איך טראכט אזוי, ווערט די פריצה ווייך, ווי א פוטער, און לאזט אראפ איין צעהנערעל נאכ'ן צווייטען!

— איז אודאי גוט, — שמייכעלט איהם שרה צו, און ווערט — דאכט זיך איהם — איינגער און פרישער... „אמאליגע יאהרען— פליהט איהם דורך א געדאנק — וואס דען... ווען סאמע גוטע צייטען...“ ער האט אבער ווייניג צייט צו אזא קלער...

— הכלל, איז חנה א שותפ'טע.

— מהיכא־תיתי! אזא יאהר אויף מיר!

— יא, אבער, — שטאמעלט ער, — אז חנה זאל זיין א שותפ'טע — טאקע, איך רעכען בפירוש אויף איהר מזל, — נאר, אז א שותפ'טע...

— איז וואס? — פרעגט שרה מיט אויפגעשטעלטע אויערען און אויגען... זי איז איהם שוין עפעס חושד; ער פיהרט שוין צו עפעס... ער וויל שוין עפעס!

— איז וואס?

— מיין איך טאקע, זי זאָל זיין אַ אמת'ע שותפ'טע... זי זאָל אַריינלעגען אין מסחר אַ חלק געלט.

— וואס? וואס זאָגסט דו? — שרה גלויבט נישט איהרע אייגענע אויערען. און אַז ער ענטפערט נישט, שפּרינגט זי איהם אַקעגען:

— גזלן, רוצח! — דאָס איז אַ טאַטע... דאָס איז אַ מאַן! ער ווייסט, דאָס קינד איז אַזוי קראַנק... אַז איך האָב אַ נדר געטאַן נישט צו ספּעקולירען מיט איהר געלט... עס איז דאָך איהר שווער פאַראַרבייט געלט! בלוטיג געלט... די קיישלעך טראָגט זי מיר נאָך... קריגט אַמאָל פאַר'ן וועג... איך דערלעג איהר עפּעס...

שרה קאָן זיך גאָרנישט בארוהיגען...

חיים וויל עפּעס ענטפערען; דער אַלטער לאָזט נישט.

— שווייג שוין בעסער, חיים, שווייג — מאַכט ער — זעהסט דען נישט, אַז שרה'לע האָט רעכט... געה, זוך דיר אַ שותף... רייס נישט איין די וועלט... לעב און לאָז לעבען.

חיים נעמט שטילערהייט אין טאַרבע אריין אַ שטיק ברויט מיט אַ ציבעלע און געהט אַרויס. עס באַלייט איהם דעם אַלטענס שפּרוך:

— האָסט געזעהן, ווי פייגעלעך קלייבען בראָקען אויפ'ן הויף? אַ גרויסען בראָקען נעמען צוויי...

---

נישט פיעל רוהיגער שלאָפט רבקה אין אַלטענס בעט. אינ'ם יונגען קאָפּ וואַלגערט זיך אַרום אַ געדאַנק, וואָס לאָזט נישט פעס־טער איינשלאָפען... אַ „באַגעגעניש" האָט זי געהאַט!

איינמאָל, פאַרנאַכט, אַהיים געהענדיג פון פאַבריק, האָט זיך איהר אויפ'ן טראַטואַר אַ יונגערמאַן באַגעגענט. זי געהט גלייך, מיינט, ער וועט אַפּטרעטען, ער טוט עס אָבער נישט, און קוקט איהר נאָך גלייך אין פּנים אַריין מיט אַ פּאָר גרויהע לוסטיג־לאַ־כענדיגע אויגען, אַז זי איז רויט געוואָרען. זי האָט זיך גענומען אַז אַ זייט און געלאָזט זיך אַהיים מיט געשווינדערע טריט. נע־מענדיג זיך אין אַ זייטען־גאַס, האָט זי זיך דאָך, נישט געוואָר־ליג, אומגעדרעהט. און דערזעהן, אַז ער שטעהט נאָך; ער שטעהט

אויפ'ן געלבען ארט און קוקט איהר נאך מיט'ן איינענעם שמיי־כעל, מיט די צוויי שורות ווייסע ציין.

„זי וועט עס חנה'ן דערצעהלען." טראכט זי און האט עס דאך נישט געטאן. „וואס וועט זי, די ארעמע, קראנקע חנה, פארשטעהן?"

עטליכע טאג שפעטער איז ער איהר ווייטער אקעגען געקור־מען. דאס הארץ הויבט איהר אן געשווינדער צו קלאפען, זי שעמט זיך אויפצוהויבען די אויגען; געהט געשווינד פארביי, נאר אזוי אומגעלומפערט, אז זי איז שיער נישט געפאלען אויפ'ן גלאטען טראטואר.

אין גאנג, דאכט זיך איהר, אז זי פיהלט, ווי זיין העלער, לוסטיגער שמייכעל גליטשט זיך איהר הינטען אויפ'ן בלויזען האלז.

און דאס שרעקט זי; עס דאכט זיך איהר, אז אלע אין גאס קאנען עס זעהען! און אנטלויפט נאך געשווינדער.

איינמאל איז ער איהר ווי פון אונטער דער ערד ארויסגע־וואקסען.

זי האט אויסגעשריען: אך! און ער שטעהט איהר אקעגען און פארשטעלט איהר דעם וועג.

— דאכט זיך, מאכט ער, — איך האב דאס גליק זי צו קע־נען, פריילייןǃ

„פריילייןǃ" האט ער געזאגט!

דאך ווערט זי בייז, מיידט איהם אומגעדולדיג און נאך האלב דערשראקען אויס. און דאך, מוז זי זיך מודה זיין, אז א שטימע האט ער זעהר אן אנגענעמע. „א גאלדענע שטימע," זאגט איהר אונטער דאס הארץ...

פון דאמאלט אן טרעפען זיי זיך כמעט יעדען אווענט. זי רעדט נישט צו איהם, שווייגט, נאר אנטלויפען אנטלויפט זי שוין נישט...

און ער פיהרט זי יעדען אווענט אפ פון פאבריק.

זיי געהען צוזאמען און שווייגען.

אפט האלט זי זיך נישט איין אוןווארפט אויף איהם א בליק פון דער זייט...

„די וואנסעלעך זיינע..."

און דערויף ענטפערט ער מיט נאך א ליכטיגערען שמייכעל...

מאדנע אויגען האט ער... טיילמאל, דאכט זיך, פליהען פון זיי גאלדענע שטראלען!

דערווייל איז מען דערפון געוואר געווארען אין פאבריק; חבר'טעס האבען באמערקט, און געמאכט דערפון א גערעד.

מען לאכט פון איהר, מען וויצעלט זיך אויף איהר חשבון.

יונגהייט—נארהייט, — זאגט מען — היינט אנטלויפט זי, מארגען וועט זי נאכיאגען...

„נישט דערלעבען וועלען זיי עס!“ טראכט רבקה.

— זי וועט ארויסשטעקען די צונג — ווי א שעפס צו זאלץ... וואו נעמט מען עס...

רבקה פארבייסט די ליפען און שווייגט.

— און א שעהנער יונג, — זאגט מען, — א גאלדענער יונג! האר, אויגען, א נאז — ווי אפגעטאקט. פון וועסטען־טאש שלעמפערט זיך נאך א גאלדענע קייט מיט אפשר צעהן גאלדענע ברעלאקען!

רבקה פיהלט זיך אביסעל שטאלץ.

— אפשר טאמבאק? — איז איינע מסופק.

— חלילה! — טראכט רבקה... אנדערע זאגען אויך:

— געה שוין געה... מען זעהט, — א גביר'יש קינד!

וואונדערט מען זיך נאך מעהר:

— ווילסט נאך נישט שפילען קיין ליעבע, נאך ציים? אבער שכל האב: רעד א גוט ווארט, נעם קליינע מתנות, כאפ אן אנבייסען... צוקערקעס... בילעטען אין טעאטער אריין.

עמיץ לאכט העל אויף:

— אודאי! נעמען ווי א בייז פערד... נאר גענארען זיך לאזען, נישט! א מכה זיי!

עס לאזט זיך ענדליך הערען די עלטסטע מיט'ן לאנגען, בייניגען פנים, פארשפיצטער גאמבע און זייטיגע, גרינליכע בליקען.

— טע, טע, טע, — מאכט זי, — א קלייניגקייט, וואס דאס האט צו פארנארען! חופה־שטאנגען ווארטען, הבדלות שוין גרייט, נדן, — ווי הייסט? א שלל! שדכנים רייבען אפ די שוועל, חתנים רייסען די טירען!

רבקה פארבייסט שארפער די ליפען, בויגט טיפער דעם ברע־

נענדיגען קאפ איבער דער ארבייט און צוויי הייסע טרערען פאלען איהר אויף די הענט, וואס זענען באשעפטיגט ביי דער מאשין.

און דאס לאזט זי נישט שלאפען!

ניין! זי וועט גארנישט, גארנישט נעמען!

קיין בילעט אין טעאטער אריין, אודאי נישט!

איינמאל האט מען זי פארהאלטען שפעט ביינאכט אין פאבריק; נויטיגע ארבייט געווען... איז די מאמע געקומען צו לויפען אהן אטעם, אהן א נשמה... אז די מוטער האט זי דערזעהן, האבען איהר די אויגען אנגעהויבען פינטלען, דערנאך שפריצען ווי א פאנטאן... הינטען, אין פאבריק־הויז, ביי די טרעפ, איז ערשט געשטאנען דער אלטער זיידע און געקנאקט די פינגער...

— געלויבט איז גאט, — האט ער געמורמעלט — געלויבט איז גאט!

„ניין, זי וועט עס נישט טון!"

שרה וויל שוין אויך געהן אין גאס אריין. זי שטעלט דעם אלטען א גלאז מילך ביים טישעל, רוקט איהם צו יענקעלע'ן מיט'ן וויגעל, און וויל נאך פארזארגען עטליכע קליינינקייטען אין בעל־בתי'שקייט...

דערביי האט זי דאך צייט צו קלאגען זיך פאר'ן אלטען אויף דער היינטיגער וועלט.

— איהר האט דאך געהערט, שווער! תנאים דארף זיין... דער לעצטער טערמין... טעלעגראפירט, מען הייסט שוין איינקויפען... און זי, די כלה'שי, מאכט א סקאנדאל! זי וויל נישט! זי וויל נישט קיין חתן פון פראווינץ... זי האט א ווארשאווער, זאגט זי! א ווארשאווער דייטשעל האט זי!

חנה, וואס איז ביז אהער געלעגען מיט אפענע אויגען צום סופיט און געקוקט, ווי די פליגען רייסען זיך אפ איינע נאך דער אנדערער און צופליהען זיך אין שטוב, דערהערט, וואס די מוטער דערצעהלט, זעצט זיך פלוצים אויף, איהרע געוועהנליך מאטע אויגען באקומען א גלאנץ... זי הערט, זעהט אויס, און אינטערעסירט זיך... זי שפיצט נאך אויף די אויערען און עפענט דאס מויל, ווי צום איינשלינגען דער מוטערס ווערטער.

די מוטער איז פונדעסטוועגען זיכער, אז דאס פארדינסט וועט נישט אנטרינען. תנאים וועלען, אם ירצה השם, זיין! דער

אלטער פּימסענהאַלץ וועט זיך זיין שטערטעל באַשטעהן... די „צו־גאַסענע פּימסענהאַלציו" שווייגט אויך נישט... „איי, האָט זי נענעלער!"

— קודם כל, — האָט מיר די קעכין פון דאָרט דערצעהלט,— האָט מען געמאַכט אַ רעוויזיע, געפונען בריף פון עפּעס אַ דייטשעל, אַ ימח־שמו'ניק און מען האָט זיי פאַרברענט. דערנאָך ערשט האָט זי געלעזט, אָבער שעהן געלעזט... ביי די האָר האָט מען זי ארומגעשלעפּט.

חנה פיהלט אַלץ, די אויגען ווערען איהר פייכט, דאָס פּנים — גערויטעלט און פאַרצעהרט פאַר רחמנות.

זי פאַלט צוריק אויפ'ן קישען מיט אַ געוויין.

שרה דערשרעקט זיך, דער אַלטער לויפט אויך צו.

— וואָס איז, חנה'לע, וואָס איז דיר געשעהען?

— אַ שאַד, מאַמע, אַ רחמנות...

— אויף וועמען, טאַכטער? אויף וועמען? — וואונדערט זיך שרה.

— אויף דער כ־כ־כלה... זי איז אַזאַ — אַזאַ גוטע... אַזאַ האַרציגע... גיט מיר שטענדיג געלט... דאָס געלט, וואָס איך גיב דיר... זי גלעט מיך... זי קושט מיך אַמאָל... זי וויל מיך אפילו לערנען שרייבען.

— נאָך דאָס פעהלט מיר! — מאַכט שרה נישט געדן — צו מיינע שונאים'ס קעפּ, צו זייער הענט און פיס! זי וויל דיר אייך דעם קאָפּ פאַרדרעהען... זאָלסט אויך נישט פאָלגען אַ מאַמען.

חנה ענטפערט אינמיטען געוויין:

— ניין, מאַמעשי, ניין! האָב גאָר קיין מורא נישט! איך וועל דיך שטענדיג פאָלגען! וואָס פאַר אַ חתן דו וועסט מיר נישט געבען!

עס הערט זיך פּלוצים אַ קלינגענדיג געלעכטער.

דאָס לאַכט רבקה פון דער שוועסטערס נאַרישקייט.

— מרשעת, — שרייט שרה, — דאָס קינד איז קראַנק, מסוכן־קראַנק און זי לאַכט!... לאַכען זאָלסט דו, וועל איך דיר זאָגען ווי.

— שילט נישט, שרה, — באַרוהיגט זי דער אַלטער, — זי איז דאָך אויך אַ קינד.

שרה געהט אַפּ פּאַרדראָסען און וואַרפט, אַרויסגעהענדיג פון שטוב, צו רבקה'ן אַ באַפעהל: שטעה אויף, פּראַנצימערקע... גיב חנה'ן טיי, קעהר אויס די שטוב...

---

דער אַלטער מנשה האָט אויסגעטרונקען זיין מילך און האָט זיך געזעצט צום פענסטערל.

דורכ'ן פענסטערל פון סוטערינע זעהט מען נאָר די שמאָלע לאַנגע שאָטען, וואָס די פיס פון די דורכגעהער וואַרפען אויף די קליינע שויבען.

וואָס גרעסער עס ווערט דער טאָג, ראַשער טוישען זיך די שאָטען; טרויעריגער ווערט דער אַלטער. מענשען איילען זיך, לויפען, האַנדלען און וואַנדלען; ער איינער (אַזוי דאַכט זיך איהם) טויג שוין צו גאָרנישט.

ער נעמט זיך צום תהלים'ל מיט עברי־טייטש.

מיט אַ ציטעריגען קול זאָגט ער אַ פּסוק לשון קודש, אַ פּסוק אידיש, און ריהרט מיט אַ ציטעריגען פוס יענקעלע'ס וויגעלע.

רבקה זיצט שוין האַלב אָנגעטאָן ביי חנה'ן אויפ'ן בעט. ביידע טרינקען טיי. לעבען רבקה'ן, וואָס שפּריצט מיט פרישע לעבען, זעהט חנה נאָך קרענקליכער, נאָך בלאַסער און קלענער אויס, נאָך קינדישער.

זיי האַלטען אינמיטען אַ פּאַרטרויטען שמועס.

— איך וועל נישט אויסזאָגען, חנה, דערצעהל!

— שווער דיך!

— איך שווער...

— ביי וואָס?

— ביי וואָס דו ווילסט.

חנה קנייטשט איין דעם שטערן און קלערט אויס:

— ביי יענקעלע'ס געזונט!

— ביי יענקעלע'ס געזונט! — חזר'ט איבער רבקה.

— אַז וואָס?

— אַז דאָס!... אַז איך וועל נישט אויסזאָגען, וואָס דו וועסט מיר דערצעהלען...

חנה פארטראכט זיך.

— זיצענדיג — זאגט זי — קאן איך נישט... איך וועל בע־סער ליגען און קוקען אויפ'ן סופיט; אזוי פארגעס איך אלץ און פלאנטער מיך... אז איך ליג און קוק ארויף, זעה איך אלץ פאר מיר... שטעלט זיך מיר אלץ אקעגען...

— נו, לעג דיך, חנה...

— דו אויך! לעג צו צו מיר דאס אויער, עס איז א שרעקלי־כער סוד! איך וויל נישט, דער זיידע זאל הערען!

און חנה קנייטשט נאך שטארקער איין דעם שטערן. זי אטעמט שווער, ווי פון אונטער א שווערער לאסט. זי פאלט צו־ריק אויפ'ן קישען.

שטארק פאראינטערעסירט, שטעלט רבקה געשווינד אוועק די גלעזער און לעגט זיך צו.

דער אלטער האקט איבער זיין תהלים, ווארפט א בליק צום בעט און פרעגט:

— נישט גלייכער אויפצורוימען, רבקה?

— באלד, באלד, זיידעשי, — ענטפערט רבקה, — חנה וויל מיר עפעס דערצעהלען.

דער אלטער באוועגט דעם קאפ מיט א טרויעריגען שמייכעל און הויבט אן ווייטער זינגען זיין תהלים מיט'ן עברי־טייטש.

און חנה דערצעהלט מיט אן איינגעקנייטשטען שטערן און ווייט־געעפענטע, כמעט שטארע אויגען. פאר וועלכע רבקה שרעקט זיך אביסעל. עס דאכט זיך איהר, אז חנה דערצעהלט נישט פון זכרון, נאר זעהט עפעס פאר זיך און זאגט, וואס זי זעהט. און איהר שטימע איז אזוי טיף, און דער אטעם פיהלט זיך איהר אזוי הייס...

---

חנה דערצעהלט:

„...די קעכין איז ערגעץ ארויסגעגאנגען... איך בלייב איינע אליין אין קיך... אויף דער מאמען ווארט איך; זי דארף נאך מיר קומען.

— רבקה, — שלאגט זי זיך פלוצים איבער — ווען האבען מיר געגעסען הירוש מיט האניג?

— נעכטען! — ענטפערט רבקה מיט אַן אומהיימליכער שטימע.

— איז עס טאַקע געוועזען נעכטען... יאָ, נעכטען... זיץ איך אַזוי און זופּ טיי. די קעכין גיט מיר שטענדיג טיי... ווען איך קום, גיט זי מיר טיי... און דאָרט איז אַ מחיה טיי צו טרינקען... מיט אַ זילבערען לעפּעלע, עס גלאַנצט... פון טיי ווערט אַזוי וואַרעם אין אַלע אברים... און צוקער — הערסט — אַריינגעלעגט.

איך וויל טרינקען צוגעביסען, די רעשט אַהיים נעמען; לאָזט זי נישט, די קעכין. זי זאָגט: צוקער איז פאַר דיר געזונט, זאָגט זי... און קוקט, איך זאָל אַריינלעגען אַלע דריי שטיקער!

אַ פונט צוקער קריגט זי דאָרט די קעכין; יעדע וואָך אַ פונט צוקער! אַחוץ וואָס זי נעמט אַליין, פון דער זילבערנער פּושקע, וואָס שטעהט אין דער ערשטער שטוב... אַפּען שטעהט זי; איך האָב אַליין געזעהן! נאָר איך וועל נישט נעמען...

אויף דער פּושקע איז דאָ אַ הירש. די פּימסענהאַלץ האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז עס איז אַ הירש; מיט אַזוינע גרויסע, גע־דרעהטע הערנער... אַן אמת'ער הירש.

— הכלל, דו זיצסט אין קיך? — מינטערט זי רבקה.

יאָ, זיץ איך אויפ'ן בעט. אויפ'ן שעהנעם בעט... אוי, האָט עס די קעכין אַ בעט! דריי גרויסע קישען, ווייסע ציכלעך, ווי שניי... געשטיקטע לאַנגעטען, עס קוקט אַרוים רויט... גרויסע פּערלמוטערנע קנעפּ, ווי פּערציגער גרוים! אַ געשטעפּטע אַט־לעסענע קאָלדרע. אינמיטען — אַ גרוים ראָד ווי אַ ברונען! אַרום און אַרום — גרויסע אָדלער מיט פליגעל... פון אויבען נאָך אַ גרינע, זיידענע קאַפּע... אַ גאַנצע פּריצה'טע, איז זי, די קעכין; נאָר אַ גוטע, בעט מיך זיצען אויפ'ן בעט, צופוסענס... שאַרט אוועק די קאַפּע מיט דער קאָלדרע... זי האָט מיך ליעב, זאָגט זי און — ווייסט דו פאַרוואָס, רבקה?

— פאַרוואָס?

— זי האָט אויך, געהאַט אַזאַ מיידעל ווי איך... נישט חנה האָט זי געהייסען, נאָר אין מיינע יאָהרען... געשטאָרבען איז זי... האָט זי מ י ך ליעב... זאָגט זי...

— וואָס האָסט דו אַ ציטער געטאָן, רבקה?

— עס, גאָרנישט... דערצעהל ווייטער, חנה...

— איך זיץ און זופּ טיי... און זי קומט אַריין...

— ווער?...

— די געשלאָגענע כּלה...

— וואָס? די געשלאָגענע —

— האָסט נישט געהערט? — די מאַמע האָט דאָך דערצעהלט! יאָ, יאָ, מען שלאָגט זי, ווייל זי וויל נישט דעם חתן.

— אַהאַ, — הכּלל — זי קומט אַריין?

— זי קומט אַריין — אַ בלאַסע... רויטע אויגען — הערסט, רבקה, אין שטוב טראָגט זי אַ בלוי־זיידען קלייד, אַ שפּאָגעל נייעס, מיט רויטע פּינטעלעך — הינטען שלעפּערן זיך נאָך צוויי לאַנגע, ברייטע, אַטלעסענע, אויך רויטע, שאַרפּען, אונטען באַנעהט מיט שוואַרץ־זיידענע פרענדז — און בריליאַנטענע אוירינגלעך, — פאַר־קעמט איז זי אויסטערליש — הויך איבער'ן קאָפּ אַ קרענצעל — אינמיטען קרענצעל — אַ טויב מיט צוויי אויסגעשפּרייטע פלי־געל, — פאַרשטעהסט? פון די האָר אויסגעלעגט! די בייהאָר פאַרנומען הינטען מיט אַ גאָלדענער קלאַמרע; פון פאָרענט — אַ גאָלדענע שפּילקע, אפשר צוויי! ביים פּאַסיק ווייטער אַ גאָל־דענע קלאַמרע — אַ פאַרבלענדעניש! וואו זי גיט זיך נישט אַ ריהר גיט ווי אַ בליץ!

חנה שטאַקט.

— און שוין?

— וואַרט — עס איז אַ גרויסער סוד, רבקה. — און זי ניט צו מיט שרעק:

— גאָט וועט שטראָפען, אז דו וועסט, חלילה, אויסזאָגען!

רבקה פאַרזיכערט, אז זי וועט נישט אויסזאָגען.

חנה לעגט רבקה'ן אונטער די האַנט, דריקט איהר קאָפּ נעהנ־טער צו זיך און דערצעהלט ווייטער נאָך מיט נאָך אַ שטילערער, נאָך אַ טיפערער שטימע.

— זי דערזעהט מיך און פאַלט צו מיר צו מיט אַ געוויין.—

— וואָס האָט זי פון דיר געוואָלט?

— אַ טובה האָט זי געוואָלט פון מיר!

— אַ טובה? זי פון דיר אַ טובה?

— שטעקט מיר אין האַנט אַריין אַ האַלבען רובל — דעם

האַלבען רובל, וואָס איך האָב נעכטען אָפּגעגעבען דער מאַמען — און נאָך עפּעס...

— וואָס נאָך? חנה'שי!

„חנה'שי" איז רבקה'ס מויל איז אַ זיכערער שליסעל צו עפענען חנה'ס האַרץ.

— אַ בריף — אַ בריף, זאָל איך איהר אָפּגעבען — בסוד סודות.

— און דו האָסט גענומען?

— וואַרט, — זי לערענט מיך אויס אויסענווענינ דעם אַד־רעס; איך קאָן דאָך נישט לעזען! הערמאַן... דעם צווייטען נאָמען האָב איך שוין פאַרגעסען — די גאָס אויך — נומער, דאַכט זיך, פיערציג — יאָ, פיערציג.

— האָסט גענומען און אָפּגעגעבען? — פרעגט רבקה מיט אַ פאַרבאָרגענעם שרעק.

— נישט אַזוי געשווינד, — ענטפערט חנה נאַאיוו — איך האָב פריהער געבלאָנדזשעט.

נישט דאָס אָבער אינטערעסירט רבקה'ן.

— עס איז אַ בחור? — פרעגט זי שאַרף.

— ווייס איך? מן הסתם —

— וואוינט אַליין? —

— דאַכט זיך — יאָ; ער אַליין האָט מיר געעפענט. איך האָב נאָר אַ דריק געטאָן דאָס ווייסע קנעפּעל — זי האָט מיך עס אויסגעלערענט. —

— ער האָט צוגענומען דעם בריף?

— צוגענומען.

— געגעבען תשובה?

— תשובה האָט ער נ י ש ט געגעבען. ער וועט שרייבען אויף דער פּאָסט, זאָגט ער. נאָר ער האָט זיך זעהר דערפרעהט מיט'ן בריף. ער האָט פאַר גרויס פרייד מיך אריינגענומען אין שטוב, געזעצט אויף אַ בענקעל...

— נאָך וואָס?

— פאַר גרויס שמחה! ער האָט מיר אפילו געגלעט די האָר — אַזוי ווי די מאַמע טוט אַמאָל — אַ יום־טוב, צי שבת, ווען זי האָט צייט...

דערנאָך האָט ער געלאַכט און האָט מיך אפילו געקושט... איז מויל אַריין, גלייך אין מויל אַריין... דערנאָך די אויגען... שעהנע אויגען, זאָגט ער, האָב איך...

רבקה בלייבט ליגען ווי פאַרשטאַרט...

חנה פאַרטראַכט זיך אַביסעל, און ענדיגט:

— אָבער שפּעטער, אַז ער האָט געוואָלט מיר עפּענען דעם בוזעם און אַריינשטעקען די האַנט, האָב איך מיך פאַרשעמט און בין אַנטלאָפען... ער האָט פאַרגעסען צו פאַרמאַכען די טיר... אָפען געווען...

— געלויבט איז גאָט, געלויבט איז גאָט... — שעפּטשעט רבקה מיט אַ פאַרשטיקטען געוויין...

— וואָס זאָגסט דו? רבקה...

— גאָרנישט, חנה...

— זאָג נאָר, רבקה, נאָך וואָס האָט ער עס געוואָלט אַריינ־שטעקען אין בוזעם...

— שווייג! — שלאָגט איהר רבקה איבער מיט שרעק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

צום גליק הערט נישט דער אַלטער. ער איז פאַרטיפט אין זיין תהלים. ער זאָגט אַ פּסוק און פאַרטייטשט באַלד:

„זיי האָבען קיין וואָר וואָרט נישט אין מויל... אינעווענינ, אין האַרץ, הייסט עס, האָבען זיי אַ בראָך... זייער האַלז איז אַז אָפען קבר... אַ גרוב, הייסט עס, איינצושלינגען... און אַ גלאַטינע צונג האָבען זיי...“

רבקה הערט זיך איין מיט אַ בלאַס פּנים און פאַרביסענע ציין...

חנה קוקט זי אָן דערשראָקען...

# אָהן מזל.

...איהר ווילט אַלץ פאַרזאָרגען; דאָס לעבען שטרעקט איהר פאַר קינדער.

און איך זאָג אייך: יעדעס קינד ווערט געבוירען מיט זיין מזל, — אדער עס העלפט נישט, אדער מען דאַרף נישט.

פאַרוואָס בין איך אַזוי עלענד, אַזוי נע־ונד, און האָב נישט דעם קאָפּ וואו אַנידערצולעגען, און ווי קום איך אַהער?

נישט געהאַט מיין הייזעל אין זאַוויכאָסט? נישט געהאַט אַ קראָם מיט סחורה? — און דערצו בין איך דאָך אַ שיפער*) געווען. פון נאָך פסח אָן — צווישען וואַסער און הימעל. אויף סכות קומט מען אַהיים מיט מתנות פון קעניגסבערג! אַ לעבען געווען!

האָב איך אָבער געוואָלט פאַרזאָרגען...

אַ בת יחידה, אַן אויג אין קאָפּ, אַן אבן טוב — אַ קינד...

---

אַז די מוטער, עליה־השלום, איז געגאַנגען פון דער וועלט, האָב איך נאָך קיין גרויע האָר אין דער באָרד נישט געהאַט, און אַז מען האָט מיר גערעדט שדוכים, האָט מען מיך געשטאָכען מיט מעסער... איך וועל מיין רחל־לאה'ן קיין שטיפמאַמען נישט געבען!

עס קומט נאָך פסח, האַלץ־סוחרים קומען אָנצופאָהרען, מען רייסט זיך איבער מיר, מען בעט מיר ממון קרח, מען קען מיך פאַר'ן עהרליכען מאַן און פאַר'ן גוטען בעל־הבית אויף דער טראָט־ווע, און אַז איך קויף איין באַל — נו, וועל איך מיך אָוועקלאָזען

*) אַזוינער, וואָס פיהרט אַריבער די טראַטוועס איבער'ן וואַסער.

אויפ'ן וואסער און איבערלאזען מיין איינאיינציג קינד אויף פרעמ־
דע הענט?

---

בלייב איך אין דערהיים און זעץ מיך אין געוועלבעל אריין.
קיין שפע איז, מן־הסתם, נישט געווען, א שיפער איז קיין סוחר נישט. מען רייסט מיר די קונים פון קרעמעל ארויס. און איך בלייב שטעהן מיט אן אפען מויל... מוז איך אפשפארען א שטוב פון דער דירה און פארדינגען, אבי מען לעבט.
נאר קיין חרטה, חס־ושלום, האב איך נישט; פאר הונגער, חס־ושלום, שטארבט מען נישט. פאר דאס פארשפאר איך צעהן מאל אין טאג דאס קרעמעל און לויף אהיים זעהן, ווי רחל־לאה וואקסט... און זי וואקסט קיין עין־הרע, ווי אויף הייוועז — די מור־טער אויס'ן אויג: חן־גריבלעך און אזוינע שטילע, גוטע אויגע־לעך — האלב לאכענדיגע, האלב וויינענדיגע, און אינגאנצען אזוי פאר'חלומ'ט...
איך וויל דאך זי אין געוועלב אריין נישט לאזען! אימשטיינס געזאגט סחורה: שמירעכץ צו שטיוועל און שמירעכץ צו רעדער. און אייל און אביסעל נאפט. און די קונים: בעלי־עגלות מיט פויערען. איך וויל גארנישט, זי זאל זייערע לשונות הערען...
און נאך מנחה־ומעריב! מעג זיין אויסטערליש נייעס פון פאליטיק, מעג זאגען, להבדיל, דער גרעסטער מגיד, — איך לויף אהיים צו מיין נחת, צו מיין טרייסט...

---

און איך וויים, אז זי איז שוין, ברוך־השם, איבער זעכצעהן, נאר איך מאך מיך נישט וויסענדיג... איך פארגעס מיך און האלט זי אויף דער שוים... און גאט דאנק איך, וואס מען דערמאנט מיך נישט... א שטיל נפש, געהט נישט פון שטוב ארויס, האבען לייט אן איהר פארגעסען... רעדט מען איהר קיין שדוכים נישט...
„הלואי ווייטער." טראכט איך; עס ווילט זיך נישט בלייבען אליין.
מאכט זיך אבער א מעשה.
דערצעהלט מען מיר, אז דער יונגער ברענהאלץ. דעם פאר־

ריאַדטשיקס זוהן, דרעהט זיך, ווען איך בין ביי מנחה ומעריב אין בית־המדרש, פאַר מיינע פענסטער... ער שפּאַצירט, דער בחור...

און אַ בחור, צינד וויל איך שוין מיין מויל צו קיין בייזען נישט ברענגען, נאַר — אַ מאַכל, זאָג איך אייך...

קלער איך מיר: איך וועל מיט איהר רעדען, וואַרענען. וואַרים מיט איהם רעדען, איז — אַרבעס אַן דער וואַנט — מען שמועסט אַ פּרי!

קאַן מען אָבער מיט איהר נישט רעדען...

— רחל־לאה, — הויב איך אָן. עפענט זי אויף מיר אַ פּאָר ריינע, אַזוינע צנועה'דיגע קינדער־אויגען, און אַזוינע קלאָרע, און פרעגט:

— וואָס, טאַטע! — מוז איך זי פאַררעדען מיט עפּעס אַנדערש. גענה, וואַרף אַ שטיק בלאַטע אין אַ קלאָר וואַסער אַריין.

נאַר שלאָפען טאָר מען נישט; אַ טאַטע ט אָ ר נישט שלאָפען...

שיקט מיר, דאַכט זיך, גאָט די רפואה:

עס איז אַ ירוד ביי אונז, פאַלט אַריין מיינס אַן אַלטער ידיד, צוזאַמען פון איין סדור אַלף־בית געלערענט, אויך נישט פאַר אייך געדאַכט אַן אַלמן געוואָרען, נאַר אַ מענש מיט פּלייצעס, אַ גבור, שטעלט אָפּ פון הינטען אַ וואָגען מיט אַ פּאָר פערד. „וואָס טוסטו דאָ, אברהם משה?" ער איז געקומען אַ כלה אָנקוקען. אַ קאַץ איז זאַק קויפט ער נישט. „נו?" — „איז פונקט די סחורה אַוועקגעפאָהרען אויף אַ חתונה." „אַן עלטערע אידענע?" פרעג איך; איך ווייס, ער האָט קינדער. צולאַכט ער זיך. אַז עס הילכט: „וואָס איז? אַ בתולה, האָב איך קיין צייט נישט?... נאַר אַז זי איז אַוועקגעפאָהרען, כאַפּט זי דער רוח." אַזאַ לשון האָט ער שוין געהאַט.

זאָג איך איהם: איך האָב אויך אַ בתולה.

„נו, זאָגט ער, וועלען מיר זעהן"...

---

וואָס דאַרף מען בעסער?...

עס איז אַפילו צו נאָהנט... אינגאַנצען אַ מייל אַנדערטהאַל־

בעז... אזא בחור, ווי ברענהאלץ קאן זיך אמאל אראפכאפען... נאר — זאל ער פרואווען שפאצירען הינטער אברהם משה'ס פענס־טער, אברהם משה וועט כאפען א „קלאניצע“... ער האט דאמאלט נאך פערד געהאלטען...

דאנק איך און לויב זיין ליעבען נאמען: אן אנגעזאפטער איך, איינגאנצען דריי שטיקלעך קינדער; און א הויז, און א מחיה אין הויז — אן אכסניא, און א הויז מיט כל טוב — טאקע שמאלץ און האניג... און הונדערטער ביי לייטען... שרייבט מען תנאים; אז אלמן מאכט קיין שהיות נישט — איז מגביל זמן החתונה אויף נישט וייט... מיין רחל־לאה, ווי עס פאסט פאר א אידישע טאכ־טער, שוויגט... אין די אויגען אביסעל טרויער, אביסעל פחד — ווי דער שטייגער איז פון א כשר'ער נשמה. ערשט צום חופה־טאג, ביים אל מלא רחמים, האט זי זיך, נעבעך, צעוויינט... אבער צעוויינט! מילא — א חופה, א גילדענע יויך — א מצוה־טענ־צעל און צומארגענס באהר איך אהיים גאר מיט א גרינג הארץ. עס בענקט זיך שוין אפילו צו דער טאכטער, נאר ווי ווייט איז?

און עס איז א שליט־וועג — מען גליטשט זיך אזוי שטיל איי־בער'ן שניי — פארמאך איך די אויגען; דרימעל איך, דאכט זיך, אייז און שטעלט זיך מיר דער טייך פאר די אויגען...

טראכט איך: סוף ווינטער... נאך א פאר וואכען וועט דער שניי זיך צולאזען, דאס אייז — פלאצען און אפשווימען... עס וועט זיך עפענען א וואסעריגע וועלט... עס וועלען אנקומען סוחרים פון געהילץ... איך ווער צוריק שיפער, צוריק צווישען וואסער און הימעל... אוים בלאטיג שטעדטעל, אוים פינסטער געוועלבעל — עס וועט זיין א לעבען...

---

און וואס פאר א מתנות איך וועל ברענגען פאר רחל־לאה'ן פון קעניגסבערג...

האט אבער מיין קינד קיין מזל נישט געהאט...

---

צוגאנגען איז דער שניי, אפגעגאנגען איז דאס אייז, אבער פאר די געהילץ סוחרים איז געקומען מיין איידעמס עלטערער בן

— זעכצעהן יאהר און א יונג ווי א בוים, און א מגושם מיט א גראב קול, און נישט קיין גרויסער חכם...

ער קומט אריין אהן שלום, אהן גוט־מארגען, און גיט א קלאפ מיט דער בייטש אן פאדלאגע.

— וואס האט איהר עס אפגענארט דעם טאטען, וואס?

— מיט וואס — פרעג איך — האב איך איהם אפגענארט? איך וויים, איך האב איהר אוועקגעגעבען דער מוטערס צירונג, גע־געבען נדן מעהר, ווי איך און מיין שטייגער האט געמעגט, און א האלב געוועלבעל אויסגעלעדיגט אויף מלבושים.

— איהר האט איהם — זאגט ער מיט'ן גראבען קול — א חולנית פאר א וויב געגעבען... הויט אוןביין — זאגט ער — אז מען ריהרט זי אן, קנאקט זי...

ווערט מיר, מן הסתם, א לאך אין הארץ. לאז איך אלץ אי־בער אויף גאטס געבאט, און כאפ מיך אריבער צום איידעם.

איך קום אריין: מיין אברהם משה זיצט אין די שעלקעס ביים אויוועז און ווארעמט זיך, מיט די הענט הינטער זיך... ער הויבט זיך אפילו נישט אויף, מיט די אויגען שטעכט ער מיך — און זי — א האלבע רחל־לאה... זי דערזעהט מיך און פאלט מיר איבער'ן האלז מיט אזא געוויין, מיט אזא געוויין — — — — און פלוצלונג דערפיהל איך, ווי עס פאלט איהר דאס קעפעל ביי מיר איבער'ן אקסעל, — זי חלש'ט...

איך טראג זי אין דער צווייטער שטוב אריין, — איך פיהל גארנישט, וואס איך טראג — איך לעג זי אויפ'ן בעט, שפריץ וואַ־סער — קויב זי קומט צו זיך.

— טאכטער, — בויג איך מיך צו איהר צו — ער באהאַנ־דעלט דיך שלעכט?

— ניין, — קוים וואס זי רעדט, — פריהער, אז איך בין געזונט געווען, אודאי נישט...

— מען גיט דיר נישט צו עסען?

אויך נישט, זי איז די גאנצע בעל הבית'טע. און אז איך קוק מיך אום, זעה איך אן אפענע שאנק: א סלאי מארינירטע הע־רינג, — א געדויכערטער לעקער — טעפ מיט שמאלץ, אויף אלע אידישע קינדער געזאגט...

— וואָס דען, טאָכטער?

— איך בענק...

— וואָס בענקסטו דו?...

— אַהיים, — זאָגט זי, — אַהיים...

— וואָס הייסט אַהיים? וואו אַ מאַן איז, דאָרט איז די היים...

פאַרגראָבט זי דאָס פּנים אין קישען און וויינט, און וויינט אַזוי שטיל, אַזוי האַרציג... און בעט זיך, איך זאָל זי נישט איבער־לאָזען אַליין...

און זי הויבט אויף דעם קאָפּ — אַ קאָפּ פון אַ פויגעלע — און בעט זיך:

— בלייב דו כאָטש ביי מיר, טאַטע!

און וואָס מיינט איהר, איך האָב לאַנג איבערגעטראַכט? חס־ושלום! וואָכען לאַנג האָט זיך מיר געחלומ'ט, אַז איך שווים מיט טראַטוועס אויף דער ווייקסעל. מיט אַמאָל — אַרויסגעריסען פון האַרץ! איך כאַפּ אַ פּוהרעל, לויף אַהיים — פאַרקויף בחצי חנם דאָס געוועלבעל מיט דער נחלה און קום צוריק, און ציה מיך אַריין צום איידעם. ער קרימט זיך אפילו, נאַר ווער הערט'ן...

און מיינט איהר, עס האָט געהאָלפען?

אָפּגעזאָגט זיך פון לעבען פאַר זיך... פון אַ קדיש זיך אָפּגע־זאָגט... אויס שיפער — אויך הויז, אויס געוועלבעל! — אַלץ, אַבי דאָס שטיקעל קינד צו פאַרזאָרגען, צו ראַטעווען... און זי? געהט נעבעך אויס. ווי אַ ליכט...

מיר אויף דער האַנט, האָט זי די אויגען פאַרשלאָסען. — —
אַז אַהן מזל...

---

עיקר שכחתי...

מיינט איהר אפשר, איך האָב נישט געפונען ביי איהר אונ־טער'ן קישען בריף פון ברענהאָלצ'ען?...

זי האָט זיי אפילו נישט געעפענט.

# שוועסטער.

„דלות" איז א שלעפּער.

ער דערוואַרעמט אין ערגיץ נישט קיין אָרט; וואו ער טאָגט, נעכטיגט ער נישט.

און אַלט איז ער ווי די וועלט!

אויסטערעטענדיג שוין אַזוי פיעל יאָהרען די ערד מיט די פיס אָבער אין געלעכערטע צדקה־שטיוועל, אין וועלכע ער רייבט זיך אַן היהנער־אויגען ווי די עפּעל, וואָלט ער געקאָנט אַרויסגעבען א ריכטיגערע וועלט־געשיכטע, בעסערע ערד־באַשרייבונגען, — וואָל־טען זיי אָבער נישט שעהן אַזוי אויסגעלאָפען — ווי די, וואָס מיר האָבען פון מענשען, וועלכע האָבען אַראָפּגעקוקט אויף דער וועלט פון דער הויך פון הימעל־הויכע שלעסער, פּאַלאַצען און קלויסטער, וואָס לויפען היינט איבער איהר אויף לאָקאָמאָטיווען און אויטאָמאָבילען... אחוץ דעם קאָן דער דלות גאַרנישט שרייבען. ער האָט קיין צייט נישט געהאַט זיך אויסצולערנען, און ער האָט גאָר קיין הענט נישט צו שרייבען! זיינע הענט מיט די וואָרצלען פּאַסען אַזוי צו דער פעדער, ווי זיינע פיס צו די בעלי־צדקה־שטי־וועל. און קיין צייט האָט ער דערצו אויך נישט, אפילו צו דער־צעהלען נישט. א גאַנצען טאָג — אָדער ער אַרבייט, אָדער ער זוכט אַרבייט, אָדער ער זוכט א מטמון אויף ערגעץ א בערגעל מיסט, אָדער ער וואַרפט זיך, א הונגעריגער און א פאַרמאַטער־טער, ערגעץ הינטער א פּלויט און חלומ'ט פון משיח'ס צייטען מיט זעמעל אויף בוימער! ביינאַכט — אָדער ער שלאָפט, ווי א גע־הרג'עטער, אָדער ער וואַרפט זיך ווי א שלאַנג אויפ'ן געלעגער פאַר הונגער, צי פאַר בויך־וועהטאָג פון די מיסט־ממתקים, אָדער ער קוקט נאַריש אין הימעל אַריין און פרעגט זיך, פאַרוואָס עס

דונערט נישט, אָדער נאָך גאָר — ער קינדעלט, על חשבון פון בורא עולם, פון גבירים בעלי־צדקות אָדער גאָר אויפ'ן חשבון פון קהל...

די חשבונות זענען אפנים נישט זיכער, ווייל מאסען גע־קינדעלטע קינדער ווערען פלוצים נעלם — ואיננו! אבער די וואס בלייבען, זענען צושפּרייט און צוזייהט אויף דער וועלט, און שוועס־טער און ברידער הויבען זיך נישט אָן צו קענען, געהען איינס פאר'ן אנדערען פאַרביי אפילו אָהן א שמייכעל אויפ'ן פּנים, גלייך פרעמדע. אויסער, אז זיי טרעפען זיך אמאל אין צוויי אנטקע־גענדיגע בעטען אין א שפּיטאל — קרעכצען זיי אָדער זאָגען ודוי צוזאַמען...

צוויי דלות'עס קינדער קען איך — צוויי שוועסטער, זיי וואוינען שוין עטליכע יאָהר אין וואַרשוי און באגעגענען זיך גאַנץ אָפט און געהען זיך פאַרביי, ווי ווילד־פרעמדע!

איינע וואוינט אין א פינסטער ווינקעלע, צווישען ניין נפשות פון דריי משפחות אין א סוטערינע אויפ'ן מאַקאַטאָוו און ראַנ־געלט זיך מיט זיי נאַכט אויף נאַכט וועגען אביסעל לופט, און די צווייטע ראַנגעלט זיך נאַכט אויף נאַכט וועגען אזא ביסעל לופט מיט צעהן נפשות פון פיער פאמיליען אויפ'ן צווייטען עק וואַרשוי, אין א בוידעם־שטוב אונטער אן אייזערנעם דאַך אויפ'ן שוואַר־צען געסעל. די ערשטע איז א בלאַנדינקע, די צווייטע א ברונעט־קע, נאָר דאס מאַכט נישט אויס — שוועסטער זענען זיי, דלות'עס טעכטער און ביידע האבען דינע, במעט דורכזיכטיגע נאָז־פליגעל, דינע הויטלעך אויף איינגעפאַלענע באַקען און טיף איינגעזאַנגענע אויגען. און ביידע זענען אויך געהטאַרינס ביי ווייסע וועש. די בלאַנ־דינקע אַרבייט פאַר צוואַנציג קאָפּיקעס א טאָג אויף וואוינען, עסען, טרינקען און קליידען זיך פון ניין ביז ניין אין א חברה פון זעכ־צעהן מיידלעך אין א וועש־געשעפט אויפ'ן שוואַרצען געסעל און שלאָגט זיך וועגען אן אָרט נעהנטער צום פענסטער, כאָטש אפצו־אָטעמען, און די ברונעטקע האָט אויך נישט זעהר קיין שטאַרקע ברוסט און חלש'ט פאַר אכצעהן חבר'טאַרינס, וואס אַרבייטען מיט איהר צוזאַמען אין א נישט־זעהר־גרויסער שטוב אויפ'ן „מאַנקאַ־טאָוו“, אויך פאַר צוואַנציג קאָפּיקעס א טאָג פאַר וואוינען, עסען, טרינקען און קליידען זיך. קומט סעזאָן — אַרבייט מען צו א שטיק נאַכט, און דערפון האבען זיך ביידע שוועסטער געמאַכט

ציצענע קליידלעך און געקויפט זיך שטרוי־היטעלעך; אויף שיך האט פארפעהלט. זענען ביידע געפאלען אויף אן עצה — פארשמי־רען די זאקען אין די לעכער מיט טינט...

זיי קענען זיך נישט און דינען זיך דאך ווי ווירקליכע שוועס־טער. ווארים טאג אויף טאג געהט די בלאנדינקע פון מאקאטאוו אפארבייטען א היבש שטיק מעת־לעת פאר איהר שוועסטער דער ברונעטקע אויפ'ן שווארצען געסעל; און די ברונעטקע געהט טאג אויף טאג פון שווארצען געסעל אויפ'ן „מאנקאטאוו" אפצוטון די־זעלבע ארבייט און אין דער זעלבער צייט פאר איהר שוועסטער דער בלאנדינקע.

ביידע געהען דורך דעם זאקסישען גארטען. די ברונעטקע קומט אריין פון דער „קרולעווסקא" און געהט ארויס דורך דער ניעצאלא, און די בלאנדינקע קומט אריין פון דער ניעצאלא און געהט ארויס דורך דער קרולעווסקא.

אינמיטען גארטען טרעפען זיי זיך, נעהען פארביי — און גארנישט.

---

איינמאל יולי צייט האבען זיך ביידע אויפגעכאפט פאר גרוים היץ, זיי האבען זיך ביידע געבאדען אין שוויס און ביידע האט גאר איינגאנצען אטעם פארפעהלט. ביידע זענען כמעט אין איין סעקונדע ארויסגעשפרונגען פון די בעטען: די בלאנדינקע אין סו־טערינע אויפ'ן מאקאטאוו; די ברונעטקע אונטער'ן אייזערנעם דאך אויפ'ן שווארצען געסעל. ביידע האבען זיך געשווינד גע־וואשען, אנגעטאן די ציצענע קליידלעך, נאך אמאל איבערגע־שווארצט די זעקלעך אין די לעכלעך און שפאלטען פון די קאמא־שען און ארויפגעזעצט זיך אויף די קעפ — די שטרויענע היטע־לעך, וואס זיי האבען פעסט צוגענאגעלט. די בלאנדינקע צו די זיידען־בלאנדע און די ברונעטקע צו די סמאלע־שווארצע קוים פאר־פלאכטענע האר, ביידע האבען עס געטאן ביי קיילעכדיגע טאשען־שפיגעלעך און ביידע האבען צו זיך געשמייכעלט... קיין מעשה נישט פון פנים'לעך, צו עפעס ווארעם־לעבעדיגעם און אויך — צו וואנ־סעלעך מיט אויגעלעך. די בלאנדינקע — צו שווארצע און די ברונעטקע צו בלאנדע און בלויע! און ביידע האבען אפגעזיפצט, נאך אן אויג געווארפען אין די שפיגעלעך אריין, און, ווייל עס

איז צו פריה, געלאָפען אין זאַקסישען גאַרטען אַריין... די בלאָנ־דינקע איז אַריינגעקומען דורכ'ן טויער פון קראָלעווסקאַ, די ברונ־נעטקע פון טויער דורך דער ניעצאַלאַ. אַריינקומענדיג, זענען ביידע טרויעריג געוואָרען.

— לינקס — טראַכט די בלאָנדינקע — ביי דעם וואַסער־טרינקען שפּילט מוזיק; לאָזט מען נישט אַריין! — עס פליהט אין דער נאָז אַ געשמאַק פון געברענטע און געקאָכטע קאַווע: „אומזיסט גיט מען נישט."

— לינקס — טראַכט די ברונעטקע, איז דאָס גלאַנצענדיגע וואַסערל מיט די ווייסע שוואַנען, אַ מחיה, ווי זיי קומען צו, אַז מען וואַרפט זיי שטיקלעך זעמעל — האָב איך נאָך אַליין קיין אָנבייסען נישט! — רעכטס, ווייטער־צוציהער, פאַראַן וואַסער מיט זאַפט, זי וואָלט גערן דאָס געטרונקען, נאָר „אומזיסט גיט מען נישט"... —

„אפשר וועט מען אַמאָל געבען", טרייסטען זיך ביידע מיט אַמאָל; זיי זענען דאָך שוועסטער! איילען זיך ביידע אינמיטען גאַרטען אַריין, דאָס געררויש פון די גאַסען צושטויבט זיך צווישען די טויזענטער בלעטער פון ברייט פאַרצווייגטע ביימער און עס איז, דאַכט זיך, אַזוי שטיל, אַזוי שטיל...

און ביידע ווילען זיך זעצען. און ביידע ווייסען, אַז קוים וועלען זיי זיך זעצען, וועלען צוקומען „וואַנסעלעך מיט אויגעלעך" פּלוידערען... גלאַט אַזוי פּלוידערען... עס איז אַנגענעם צו פּלוי־דערען אויף דער פרישער לופט, קעגען די בייטען מיט אַלערליי פאַרביגע בלומען... מען ווערט פון דער פרישער לופט ווי באַ־רוישט; פון בלומען־ריח — פאַר'חלומ'ט און פון די זיסע רייד ווערט טיילמאָל אַזוי הייםליך אונטער'ן לעפעלע פון האַרץ, — כאָטש עס פּלאַצט באַלד ווי אַ זייפען־בלאָז, אָדער מען דערזעהט פּלוצלונג עפּעס שרעקליכעס און מען אַנטלויפט. האָבען אָבער ביי־דע מורא, זיי זאָלען זיך נישט פאַרשמועסען און פאַרשפּעטיגען.

נעמען זיך ביידע אַראָפּ רעכטס, צום זייגער. און ווייל זיי זענען שוועסטער, מוזען זיי עס אין דער זעלבער רגע און קלייבען אויס דיזעלבע באַנק קעגענאיבער דעם ציפערבלאַט און זעצען זיך אויף ביידע עקען.

צי וועלען זיי צו זיך רעדען.

זיי חויבען אן צו ווארפען בליקען אויף זיך. נאר אין דער זעלבער רגע קומען צו צוויי יונגעליים, און זעצען זיך אינמיטען באנק און דרעהען זיך אוים — איינער א ברונעט צו דער בלאנדינקע; דער צווייטער א בלאנדין צו דער ברונעטקע...

צוויי פאר פלוידערען...

און אז דער ווייזער קומט צו צו דריי־פיערטעל ניין, שפרינגען ביידע שוועסטער אויף און אנטלויפען.

די בלאנדינקע פון מאקאטאוו אנטלויפט דורך דער ניעצאלע צום שווארצען געסעל; די ברונעטקע פון שווארצען געסעל — דורך דער קרולעווסקא — קיין מאקאטאוו...

זיי האבען זיך נישט רעכט געזעהן...

אפשר אמאל — אין שפיטאל אשטיינער, וועלען זיי זיך דערזעהן.

# מוסר.

עס געהען צוויי ווייבער הינטער דער שטאדט. איינע א הויכע, שווערע אידענע, מיט בייזע אויגען, שווערע, הילכעדיגע טריט; די צווייטע א דארע, בלאסע, קליינע אידענע מיט אן אראפגעלאזטען קאפ.

— וואו פיהרסט דו מיך, חנה? — פרעגט די צווייטע.

— ווארט, נאך א פאר טריט. זעהסט, דארט צום בערגעל.

— נאך וואס? — פרעגט נאך אמאל די צווייטע מיט א באנג אפגעריסענעם קול, גלייך זי וואלט זיך עפעס געשראקען.

— ווערסט הערען, קום...

זיי זענען צוגעקומען צום בערגעל.

— זעץ דיך, — מאכט חנה.

די צווייטע פאלגט, זעצט זיך אויפ׳ן בערגעל, חנה זעצט זיך לעבען איהר. אין דער שטילקייט פון ווארעמען זומער־טאג, ווייט פון שטאדטישען גערודער, מאכט זיך א געשפרעך:

— גרונע, ווייסט, ווער דיין מאן, עליו השלום, איז געוועזען? אויף גרונע׳ס בלאסען פנים לעגט זיך א שאטען.

— איך ווייס, — ענטפערט זי מיט פארביסענע ליפען.

— א סיפר איז ער געוועזען, גרונע! א כשר׳ער סופר...

— איך ווייס! — מאכט גרונע אומגעדולדיג...

— פאר יעדען אות פלעגט ער זיך טובל׳ען אין מקוה...

— א גראבער ליגען... אז ער פלעגט געהן א פאר מאל אין דער וואך, איז אמת...

— א כשר׳ער איד געוועזען.

— אמת...

— זיין זכות זאל אונז בייזשטעהן...

גרונע שווייגט.

— שווייגסט? — וואונדערט זיך חנה.

— אלץ איינס!

— נישט אלץ איינס! זיין זכות זאל אונז טאקע בייזשטעהן! הערסט?

— איך הער!

— וואס זאגסט דו דערצו?

— וואס זאל איך זאגען, איך ווייס נאר, אז ער איז נ י ש ט בייגעשטאנען...

פויזע. די ווייבער פארשטעהען זיך: דער כשר'ער סופר איז געשטארבען און איבערגעלאזט אן אלמנה מיט דריי יתומים — מיידלעך. גרונע האט שוין מעהר נישט חתונה געהאט, די קינדער קיין שטיף־טאטען נישט געגעבען, אליין אויף זיך און די קינדער געארבייט, נאר קיין מזל און ברכה איז נישט געוועזען... „זיין זכות איז נ י ש ט בייגעשטאנען..."

— און ווייסט דו פארוואס, גרונע? — האקט איהר איבער חנה די שטילקייט.

— עט...

— ווייל דו ביסט זינדיג...

— איך? — און די בלאסע גרונע שפרינגט אויף, ווי אן אונ־טערגעשאסענע, — איך — זינדיג?

— הער, גרונע, זינדיג איז יעדער מענש, נאר דו אודאי...

— אודאי?

— גרונע, נישט אומזיסט האב איך דיך ארויסגעפיהרט הינ־טער דער שטאדט צום טייך צו, אויפ'ן פעלד... קיין פרישע לופט, ברוך השם, דארפען מיר נישט... זעהסט, גרונע... א מאמע, און בפרט א כשר'ן סופר'ס אן אלמנה דארף...

— וואס דארף זי?

— זי דארף זיין פרימער ווי אלע, בעסער ווי אלע און מעהר אכטונג געבען אויף דער טאכטער.

די בלאסע גרונע איז נאך בלאסער געווארען. די אויגען האָ־בען איהר אויפגעפלאמט, די נאז־לעכער צושפרייטען זיך און די בלוי־פארברענטע ליפען ציטערען.

— חנה! — האט זי אויסגעשריגען.

— דו ווייסט, גרונע, איך בין דיר א גוטער פריינד, נאר דעם

אמת מוז איך דיר זאגען, אניט וואלט איך נישט געהאט קיין פאר־
ענטפער פאר גאט... איך וועל דיך נישט בארעדען, דורך מיר וועסט
דו נישט קומען צו לייטען אין די מיילער אריין, עס וועט בלייי־
בען צווישען אונז. אייז גאט אין הימעל וועט הערען...

— ציה מיר נישט די נשמה ארויס!

— נו, הער־זשע! קורץ און שארף... נעכטען פארנאכט, שפעט
פארנאכט בין איך צוריקגעגאנגען פון דער באהן, און — אויף דעם
בערגעל איז געזעסען דיין מירעל...

— איינע אליין?

— ניין.

— מיט וועמען?

— איך ווייס? מיט א קאפעלוש... א צילינדער אפילו... ער
האט זי געקושט אין האלז־און־נאקען... זי האט געלאכט און גע־
כריפעט צוקערקעס...

— איך ווייס!... — רופט זיך אן גרונע מיט א קול ווי פון
קבר ארויס... עס איז נישט דאס ערשטע מאל...

— דו האסט געוואוסט?! וואס? א חתן איז עס?

— ניין...

— נישט? און דו... האסט געשוויגען?

— יא.

— גרונע!

נאר איצט איז שוין גרונע רוהיג.

— אצינד שווייג דו און הער, וואס איך וויל דיר דערצעה־
לען. — זאגט זי מיט א שניידענדיגען קול און, אנכאפענדיג חנה׳ן
ביים ארבעל, נויט זי, זי זאל זיך צוריק זעצען.

— הער, — האט זי ווייטער געצויגען, — אלץ וועל איך דיר
דערצעהלען, און איין גאט אין הימעל וועט אונז הערען!

חנה האט זיך צוריק געזעצט.

— אז מיין מאן איז געשטארבען — הויבט אן גרונע.

— ווי אזוי רעדסט דו עפעס, גרונע?

— ווי אזוי זאל איך רעדען?

— אהן „זכרונו לברכה“? און — „נפטר געווארען“ זאגט
מען?...

— אלץ איינס, נפטר געווארען, צי געשטארבען, באגראבען האט מען איהם...

— צו קבר אבות געקומען...

— זאל זיין צו קבר אבות... נאר מיך האט ער איבערגעלאזט מיט דריי יתומים — טעכטער...

— נעבעך, קיין קדיש נישט געלאזט...

— דריי טעכטער, די עלטסטע —

— גענענדעל —

— אלט געווען פיערצעהן יאהר...

— ביי לייטען איז אזוינס א כלה...

— ביי אונז איז קיין ברויט נישט געווען! פון תנאים שרייבען און לעקאך עסען נישט צו רעדען...

— ווי אזוי רעדסט דו עפעס היינט, גרונע!

— נישט איך רעד, מיין הארץ־וועהטאג רעדט... גענענדעל, ווייסט דו, איז געווען דאס שענסטע מיידעל אין שטאדט.

— היינט אויך... קיין עין־הרע!

— היינט איז זי א זויערע לימאנע — א גרויער צאפ! נאר דאמאלט האט זי געלייכט ווי די זון... און — איך בין דאמאלט דעם פרומען סופר'ס אלמנה געווען! איך האב זי ווי אן אויג אין קאפ געהיט... איך האב געוואוסט, אז היינטיגע צייטען... עס דרעהען זיך ארום כלי־זמרים, שניידערלעך, אזוי דייטשלעך און אלטע בחורים... בית המדרש'ניקעס אפילו פלעגען זיך דרעהען ביים פענסטער... נאר אויף וואס איז א מאמע? א כלה־מיידעל, האב איך געוואוסט, דארף זיין ווי א שפיגעל... און איך האב מיינס באוואוזען; עס איז אויף איהר קיין הויך נישט געפאלען! געהיט האב איך זי, געהיט! קיין אויג נישט אראפגעלאזט, קיין טריט פון שטוב אהן מיר נישט געמאכט, און אלץ מוסר געזאגט... קוק נישט אהער, קוק נישט אהין, דא שטעל דיך נישט, דא מעק דיך נישט... קוק נישט ווי פייגעלעך פליהען...

— נו, זעהר וואויל...

— וואויל ווי די וועלט! — מאכט גרונע ביטער. — קום נאר צו מיר אהיים און זעה, ווי זי זעהט אצינד אויס! יא, זי איז אן אמת עהרליך מיידעל, נאר פון זעקס און דרייסיג יאהר! דאר, די ביינער צו צעהלען, א גערונצעלטע הויט, ווי פארמעט צו תפלין.

אויגען פארלאשענע, דאס פנים זויער, אהן א שמייכעל — אייביג פארביסענע ליפען... גאנץ אפט דאך ברענען אויף די פארלאשענע אויגען — דאס ברענט דאמאלט אין זיי א שנאה, א האס, ווי א גיהנום... און ווייסט דו צו וועמען? ווייסט דו, וועמען זי האט פיינט? וועמען, מאכענדיג מיט די ליפען, זי פארשילט די ביינער?

— וועמען?

— מיר! מיר — איהר אייגענער מאמען!

— וואס רעדסט דו? פארוואס?

— זי אליין ווייס אפשר נישט פארוואס, נאר איך ווייס! איך האב מיך געשטעלט צווישען איהר און דער וועלט, צווישען איהר און דער זון! איך האב איהר, ווי זאל איך דיר עס זאגען? קיין ווארעמקייט און קיין ליכט צום לייב „נישט צוגעלאזט... גאנצע נעכט האב איך דעריבער געקלערט, ביז איך בין עס דערגאנגען. אויף קלאר דערגאנגען! זי מוז מיך פיינט האבען... יעדעס קע־מערל פון איהר לייב האט מיך פיינט!

— וואס רעדסט דו?

— וואס דו הערסט! די שוועסטער האט זי אודאי פיינט, שענער זענען זיי און אינגער!

גרונע כאפט שווער דעם אטעם און חנה קאן צו די געדאנקען נישט קומען... זי הערט עפעס שרעקליכעס; עפעס ערגערס, ווי קראנק זיין, ווי שטארבען, אפילו ווי „אונטער דער חופה שטאר־בען“ — דאס גרעסטע אומגליק, וואס עס טרעפט זיך ביי אידען. און דאך — רבונו של עולם, עס ד א ר ף אזוי זיין!

---

— די אינגערע, לאה'ן, האב איך שוין אין דערהיים נישט געהאלטען... איך האב זי אפגעגעבען פאר א דינסט... — הויבט ווייטער אן גרונע צו דערצעהלען און די שטימע ווערט נאך הייזעריגער, נאך אפגעריסענער...

— איך האב גענוג געשריען דאמאלט, — דערמאנט חנה, — מעשים געטאן... א סופר'ס א טאכטער פאר א דינסט...

—איך האב געוואלט כאטש איהר חתונה מאכען, זאל זי כאטש

אביסעל גרן האבען... פון מיינע ציבעלעס, מיט וועלכע איך האנדעל, קאן מען גרן נישט אויפקלייבען...

און זי האב איך אויך געהיט...

נישט איין בעל־הבית האט אויף איהר אן אויג געווארפען. נישט איין בעל־הבת׳יש קינד האט זיך געוואלט פון איהר א שפּילעכעל מאכען... נאר איך בין א מאמע! איך בין א טרייע מאמע געוועזען! די פיס האב איך מיר אפּגעהאקט און צעהן מאל אין טאג בין איך ביי איהר אין קיך געוועזען, געוויינט און גע׳חלש׳ט, מוסר געזאגט... הא! גוטע ווערטער, פרומע ווערטער גזעאגט!... גאנצע נעכט בין איך נישט געשלאפען און געלייענט דעם קב־הישר און אנדערע הייליגע ספרים אויף עברי־טייטש, און צו־מארגענס איהר איבערדערציהלט... און נאך אייגענס צוגעגעבען! גאט זאל עס מיר מוחל זיין... פון דריי שדים האב איך געמאכט צעהן, פון א שמיץ איז געווארען קאסטרוי, מיט פייער האב איך געשיט! און א שוואך קינד איז עס געוועזען, א שוואך כשר קינד, עס האט זיך געלאזט פיהרען!... דער טאטע אויס׳ן אויג — בלאס, אהן אביסעל בלוט, און אזוינע גוטע, פייכטע אויגען, — נאר שענער איז זי געוועזען...

— דו רעדסט, רחמנא לצלן, ווי פון א טויטער!

— און דו מיינסט, זי לעבט? איך זאג דיר, זי לעבט נישט! זי האט אנגעזאמעלט גרן, און איך האב איהר א מאן געגעבען!

זי האט געבעך געוויינט, אז זי וויל איהם נישט, אז ער איז צו גראב, צו פראסט פאר איהר.

נאר א לערן־קינד נעמט נישט קיין דינסט־מיידעל, בפרט מיט דרייסיג רובל גרן!

איך האב געדאנקט גאט, ווער עס איז! — א שניידער־יונג, איז א שניידער־יונג!

נו! האט ער מיט איהר א יאהר געלעבט — צוגענומען דאס געלט, מיט׳ן געזונט, מיט׳ן רעשט ביסעל כח און איז אוועק...

נאקעט און בלויז האט ער מיר זי אפּגעשטעלט, — נאר מיט א לונגען־פעהלער! זי שפּייט מיט בלוט!... א שאטען איז עס שוין, נישט קיין מענש. עס טוליעט זיך צו מיר ווי א קליין קינד. עס לעגט זיך ווי א לעמעלע!... און גאנצע, גאנצע נעכט וויינט עס...

און ווייסט דו, אויף וועמען זי וויינט?

— אויפ׳ן מאן, ימח שמו!

— נייז, חנה, אויף מיר וויינט זי! א י ך האב זי אומגליק־ליך געמאכט! איהרע טרערען פאלען מיר אויפ'ן הארץ ווי קאַ־כעדיג בליי — זיי סמ'ען מיך, די טרערען...

זי בלייבט וויטער שטיל און כאפט קוים דעם אטעם.

— הכלל? — פרעגט חנה.

— הכלל? — האב איך מיר שוין געזאגט: גענוג! זאל מיין דריטע טאכטער שוין לעבען! לעבען זאל זי, ווי זי וויל!

זי ארבייט אין פאבריק! זעכצעהן שעה אין טאג ארבייט זי, קוים אויף טרוקען ברויט פארדינט זי... זי וויל צוקערקעס אויך, זאל זי עסען! זי וויל לאכען, שטיפען, קושען זיך — זאל זי! הערסט, חנה—זאל זי! איך קאן איהר קיין זיסע זאכען נישט געבען. קיין מאן אודאי און אודאי נישט! א ציטרין פון איהר מאכען, וויל איך נישט, א לונגען־פעהלער געבען — נישט, נישט! זאל שוין די טאכטער מיך נישט האסען, אויף מיר נישט וויינען.

— אבער גרונע, — שרייט חנה אויס דערשראקען, — וואס וועלען זאגען לייט?

— זאלען לייט פריהער אויף ארעמע יתומים רחמנות האבען. נישט ארבייטען מיט זיי ווי מיט אייזלען אומזיסט! זאלען מענ־שען האבען הערצער פון מענשען און נישט האלטען ארעמע לייט צום אויסדריקען ווי לימאנען...

— און גאט? גאט, ברוך הוא!

און גרונע הויבט זיך אויף און שרייט, גלייך זי האט געוואלט, גאט זאל אין הימעל הערען —

— האט גאט געזאלט פריהער יענע פארזארגען...

---

עס איז א שווערע שטילקייט, ביידע ווייבער אטעמען שווער. ביידע שטעהען זיך אקעגען מיט בליצען אין די אויגען.

— גרונע! — שרייט ענדליך אויס חנה — גאט, גאט וועט שטראפען!

— נישט מיך, נישט מיינע טעכטער! גאט איז עהרליך! ער וועט עמיץ אנדערש שטראפען! עמיץ אנדערש!

# דאָס שטריימעל.

זייַ בין איך אַ קירזשנער, נאָר דער עיקר — אַ שטריימעל־מאַכער. אמת איז, אַז דאָס רוב פּרנסה האָב איך פון פוּיערשע סיערמיענגעס און טרעגער־פּעלצלעך.

עס פאַלט אויך אַמאָל אַרייַן לייב־מילנער מיט'ן שאַפּען־פּעלץ...

אמת איז, אַז אַ שטריימעל טרעפט זיך זעלטען, זעהר זעלטען; דען — ווער טראָגט היינט אַ שטריימעל? אַ רב! און אַ שטריימעל לעבט איהם שטענדיג איבער...

אויך איז אמת, אַז ווען עס טרעפט זיך שוין אַ שטריימעל, מאַך איך עס ערשט אומזיסט, אָדער האַלב אומזיסט. לכל הפּחות — לעג איך מייַן אַרבייט צו. דאָס אַלעס בין איך מודה, און דאָך בין איך דער עיקר אַ שטריימעל־מאַכער, ווייל אַ שטריימעל האָב איך ליעב צו מאַכען!

אַז עס קומט מיר אין די הענט אַרייַן, איז „אחרי בלותי" — פיהל איך ערשט וואָס איך בין און וואָס איך קאָן!

פון וואָס דען — זאָגט אַלייַן — זאָל איך הנאה האָבען?

איך פלעג אַמאָל נחת האָבען פון פוּיערשע סיערמיענגעס...

ערשטענס: פאַרוואָס נישט?

צווייטענס: האָב איך מיר געטראַכט: „דאָס פוּיערל גיט אונז ברויט, ער אַרבייט זומער אַזוי שווער און ביטער, און איך קאָן איהם נישט שיצען פאַר דער זון, וועל איך כאָטש ווינטער, ווען ער רוהט, איהם אָפּהיטען פון קעלט!"

און דריטענס, האָב איך געהאַט אַ פייַן ליעדעלע דערצו!

אַ יונגערמאַן בין איך געוועזן, אַ קול האָב איך געהאַט ווי אַ גלאָק, און איך פלעג נעהען און זינגען:

„שטעך נאָדעל, שטעך,
„אַ לעדער ווי אַ בלעך,
„אַ פוטער ווי אַ באַרשט!

„ס'מאכט זיך א סיערמיענגע פיין,
„ס'וועט דעם פויערל ווארעם זיין...
„מרים־לעב, מיך דארשט!"

און אזוי ווייטער! נאך עטליכע סטראפען... און דאס גאנצע ליעדעל, פארשטעהט זיך, איז נאר געמאכט געווארען פאר'ן „מאמר המוסגר'ס" וועגען, עס זאל אויסקומען דער — „מרים־לעב, מיך דארשט!"

ווייל, איהר מוזט וויסען, אז די היינטיגע אשה־צנועה מרת מרים דבשה, איז דאמאלט נאך קיין גבאי'טע נישט געוועזען; זי האט מיך נישט גערופען ווי היינט „בערעל קאלבאס", נאר „בע־רעלע", און איך פלעג זי רופען „מרים־לעב!" און עס איז, בעונותינו הרבים, געוועזען א גרויס ליעבשאפט צווישען אונז, און קוים האט זי דערהערט דעם „מאמר המוסגר" — אז מיך דארשט, האט זי מיר באלד דערלאנגט אביסעל וויינשעל־שנאפס! שנאפס האט א גרויסע פעולה אויפ'ן כח הדם, און איך פלעג זי טאקע תוך כדי דבור אנכאפען ביים קלייד, דערלאנגען א ברענענדיגען קוש אין די רויטע קירשען אריין... און דאפעלט דערפרישט, נעמען זיך צוריק צו דער סיערמיענגע!

היינט — אוים קירשען!

איך הייס „בערעל קאלבאס", זי „מרים דבשה"...

אויך בין איך געוואר געווארען, אז ערד איז דא ווענינ, פויערען — אסך... מען זאגט: צופיעל... אז די „איבעריגע" פויערען ליידען הונגער; אז אפילו פון זעקס מארג ערד קאן מען אויך נישט לע־בען, אז ווינטער, דעריבער, רוהט דאס פויערל נישט.

עס געהט ערשט א „זוואזקע!"

א שעהנע רוה האט ער עס ווינטער! גאנצע טעג און נעכט פיהרט ער ווייץ אין ליבעל'ס מיהל אריין!

וואס קלערט איהר? איך קאן אסך נחת האבען, אז מיין סיער־מיענגע, מיין פראצע, ווערט א גאנצען ווינטער אויבגעווייקט, נאכ־קריכענדיג א פאר פגירה'שע פערד, וואס שלעפען ליבעל מילגער'ס תבואה פאר דרייצעהן גראשען פער זאק, פאר פינף מייל וועגס!

פייש! און וואס האב איך פאר א נחת פון א טרעגער־פעלצעל?

א גאנצען ווינטער טראגט עס זעק כיט מעהל אין לייבעל

מילנערס מיהל אריין און א גאנצען זומער ליגט עס פארזעצט אין שענק פאר ח"י גראשען.

אלול־צייט, אז מען ברענגט עס מיר אויפצוריכטען, ווער איך נאך שכור פון ריח פון שלעכטען בראנפען!

און אז לייבעל מילנער'ס שאפען־פעלץ, בכבודו ובעצמו, פאלט מיר אין די הענט אריין, ווי מיינט איהר, האב איך נחת דערפון?

עס איז טאקע א שאפען־פעלץ, עס איז טאקע א כבוד, מען האט טאקע דערפאר דרך־ארץ אין שטעדטעל; נאר מיר קומט דער־פון קיין גוטס נישט ארויס.

איך האב א מאוס'ע טבע געקריגען: איבער וואס איך זעה, האב איך ליעב צו קלערען: פון וואנען עס קומט? פארוואס עס איז אזוי? צי קאן נישט אנדערש זיין? און אזוי ווי איך קריג לייבעל מילנערס פעלץ אין דער האנט אריין, הויב איך אן צו קלע־רען:

רבונו של עולם! נאך וואס האסט דו באשאפען אזוי פיעל מינים פעלצען? פארוואס האט איינער א שאפען־פעלץ, דער צוויי־טער א טרענער־פעלצעל און דער דריטער א סיערמיענגע און א פיערטער גארנישט?

און קוים הויב איך אן קלערען, פארטראכט איך מיך, די נאדעל בלייבט שטעהן, און האשה־צנועה מרת מרים תחיהווארפט מיר, וואס עס קומט איהר אונטער דער האנט, אין קאפ אריין...

זי וויל גלייך מיט אלע, אז „בערעל קאלבאס" זאל וועניגער קלערען און מעהר ארבייטען...

נאר וואס זאל איך טון, אז איך מוז קלערען! אז איך וויים פארט, אז לייבעל מילנער לאזט זיך נישט פריהער איבער־שטרייכען דעם שאפען־פעלץ, ביז ער רייסט נישט אפ א גראשען פון זאק דער סיערמיענגע, און דעם איינענעם גראשען פער פור דעם פעלצעל...

נו, זאל איך פון דעם נחת האבען?

---

אך, איך האב שיער נישט פארגעסען!

א וואך פאר סליחות האט זיך מיר שיער נישט געמאכט א

נייע מאדנע ארבייט... וואס ווייבער קאנען! עס קומט אריין פרייד דעל די גבאי'טע מיט שרעקליך גרויסע האנטשוה אויף די הענט— איך קוק מיך צו, עס איז א פאר פויערשע שטיוועל — איך האב געמיינט, אז איך פלאץ פאר געלעכטער.

— גוט מארגען! — מאכט זי צו מיר, מיט איהר זיס־אפגעריסען קול'עכעל, — גוט מארגען, בערעלע!

זי איז מיין ווייבס חבר'טע, און איז זיך נוהג, פונקט ווי די גאנצע שטאדט, און רופט מיך „בערעל קאלבאס"; הייסט: בערעלע! און אזוי זיס — איינגעמאכטס דערפון צו פרעגלען! פארשטעה איך שוין, אז זי דארף עפעס צו מיר...

איך קלער, אז זי האט די פויערשע שטיוועל פון א וואגען „אראפגעצווינגען" (עס איז דאך נישט ערגער פאר קליין־געלט פון — צדקה־פושקע) און וויל ביי מיר די סחורה באהאלטען! — פרעג איך זי שטרענג:

— וואס ווילט איהר?

— באלד מיט'ן „ירגזון", — ענטפערט זי נאך זיסער. — האניג רינט איהר פון אלטען מויל ארויס. — באלד „וואס ווילט איהר?" און וואו איז דער „גוט יאהר"!

— זאל זיין „גוט יאהר", נאר אן עק.

— וואס איילסט דו דיך, בערעלע — שמייכעלט זי נאך זיסער — אט, בין איך געקומען דיך פרעגען, אויב דו האסט נישט עטליכע שטיקלעך פוטער.

— און וואס איז, אז כ'האב?

— וואלט איך דיר אנגעשלאגען אן עסק — מאכט זי.

— נו? ארויס דערמיט! רעדט!

— דו זאלסט זיין א גוטער „בערעלע", וואלסט דו מיר אויסגעבעם אט די שטיוועל מיט שטיקלעך פוטער! איך וואלט געהאט אין וואס צו געהן צו סליחות, און דו וואלסט דיר נאר וואלוועל א מצוה געקויפט!

— איהר פארשטעהט א מסחר? א „וואלוועלע מצוה!"

— איהר ווייסט דאך — זאג איך איהר — אז בערעל קאלבאס איז נישט קיין בעל־עסקן אויף מצוות?

— נאר וואס? פון אן ארעמער אידענע וועסט דו געלט נעמען?

— נו, נישט קיין געלט! איך וועל אייך עס טון פאר גאר א

קליינ־גקייט: איך וועל אייך אויסבעטען די שטיוועל, און איהר וועט נאר מיר דערצעהלען אייערע חטאת נעורים...

ווייל זי גישט, האב איך זי אפגעשיקט צו אן איינבינדער!

בעט איך נישט קיין שטיוועל אוים! עס איז מיר אזוי אויך נמאס ומאוס פאר'ן לעבען! איהר לאכט? און דאך, אז איך האב נישט קיין שטריימעל, איז מיר אלעס נמאס ומאוס! ווארים וואס? אויף וואס ארבייט איך? אלץ דעם שטיק חומר אנצולעגען! און מיט וואס? מיט ברויט און מיט קארטאפעל, ברויט אהן קארטאפעל און גאנץ אפט נאך מיט קארטאפעל אהן ברויט, כדאי?

גלויבט מיר, אז א מענש ארבייט פופציג יאהר און עסט פופציג יאהר טאג־טעגליך קארטאפעל, מוז איהם נמאס ומאוס ווערען דאס לעבען! מוז איהם דאך אמאל איינפאלען — זיך, אדער לייבעל מילנער, א מעשה צו טון! און אויב איך עס ווייטער רוהיג מיינע קארטאפעל, און ארבייט ווייטער, האב איך עס נאר דעם שטריימעל צו פארדאנקען!

אז איך קריג א שטריימעל אין דער האנט אריין, ווערט מיר אויפגעפרישט דאס בלוט אין די אדערען! ווייס איך נאך וואס איך לעב!

— — — — — — — — — — — — — —

מאכענדיג דאס שטריימעל, פיהל איך, אז איך האלט א פויגעל אין דער האנט, און אט וועל איך זי עפענען, וועט דער פויגעל ארויספליהען הויך, הויך, קיים מיט'ן אויג צו דערזעהן!

און איך וועל שטעהן און קוקען און קוועלען: דאס איז מיין פויגעל, איך האב'ן געמאכט, איך האב'ן ארויפגעשלאגען אין דער הויך!

אין שטאדט, ברוך השם, האב איך קיין דעה נישט, צו קיין אסיפה רופט מען מיך נישט, אליין געהן, בין איך קיין שניידער נישט, איך קום נישט כמעט ארויס אין גאס אריין! איך האב קיין שטאדט נישט, נישט אין שול, נישט אין בית־המדרש, נישט ביי א מנין! איך האב אויף גארנישט, אין ערגעץ נישט צו שאפען... אין דערהיים איז מרת מרים די רייטערקע! איידער איך פרואוו עפענען דאס מויל צו רעדען א ווארט, באהאנעלט זי מיך

שוין מיט קללות! זי ווייסט שוין, וואס איך וויל זאגען. וואס „בערעל קאַלבאַס“ מיינט, און עס קאַכט!

נו, וואס בין איך? א גאָר־נישט! און דאָך, לאָז איך אמאָל ארויס א שטריימעל אויף קהל — בויגט זיך קהל אין דרייען!

איך זיץ אין דערהיים און שווייג, און מיין שטריימעל שאָקעלט זיך אויבען אָן אויף א חתונה, אויף א ברית, אויף א סעודת מצוה... עס הוידעט זיך איבער'ן גאנצען עולם ביי דער קלפי, ביי א דיון־תורה!

און אז איך דערמאָן מיך אין דער גדולה, וואקסט מיר טאַקע דאָס הארץ...

*   *

*

קענענאיבער מיר וואוינט א שמוקלער... איך בין איהם אסור נישט מקנא!

זאָל זיינער אָן עפּאָלעט, אדער א שליפע, זאגען אויף א י י ן אקס „טרפה!“ און אויפ'ן צ ו ו י י ט ע ן „כשר!“ אדרבא לאָמיר זעהן! און אז מיין שטריימעל זאגט אויף פיער אקסען דורכ־אנאנד: „טרפה!“ ווערט דער קצב אויסגעריסען, די העקער־יונגען באַהאַלטען די ציין אין בייטעל, דאָס גאנצע שטעדטעל האט נייע „נײַן־טעג“, א גאנצע סאָטניע קאַזאַקען קריגט פּאַר זעקס גראָשען א פונט פלייש, און פּאַרפאַלען! עס רעדט קיינער נישט א וואָרט!

אָט, דאָס הייסט א גבורה!

איך געדענק דען נישט? פאַר א יאָהרען איז געווען א פּגירה אויף שאָף.

עפּעס, זאגט מען, מאַכען די שעפּעלעך אזוינע מאָדנע הקפות, ביז זיי פאַרדרעהען די קעפּלעך און פאַלען אנידער טויט! איך בין נישט געווען דערביי; „הקפות“ איז „הקפות“, נאָר מן הסתם האט שוין יענקעל קצב געהאט ווזלוועל שאָפּען־פלייש!

דער וועטערינאַר איז געקומען און געזאָגט: טרפה! מען הערט איהם ווי די קאַץ!

ער האט אראפּגעבראַכט פיערערליי עפּאָלעטען, א פּאַר שלי־פּעס! מען האט זיי אלע אוועקגע־גנב'עט דאָס פלייש פון אונטער

די הענט, און נאך אויפ'ן דריטען טאג האט דאס גאנצע שטעדטעל געהאט וואלוועל כשר־פלייש אויף וועטשערע!

ביי מיין שטריימעל גנב'עט מען נישט! עס דארף קיין שלי־פעס, קיין עפאלעטען נישט, ער אליין ריהרט זיך אויך נישט פון ארט! און כל־זמן מיין שטריימעל זאגט נישט: עס! עפענט זיך אין שטעדטעל קיין מויל נישט אויף!

---

איהר מיינט אפשר, אז די גבורה שטעקט אין דעם, וואס איז א ו נ ט ע ר ' ן שטריימעל? אסור חזיר!

איהר ווייסט אפשר נישט, וואס דעראונטער איז?

איך, ב"ה, ווייס!

די בריאה איז, ב"ה, פריהער אין נאך א קלענערען שטעדטעל א מלמד געוועזען, און מיין טאטע עליו השלום, איידער ער האט גע־זעהן, אז עס וועט שוין פון מיר קיין לייט נישט זיין, האט ער מיך אהין געשיקט צו דער בריאה לערנען! עס איז געוועזען רחמנא ליצלן א שלים־מזל, וואס די וועלט פארמאגט עס נישט! א זעלטע־נער מלמד!

די בעלי־הבתים האבען געזעהן, אז ער קאן זיך נישט אויף קיין „צורת מטבע", האבען זיי איהם באלד אפגעריסען א העלפט שכירות, און די צווייטע העלפט געצאהלט מיט אפגעריבענע צוויי־ערס פאר דרייערס, אדער מיט בלעכענע פיערציגערס; די רבי'צין האט געזעהן, אז זי וועט מיט איהם מיט גוטען נישט ארוים, פלעגט זי איהם טאג־טעגליך דאס בערדעל אויסצופען!

און איהר האט נישט וואס פאראיבעל צו האבען!

ערשטענס האט געפעהלט פרנסה; צווייטענס האט א אידענע ליעב צו צופען; דריטענס, האט ער שוין אזא בערדעל געהאט. וואס האט זיך געבעטען, כמעט גע'חלש'ט, מען זאל עס צופען! עס האט אזוי באשיינפערליך געבעטען, אז מיר תלמידים האבען זיך אויך נישט געקאנט איינהאלטען, און אלע מאל האט זיך אן אנדערער געמוזט אראפלאזען אונטער'ן טיש, צוכאפען זיך צום רבין'ס בערדעל און אויסרייסען א האר!

נו, זאגט אליין! קאן איז אזא בריאה שטעקען א גבורה?

אפשר מיינט איהר, ער איז מיט דער צייט אנדערש גע־ווארען?

אסור חזיר! עס איז אין איהם קיין שום ענדערונג נישט גע־שעהן! די אייגענע קליינע, פארלאשענע, מיט אייטער פארגאסענע, בטלנ'ישע, שטענדיג דערשראקענע אויגען!...

אמת, פאר דחקות איז איהם דאס ערשטע ווייב געשטארבען. נו וואס איז? מאי נפקא מינה? צופט איהם די צווייטע דאס בערדעל! וויבאלד עס בעט זיך, עס חלש'ט, מען זאל עס צו־פען, אז מען קאן עס נישט אפזאגען! און איך אליין, ווען איך זעה עס, קומט מיר אויך דאס וואסער אין מויל אריין, א צופ צו טון!

נאר, וואס דען איז געשעהן? נישט מעהר נאר וואס איך האב איהם א שטריימעל געמאכט!...

איך בין מודה ומתודה, אז נישט מיין עצה איז עס געוועזען! מיר וואלט עס גארנישט איינגעפאלען!

קהל האט באשטעלט און איך האב געמאכט; נאר קוים איז דאס אייגענע קהל געווואר געווארען, אז דאס שטריימעל, וואס זיי האבען ביי מיר באשטעלט, וואס איך ארעמער „בערעל קאלבאס" האב געמאכט, קומט צו פאהרען און איז שוין א וויארסט הינטער דער שטאדט, איז עס ארויסגעלאפען מיט א שמחה, מיט א גדולה! קינדער־און־קייט איז ארויסגעלאפען, קראנקע זענען פון די בעטען ארויס! מען האט אויסגעשפאנט די פערד און גאנץ קהל האט זיך אויף איינמאל געוואלט איינשפאנען און שלעפען מיין שטריימעל; גאט ווייסט, וואס פאר א מחלוקת עס וואלט דערפון ארויס! וואס פאר פעטש, וואס פאר א מסירות... ווען נישט וואס א חכם האט אן עצה געגעבען: מען זאל מאכען א ליציטאציע!

און לייבעל מילנער האט געגעבען ח"י מאל ח"י זהובים, און ער איז געוועזען דאס ערשטע פערד!

נו, שטעקט נישט א גבורה אין מיין שטריימעל?

* *
*

מיין אשה צנועה רופט מיך (אחוץ בערעל קאלבאס) נאר בעל־תאוה'ניק, עזות־מחוצפ'ניק, נבול־פה'ניק, כל־בו'ניק, און וואס דאס וואסער ברענגט איהר אין מויל אריין...

עס איז אמת, א מענש איז קיין חזיר נישט! איך האב הנאה פון א גלייכווערטעל; איך האב אמאל ליעב לייבעל מילנער, איז די אויגען און הינטער די אויגען, אריינצוזעצען א שפילקע.

אויך — וואס וועל איך דא לייקענען? — די דינסט־מיידלעד. וואס נעמען וואסער קענענאיבער אין הויף ביים פלומפ, זענען ח"ו קיין כהנים און דוכענען נישט. האב איך ליעב א קוק צו טון...

נאר, גלייבט מיר, אז נישט דאס דערהאלט מיך ביים לעבען!

מיך דערהאלט ביים לעבען איין זאך: איך וויים, אז איך לאז איין מאל אין א יובל ארוים אז עבודה זרה'לע אויף קהל, און דער גאנצער עולם בוקט זיך צו איהר, צו מיין „מעשי ידי"!

איך וויים, אז מיין אשה צנועה ווארפט מיר די שליסעלעד איבער'ן טיש, אז דאס האט איהר מיין שטריימעל אזוי געהייסען! מיך הערט זי ווי די קאץ, אבער מיין שטריימעל מוז זי פאל־גען!

ווען זי קומט אהיים ערב שבת ויום־טוב פון יאטקע אהן פלייש, און שילט דעם קצב — וויים איך, אז דער קצב איז א מכה שולדיג, אז מיין שטריימעל לאזט זי היינט קיין קוגעל נישט מאכען!

איך וויים, אז ווען זי נעמט נאך גאר א גוטען טאפ און ווארפט איהם ארוים אין גאס אריין, אז דאס האט נישט זי, נאר מיין שטריימעל דעם טאפ ארויסגעווארפען! אז ווען זי נעמט און קנייפט אוים פון ראשטשינע א שטיק טייג און ווארפט עס אין פייער אריין, און הויבט אויף די הענט און פארגלאצט די אויגען צום באל־קען, וויים איך גאנץ גוט, אז דער באלקען הייבט דערפון גארנישט אן צו וויסען, — אז דאס האט גאר מיין שטריימעל דאס שטיקעל טייג פארברענט!

* *
*

און דערביי וויים איך, אז מיין אשה צנועה איז נישט קיין בת־יחידה ביי קהל, און קהל איז נישט קיין בן־יחיד ביי גאט; אז קהל האט אסך אזוינע נשים צדקניות, און גאט ב"ה, האט אסך,

אסך אזוינע קהל'ס, און אז מיין שטריימעל האָט איבער אַלע מיליאָנען מיליאַסען נשים צדקניות צו שאַפען!

מיליאָנען שליסעל ווערען געוואָרפען, מיליאָנען ווייבער מאַכען נישט קיין קוגעל, מיליאָנען טעפּ פּלאַצען אויף די שטיינער אין גאַס, און פון דעם חלה־נעמען וואָלט איך מיך אונטערגענומען מפרנס צו זיין א פּאָלק אביונים!

און ווער טוט דאָס אַלעס! אַלץ מעשי ידי! אַלץ מיין שטריימעל!

* *

*

ווייטער דער שמוקלער! אָט זיצט ער קעגענאיבער דעם פענסטער; זיין פּנים גלאַנצט, גלייך מען וואָלט עס מיט שמאַלץ באַשמירט.

וואָס גלאַנצט עס? וואָס פינקלען איהם די לויפענדיגע אויגעלעך?

ער האָט אנגעדרעהט א פּאָר גאָלדענע שליפעס!

ערשטענס, ווייסען מיר וואָס גאָלד און וואָס מישורא איז! און צווייטענס, ווייס איך, אז א פּאָר שליפעס מוזען צעהן מאָל מעהר זעלנער האָבען הינטער זיך אלס לייבעל'ס שאַפּענפּעלץ — סיערמיענגעס און טרעגער־פעלצלעך! און היינט זאָל פּרוּווען די גרעסטע גאָלדענע שליפע אַרויסגעבען א פּריקאַז: „צעהן אַקסען זאָלסט דו קוילען און א האַלבען קאָכען!" „קרענק זאָלסט דו קייען. פּיערערליי געפעס האָבען און די מילך עסען אויף דער לינקער זייט טעלער!" „פון יעדען ביסען זאָלסט דו וואַרפען א שטיק אין פּייער צי אין וואַסער אריין!" אדער: „יעדער חתן מוז מיר פּריהער ווייזען זיין כלה, און יעדע כלה איהר חתן!" „מיט מיר — אַלעס, אפילו צווזעצטערהייט, אַהן מיר — נישט א לעק!"

די גרעסטע געגעראַלסקע שליפע וועט גאָר די פּאַנטאַזיע, די העזה דערצו נישט האָבען! און ווען יאָ, וואָלט זי געמוזט פאַרזייהען מיט נייע זעלנער די גאַנצע מדינה: ביי יעדען בעט אנידערשטעלען כאָטש א פּאָר קאַזאַקען, איינער זאָל היטען דעם צווייטען, און ביידע — דאָס בעט!

און וויפיעל וואָלט דערביי נאָך גנבות געשעהן, וויפיעל קאָנט־

ראבאנד! וויפיעל וואלט מען אפגעגארט! רבונו של עולם, ווי פאר־
מאגט מען דאס!

און מיין שטריימעל טוט דאס אלעס, און שטיל און פיין, אהן
נאהייקעס, אהן קאזאקען!

איך זיץ מיר גאנץ שטיל אין שטוב און וויים, אז אהן מיין
שטריימעלס ערלויבניש וועט זיך קיין משה'לע צו קיין חנה'לען
נישט צוריהרען, קיין אויג נישט ווארפען!

חס ושלום!

און פארקעהרט, אז מיין שטריימעל הענגט אן אזא משה'לען
אדער א חנה'לען א לונג־און־לעבער אויף דער נאז, איז — צום
טויט! קענכט דו פון איהר נישט אנדערש פטור ווערען, סיידען
מיט'ן לעבען צוזאמען! און ווילסט דו אזוי לאנג נישט ווארטען,
מוזט דו קומען בעטען, חלש'ען פאר'ן אייגענעם שטריימעל:
שטריימעלע, ראטעווע! שטריימעלע, עפען מיר אויף די קייטען!
לאז מיך ארויס פון תפיסה!

* *
*

אין עק גאס איז דא א שענק.

זייט מיין אשה צנועה איז א גבאי'טע געווארען, און גיסט
מיר אויף ווייגשעל קיין שנאפס נישט אויף, כאפ איך מיך דארט
אמאל אריין, דאס הארץ צו דערקאפען! בפרט אין א תענית... על
כל פנים בין א י ך דאך נישט מחויב צו פאסטען; עס איז דאך
פארט מיין אייגען שטריימעל.

דעם שענקער קען איך שוין פון לאנג... ער לעבט אויך נישט
פון מצוות און מעשים טובים... נאר נישט אין דעם בין איך אצינד
אויסען...

צוויי טעכטער האט ער געהאט! צוויי שוועסטער פון איין
טאטע־מאמע! וואס זאג איך, א צווילינג! ווי איך בין א איד.

עס איז דען מעגליך געוועזען איינע פון דער צווייטער צו
אונטערשיידען? און א חן'עוודיגער צווילינג, א ברכה צו מאכען!

פנים'לעך — ווי שמחת־תורה־עפעלעך פון א פאהן ארא̇פ!
באשמעקט — ווי בשמים־פעטעקלעך; אויפגעוואקסען ווי לולבים.

און צוויי פּאר אויגען, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! אז איינע וואַרפט א בליק, דאַכט זיך — א ברילִיאַנט האָט געבליצט, און אַרענטליכע קינדער! אין שענק און דאך ווייט פון שענק!

אין ארון קודש אליין וואָלט מען זיי נישט בעסער און עהר־ליכער ערצויגען!

* *
*

אין שענק געבוירען און דאס זענען מלכות געוועזען! עס האָט קיין איינציגער שכור פאר זיי קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט... קיין סטראַזשניק, קיין אַקציזניק! עס זאָל געוועזען דער גרעסטער מאַן אריינקומען, וואָלט ער אויך, דאַכט זיך, די העזה נישט גע־האַט, איינער אַ קניפּ צו געבען אין בעקעל נישט מיט די הענט. נישט מיט'ן אויג, נישט אפילו אין גדאַנק! איך האָב שיער, שיער נישט געזאָגט: אז אין זיי שטעקט מעהר גבורה ווי אין מיין שטריימעל! און איך וואָלט אַ גראָבען טעות געהאַט!

דאָס שטריימעל, האָט זיך אויסגעוויזען, איז שטאַרקער, טויזענט מאָל שטאַרקער פאר זיי!

* *
*

אַ צווילינג! איינע אַהן דער אנדערער האָט זיך נישט גע־וויזען. אז איינער האָט עפּעס וועה געטאָן, האָט די צווייטע דעם אייגענעם שמערץ געפיהלט... און דאך — ווי געשווינד האָבען זיך זייערע וועגען צושיידט...

דאָס איינענע געטאָן, קוים עטוואָס אַנדערש, און דאך!...

ביידע האָבען זיך פלוצלונג פאַרענדערט: טיילמאָל זענען זיי פרעהליכער, טיילמאָל טרויעריגער און פאַרטראַכטער געוועזען ווי פריהער! — איך קאָן אייך נישט אויסמאָלען, וואָס מיט זיי איז געשעהן. די רעכטע ווערטער ליגען מיר אויף דער צונג, נאָר איך קאָן זיי נישט אַראָפּשאַרען... אַ מענש האָט נישט געלערנט...

נאר אין זיי איז עפּעס טיפער, פעסטער און צוגלייך טרויעריגער און זיסער געווארען...

און מען האט געוואוסט, ווער עס איז שולדיג דערינען: מען האט געטייט מיט די פינגער אויף צוויי משה'לעך, וואס האבען ביידע חנה'לעך נאך שענער, נאך בעסער, נאך חנ'עוודיגער, נאך עפּעס העכער געמאכט!...

עט, עפּעס האב איך אז אנדער לשון באקומען, עס פּאסט גארנישט פאר א קירזשנער! א טרער האט זיך מיר אין די אויגען פארדרעהט: נישט פאר מיינע יאהרען.

מיין אשה צנועה וועט ווייטער זאגען: בעל־תאוה'ניק...

איך וועל אייך שוין לאנג נישט ברייען:

ביידע שוועסטער האבען דאס אייגענע געטאן, כהויה דאס אייגענע, נישט אומזיסט זענען זיי דאך א צווילינג געווען!

ביידע האבען משה'לעך באקומען, און ביידע האבען געמוזט אין א קורצער צייט ארום אריינזעצען קלינעס אין די קליידעלעך!

שעמט אייך נישט, דער סדר עולם איז אזוי; גאטס ווילען איז עס, וואס איז די בושה?

און דאך ווי אנדערש איז ביי יעדערער געשעהן!

איין שוועסטער האט געטראגען פראנק און פריי: פאר גאט אין שול, פאר לייט אין גאס, פאר'ן סטראזשניק, אקציזניק און אלע נעסט אין שענק!

די אייגענע שוועסטער האט זיך דערנאך אין דער ווייט פון די שכורים, אין א שטילע שטוב, אין אווארעמע שטוב, און אין א ווייס בעט אריינגעלעגט.

מען האט די פענסטער פארהאנגען, די גאס מיט שטרוי אויסגעלעגט, עס איז א באבע געקומען; מען האט נאך א דאקטאר געשיקט... דערנאך איז א שמחה געווען... און ווי הייסט א שמחה!

און עס האט אנגעהויבען וואקסען א ניי קליין משה'לע — לתורה, לחופה ולמעשים טובים! און, אז זי האט געזעהן ווי גוט עס איז, שיט זי שוין יאהר ביי יאהר קליינע משה'לעך, און איז א בעל־הבית'טע עד היום הזה...

אבער די צווייטע האט געטראגען בסוד סודות, וועהען געקריגען אין א קעלער, דאס קינד האט אפּגענומען א שווארצע קאץ... איהר קליין משה'לע ליגט שוין לאנג ערגעץ הינטער א צוים.

מעהר וועלען שוין קיין משה'לעך ביי איהר נישט זיין! און איין גאט ווייסט, וואו זי אליין איז אהינגעקומען! — זי איז אוועק!

מען זאגט, אז זי דינט ערגעץ אויף דער וויטער וועלט, אז זי לעקט אפ פון פרעמדע טעלער... אנדערע זאגען, אז זי לעבט שוין נישט מעהר...

א שלעכטען סוף געהאט!

און דער גאנצער חלוק איז געוועזען, וואס דאס ערשטע איז געשעהן אויפ'ן שול־הויף, אויפ'ן אלטען בערגעל מיסט, אונטער א ברודיג שטיק וואלענצייג מיט באזילבערטע אותיות... נאר מיט'ן שטריימעל, — און דאס צווייטע איז געשעהען ערגעץ אין א זינגענדיגען וואלד אויף פרישען גראז מיט פרישע בלומען, אונטער גאטס בלויען הימעל, אויסגעזייהט מיט זיינע שטערען, נאר — אהנ'ם שטריימעל.

עס העלפען נישט קיין שמעקעדיגע בלומען, קיין זינגענדיגער וואלד, נישט גאטס הימעל, נישט זיינע שטערען, נישט גאט אליין! —

נישט אין ז י י אלע שטעקט די גבורה; אין שטריימעל שטעקט זי! נישט אין פאגאנעס, נישט אין שליפעס, נישט אין טויזענט־מאל שענערע חנה'לעך, נאר אלץ אין שטריימעל. אין דעם שטריימעל, וואס איך „בערעל קאלבאס" מאך.

און דאס נאר דערהאלט מיך ביים נארישען לעבען פון קאר־טאפעל.

# אינהאַלט:

זייט


| | |
|---|---|
| שלום בית | 7 |
| אין קעלער שטוב | 12 |
| „אז מען זאגט „משוגע" — גלויב" | 21 |
| דער פעטער שכנא און די מוהמע יאכנא | 32 |
| מענדעל ברײנעס | 42 |
| די אַלמנה | 51 |
| דער משולח | 53 |
| צוזאַמען | 65 |
| א כעס פון א אידענע | 70 |
| עלענד | 77 |
| קלאַץ געשיכטען | 87 |
| א פערשטערטער שבת | 100 |
| דער חלום פון א ליטווישען מלמד | 109 |
| דער כעלמער מלמד | 123 |
| ווי א פרוש איז געוואָרען אוים פרוש | 127 |
| בשעת מגפה | 135 |
| משוגעים | 166 |
| דער משוגענער בטלן | 173 |
| וואָס הייסט נשמה | 186 |
| קינדער | 202 |
| דאָס קראַנקע אינגעל | 217 |
| א ליעבע | 224 |
| משופע | 232 |
| אהן מזל | 249 |
| שוועסטער | 255 |
| מוסר | 260 |
| דאָס שטרײמעל | 267 |